STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05484

YANKEV'S GETSELTN

Ephraim Auerbach

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב'ס געצעלטן

אפרים אויערבאַך

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

ארויסגעגעבן פון
פאַרלאַג מתנות
ביים שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

שער־בלאַט געצייכנט פון
רבקה ניסענזאָן

THE TENTS OF JACOB

By

EPHRAIM AUERBACH

Copyright 1945 by
FARLAG MATONES
New York, N. Y.

Published by
FARLAG MATONES
22 East 17th Street
New York 3, N. Y.

Printed in the U.S.A. by
POSY–SHOULSON PRESS, NEW YORK, N. Y.
255

שיר השירים מיט עברי־טייטש

אַ געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען,
אַלע געזאַנגען האָט געזונגען אַ מלך,
דאָס געזאַנג — אַ מלך דער זון פֿון אַ מלך.
אַלע געזאַנגען זענען טרויעריק און פֿריילעך,
דאָס געזאַנג איז לויטער האַרץ און געדאַנק.
אַלע געזאַנגען זינגט אַ בשר־ודם,
דאָס געזאַנג איז אויסגעבּרענט אין אייביקן פֿלאַם.
אַלע געזאַנגען זענען ווערטער און קלאַנגען,
דאָס געזאַנג איז פֿון גאָט און זיין אומה,
וואָס איז מיט יידן אויף דער ערד געקומען.

קאַפּיטל א׳

קושן קוש מיך מיט די קושן פון דיין מויל,
וואָרן דיין ליבשאַפט איז בעסער פון ווייַן,
ס׳שמעקט דיין נאָמען ווי אייל אַזוי וואויל,
יונגפרויען האָבן דיך ליב דערפאַר.
אויסגעווײילט האָסטו מיך דיין פאָלק צו זיין,
ווי אַ מאַן ווײילט זיך אויס אַ ווייב.
איבער דער פרייד און איבער דעם צער
האָסטו דיין בונד מיט מיר דערהויבן,
שמעקט, ווי אייל, דערפאַר מיין לייב,
ליבערשט פון ווייַן, פון זאַפטיקע טרויבן
וועל איך דיין אייביקע ליבשאַפט לויבן.

שוואַרץ בין איך, ירושלים׳ס טעכטער,
שיין בין איך, ווי די געצעלטן פון קדר,
אויפגעשטאַנען זענען אויף מיר די שעכטער
און צעריסן אויף מיר די קליידער,
זין פון מיין מוטער האָבן אויף מיר געצערנט,
ווייַנגערטנער מיך געשטעלט צו היטן,
וואָרן דיין הימל האָסטו אויף מיר געשטערנט
און מיט מיר דיין בונד פאַרשניטן.
איבער מיר האָט דיין הימל מיט ליכט געבליט,
נאָר מיין אייגענעם ווייַנגאָרטן האָב איך נישט געהיט.

זאָג מיר, דו, וועמען ליב האָט מיין זעל,
וואו אין מיט-טאָג דו פּיטערסט,
עלנט שטיי איך אויף מיין אייגענער שוועל,
ווי אַ שעפעלע אָן אַ היטער,
האָסט פון מיר פאַרהוילן דיין פּנים,
וויסן זאָל איך נישט וואו דו הויערסט,
אָבער סע טוט דאָס האַרץ מיינס אָנען,
אַז ווי איך אין עלנט דו טרויערסט.

כ׳הער דאָס קול דיינס אַזוי צו זאָגן:
אויב דו ווייסט נישט, דו שענצטע פון פרויען,
אין די טריט פון די שאָף גיי,
פיטער די ציקעלעך ביי פאַסטעך־געצעלטן.
וואָרן צו אַ יונגפערד אין פּרעה׳ס רייטוואָגן
ביסטו געגליכן, — צו רימען און שויען.
שיין דיינע באַקן מיט קייטלעך אויף זיי,
שנורן אויף דיין האַלדז פאַרשיינען וועלטן.

כ׳האָב דיר צוריקגעשיקט אַ געזאַנג:
אַז אויף זיין אַנלענשטול האָט דער קעניג געלענט,
האָט מיין אויל זיין וואוילגערוך פאַרשפּרייט,
ליבשאַפט פון מיר צו אים האָט געברענט,
ס׳האָבן, ווי שיין, מיין קאָפּ באַצירט זיינע רייד,
ליכט פון חכמה, וואָס האָט נישט געצאַנקט.

ווייסטו, געליבטער, וואָס דו ביסט?
מויר אַ קרענצל צווישן מיינע בריסט.
ווי אין עין־גדי׳ס גערטנער די ציפּערבלומען
ביסטו, גאָט, צו דיין יידישער אומה.

אַז דער פיינט וויל דאָס לעבן מיינס רויבן,
הער איך ווידער דאָס געזאַנג דיינס צו מיר:
ביסט, מיין געליבטע, מיין קרוין, מיין ציר,
דיינע אויגן זענען טויבן.

פון דער ענגעניש, פון פּיין און קלעם
טו איך, געליבטער, זיך פעדערן,
ס׳קול דיינס איך הער, דיין רוף איך פאַרנעם,
גרין איז אונדזער געלעגער,
אונדזערע הויזבאַלקנס זענען צעדערן,
אונדזערע וואַנטברעטער זענען ציפּרעסן,
וויסטן פאַרוויסטן וועלן נישט די שלעגער
ס׳הויז, וואו סע טוט אונדזער ליבשאַפט נעסטן.

קאַפּיטל ב׳

נאַכט האָט אויף מיר, ווי אַ וואָלף גענידערט,
חיות פּאַרצוקער טוען ברומען,
כ׳וועל דערציילן אָבער און ווידער
פון דער ליבשאַפט פון גאָט צו זיין אומה.
הערט, איר שוימער, הערט, איר צערנער,
ווי צו מיר זינגט גאָט דער גערעכטער:
ווי אַ רויז צווישן די דערנער
איז מיין געליבטע צווישן די טעכטער.

אייביק לויכט פאַר מיר זיין געשטאַלט,
אונדזער געטריישאַפט איז אייביק גרין,
ווי אַן עפּלבוים צווישן ביימער אין וואַלד
איז מיין געליבטער צווישן די זין.
אין זיין שאָטן גלוסט זיך צו זיצן,
זיינע פּירות זענען זים צו מיין גומען,
זיינע בלעטער וועלן אייביק מיך שיצן,
וואָרן איך בין זיין דערוויילטע אומה.

אַז איך בין עלנט און נישט באַדאַכט,
שפּיר איך ווידער אויף זיך זיין באַריר, —
אין זיין וויינשטוב האָט ער מיך געבראַכט,
ליבשאַפט איז געווען זיין פאָן איבער מיר.
ווי אַ געליבטן וועל איך גאָט זוכן,
איבער דער גאָרער ערד וועל איך שיקן
דיר, דו אייביקער, מיין געזאַנג:
לאָבן זאָלט איר מיך מיט קוכנס
און מיט עפּל זאָלט איר מיך קוויקן,
וואָרעם פון ליבשאַפט בין איך קראַנק.

איך באַשווער אייך, טעכטער פון ירושלים,
ביי די הערשן, ביי די הינדן פון פעלד,

אויפוועקן זאָל איר נישט אין מיין געצעלט
ליבשאַפט מיינע צו מיין געטרייען.

פיינט האָבן מיך אַרומגערינגלט,
ס׳לויערט אויף מיר אַ בייז געפאַר,
נאָר מיין ליבע איז ריין ווי גינגאָלד
און זי לייטערט מיך אין מיין צער.
ס׳האַרץ מיינס איז פעלז, כאָטש צעריסן אויף שטיקער,
זאָגן זאָג איך צו מיינע באַדריקער:

ס׳קומט מיין געליבטער, זיין קול טוט גרייכן,
שפרינגט איבער בערג, היפערט איבער הייכן,
צו אַ הערש איז מיין געליבטער געגליכן,
צו אַ יונגהינד מיט קרעפטיקע דיכן,
איבער די שטרעקעס האָט ער צו מיר געשפאַנט
מיט אַ שפאַן אַ יונגן און שטאָלטן,
זעט ווי ער שטייט שוין הינטער דער וואַנט,
קוקט דורכן פענצטער, שפּוקט דורך די שפּאַלטן.

גאָט, ווי לאַנג מיין פינצטערניש געדויערט
און ווי לענגער געדויערט דאָס רויבן,
ווי מיין געליבטער האָט געזען מיך אין טרויער,
האָט ער צו מיר זיין קול אויפגעהויבן:

שטיי־אויף, געליבטע, ס׳וועט דער ווינטער אַוועקגיין,
ס׳איז פון לאַנד שוין פאַרמיטן דער רעגן,
ס׳האָבן זיך שפראָצן באַוויזן אויף דער ערד
און ס׳איז די צייט פון געזאַנג געקומען,
ס׳קול פון דער טערקלטויב האָב איך געהערט,
ווי אין לאַנד טוט זי גלוסטיק ברומען.

ס׳צייטיקט דער פייגנבוים די יונגפייגן זיינע,
ס׳בליען די וויינשטאָקן און וואוילגערוך שפרייטן,
שטיי־אויף, געליבטע, פון ווייטיקן, פיינען,
ס׳נעמט שוין אַ סוף צו דעם מאָרדן און טייטן.

טויב מיינע, ריינע, אין פעלדז־שפּאַלטן דערציטערט,
אין די באַרגטרעפּ פאַר שרעק באַהאַלטן,
שיין דיין געשטאַלט איבער אַלע געשטאַלטן,
קום אַרויס, ס׳איז שוין נאָכן געוויטער,
פינצטערע שאָטנס פון דער ערד אַנטרינען,
פריש איז די זון, ווי אין פריען באַגינען.

קאַפּיטל ג׳

כ׳האָב זיך געוואָלט אין דער פאַלשקייט שטאַרקן,
אומרעכט האָב איך געאַכפּערט, געלויבט,
ווי אַ פאַרקערערן אויף די מאַרקן,
האָב איך געוואָלגערט מיין ריינקייט אין שטויב.
דעם, וואָס געגרונטפעסטיקט האָט ער די ערד,
האָב איך פאַרביטן אויף האָלץ און אויף שטיין,
ס׳האָט זיך די גלוסטשאַפט אין מיר געמערט,
זינד האָט געהאַט דעם זיבעטן חן,
נאָר ווען איך האָב זיך באַטרונקען געוואָוילט,
איז מיר געוואָרן דאָס האַרץ אויסגעהוילט,
ווייַ איז דער פעלשערן, ווינד דער אַנטרינערן,
מער וואָס זי מערט, טוט זי גאָר מינערן,
מער וואָס זי לייכט, אַלץ שטאַרקער דער שאָטן.
זעט, ווי איך וואַרף זיך אין פלאַנטער־געפלעכט,
כ׳האָב זיך באַדענקט, כ׳האָב זיך באַראָטן,
אויף מיין געלעגער דורך די נעכט
האָב איך געגאַרט צו דעם, וואָס מיין זעל
איז אין זיין ליבשאַפט געוועזן אַזוי העל,
כ׳האָב אים געזוכט און נישט געפונען.
אויפשטיין וועל איך און איבער דער שטאָט
וועל איך אַרומגיין אויף אייגן באַראָט,
אין די געמערק, אויף גאַסן, ביים ברונעם,
וועל איך אים זוכן אין זיין גענאָד, —
כ׳האָב אים געזוכט און נישט געפונען.

האָבן געטראָפן מיך די היטער,
די וואָס שלעפן זיך איבער דער שטאָט, —
האָט איר געזען מיין געביטער,
דעם וואָס מיין האַרץ האָט ליב?
ווי איך בין אָפּגעגאַנגען פון זיי אַ טראָט,
האָב איך אים געפונען באַלד,

דעם וואָס מיין האַרץ האָט ליב.
ס'פּנים מיינס האָט מיר אויפגעשטראַלט,
כ'האָב אים געבעטן: גאָט, פאַרגיב,
כ'ווייס, אַז סע זינדיקט קעגן דיר דיין אומה,
אַז אין דער פרעמד האָט זי פאַרקערט,
נאָר צו דיר איז זי צוריקגעקומען,
ווי ס'איז אויף אייביק איר באַשערט.

ווער איז די, וואָס גייט אויף פון דער מדבר,
ווי אַ רויכזייל, מיט ווירצשטויב און מירע?
ס'איז דיין אומה, וואָס גייט אויף פון דער מדבר,
אינעם לאַנד דיינעם טוסטו זי פירן.
האָסט מיך אין מדבר געטאָן באַקרוינען
מיט דער תורה — דיין אייגענער קרוין,
מיר, די פשוט'ע רועי צאן,
איבערגעענטפערט זי צו שוינען.

קום אַרויס, דו טאָכטער פון ציון,
אונדזער אומה געגרייסט דו זעסט?
ווי אַן אָדלער צו דער הייך טוט זי פליען,
צווישן די שטערן איז איר נעסט.

קאַפּיטל די

נידערגעפאַלן בין איך צווישן די אומות,
ווי אַן אומטראַכטערן בין איך פאַרשפּאַט,
בייזע פרעגן זיי וואו מיין רום איז,
וואו איז מיין אָנשפּאַר, וואו איז מיין גאָט?

הערט, איר שפּעטער, איר פאַרלאַכער,
ווי צו אַ כלה האָט גאָט מיך געגליכן,
ווי אין דער ליבשאַפט זיינער אַ וואַכער
האָט ער פאַר מיר דאָס בוך פון ביכער
אויסגעברענט אין פייער און דונער.
אַז ער האָט מיך אין מדבר געפונען,
האָט ער פאַר מיר אַ געזאַנג געשפּונען:

שיין, מיין געליבטע ביסטו שיין,
דיינע אויגן פון הינטערן שלייער
קוקן ווי טויבן אַזוי שטיל און ריין.
ביסט אַ וואַנדערפאַלק, אַ גייער,
נאָר צו דיין אייביקייט וועסטו דערגיין.

דיינע האָר — אַ טשערעדע ציגן
וואָס פונעם גלעד אַרונטער זיך וויגן,
דיינע ציין — ווי זויבערע שאָף,
ווען זיי קומען אַרויף פון געוועש,
דיינע ליפּן — פּעדים שאַרלאַך־שטאָף,
ס׳מויל גיט אַ בלישטש און באַלד אַ פאַרלעש.
ווי דער אויפשניט פון מילגרוים — דיין שלייף,
אויסגעבויגן ווי אַ האַלבע רייף,
שטאַלטנע ווי דוד׳ס טורעם — דיין האַלדז.
איידער דער טאָג האָט זיך צעשטראַלט,
ביז די שאָטנס וועלן אַנטרינען,
וועל איך צום באַרג פון וואוילגערוך גיין,

דאָרטן וועל איך דיך געפינען,
ווי דו ביסט אין דיין ריינקייט אַליין.

שיין ביסטו שיין אין טרויעריקן רום,
האָסט, מיין געליבטע, נישט קיין מום,
פונעם לבנון מיט מיר, מיין כלה,
פונעם לבנון וועסטו אַרונטערשטראַלן,
פונעם חרמון וועסטו אַרונטערבלענדן
מיט דער זויבערקייט וואָס דו פאַרמאָגסט,
פעלקער וועלן צום חרמון זיך ווענדן
צו פאַרנעמען וואָס דו זאָגסט.
האָניק וועט טריפן פון דיינע ליפּן,
ס׳וואָרט דיינס וועט שמעקן מיט פרישע בליטן,
ס׳האַרץ דיינס מיט טואונג וועסטו פאַרקניפּן,
וואָרן מיין אָנזאָג וועסטו היטן.

ביסט אַ פאַרריגלטער גאָרטן אַצינדערט,
ביסט אַ קוואַל אין דער טיף פאַרהוילן,
ס׳האָבן דיין שיינקייט פאַרשטעלט די זינדער,
אָנגעפילט דיין ריינקייט מיט גרוילן,
אָבער ס׳איז אָנגעברייט פאַר דיר אַ טאָג,
ווען דיין קוואַל וועט גיבן אַ שלאָג,
שפּרודלען וועלן וואַסערן פרישע
איבער דער ערד פון מאָרד און רשעות,
פון דיין גאָרטן וועלן פאַלן די ריגלען,
אַז די וועלט זאָל אין אים זיך שפּיגלען.

קאַפּיטל ה׳

שלמה:

אין מיין גאָרטן בין איך, כלה־שוועסטער,
אין מיין גאָרטן בין איך געקומען,
אויפגעוועקט די פייגל אין די נעסטן,
איינגעזאַמלט קרייטעכצער און בלומען,
כ׳האָב מיין סטעלניק און מיין האָניק געגעסן,
כ׳האָב מיין וויין און מילעך געטרונקען.
נאַכט פאַלט צו, איבער מיר פאַרשפרייט
איז אַ בלויקייט, אָנגעזעצט מיט פונקען,
הערט, חברים, הערט, געטרייע, מיינע רייד:
טרינקען טרינקט מיט מיר די ליבשאַפט פון די קרוגן,
ווערט פאַר׳שיכור׳ט פון דער הארצשאַפט צו דער וועלט,
מענטש אין גוטסקייט איז דער קוואַל פון יוגנט,
אויף דער ליבשאַפט איז די ערד געשטעלט.

שולמית:

שלאָפן שלאָף איך און מיין האַרץ איז וואַך,
ס׳קלאַפּט מיין האַרצפריינט אין דער טיר פאַרטרויט:
ברענג מיך, ריינע טויב, אונטער דיין דאַך,
וואָרן ס׳איז מיין קאָפּ פאַרטויט,
פול די האָר מיינע מיט טראָפּנס נאַכט.
כ׳האָב מיין אָפּרוף נישט געוואויגן,
ווערטער אומבאַראַטענע געשיקט:
ס׳העמדל מיינס האָב איך אַראָפּגעצויגן,
ווי וועל איך עס אָנטאָן קריק?
כ׳האָב געוואַשן מיינע פיס אין מירע,
ווי וועל איך זיי אַצינד פאַרשמירן?

שלמה:

כ׳האָב מיין האַנט פון ריגל צוריקגעצויגן,
ווידער האָט די נאַכט אַריינגעזויגן

אין איר טיפער בלויקייט גאָר מיין עלנט,
ביז די זון וועט זיך אויף מיר צעהעלן.

שולמית:

אויפגעשטאַנען פון געלעגער בין איך,
אויפצועפענען די טיר פאַר שלמה'ן,
פון די פינגער אויפן ריגל טוט די מירע רינען,
אויף מיין לייב דער אויל טוט שוימען.
איך צו מיין געליבטן, מיין געליבטער איז אַוועק,
אויסגעגאַנגען איז דאָס האַרץ מיר, ווען ער האָט גערעדט,
כ'האָב געזוכט אים, כ'האָב צו אים די האַנט געשטרעקט,
כ'האָב גערופן און מיין קול האָט אים געגלעט,
נאָר מיין האַרצפריינט האָט מיר נישט געענטפערט.
הערט, איר טעכטער, ווי שולמית טרויערט,
וואָרן ס'האַרץ אירס אין דער בענקעניש פאַרברענט ווערט,
דאָס אַליינקייט אויף איר ליכטיק פנים הויערט.

אין דער שטאָט האָב איך די נאַכט אַרומגעוואַנדערט,
אויסגעוואַלגערט זיך אין שטויב און קויט,
וואָרן אַנדערש איז מיין ליבע, אַנדערש,
שטאַרקער איז מיין ליבע פונעם טויט,
אויף דער זון אין מדבר האָט זי זיך געפיטערט,
צו די שטערן אין דער נאַכט האָט זי געגרייכט, —
ווי, געטראָפן האָבן מיך די טויער־היטער,
ווען דער מזרח־זוים פון הימל האָט געבלייכט,
אויסגעטאָן מיך ביז דער מאַמעס ריינער הויט
און צעפייניקט מיך, צעוואונדיקט ביז צום טויט.

איך באַשווער אייך, טעכטער, ווי איך בין צעשלאָגן,
אַז געפינען זאָלט איר מיר מיין טייערסטע געשאַנק.

מיידלעך:

וואָס, שולמית, זאָלן מיר אים זאָגן?

שולמית:

זאָגט אים, אַז פון ליבע בין איך קראַנק.

מיידלעך:

וואָס איז דיין געליבטער אַנדערש פון די מאַנען,
וואָס באַשוואוירן האָסטו אונדז אַזוי?

שולמית:

לייכט און שטאַלטנע טוט ער שפּאַנען
מיט זיין הויכן, איידעלן געבוי,
לויטער איז ער, פול דערבאַרעמקייט,
זיינע לענדן גאַרטלט ער מיט יושר,
דעם דערנידעריקטן ברענגט ער וואַרעמקייט,
דעם פאַרפינצטערטן ברענגט ער בלוישיין.
ער איז שטראָף אויף שלעכטס און טרייסט אויף גוטס,
פאַר געפאַלענע איז ער אַ שוץ,
ער איז דער געליכטיקטער, געגרעכטער, —
דאָס איז מיין געליבטער, ירושלים׳ס טעכטער.

קאַפּיטל ו׳

וואו האָט דיין געליבטער זיך געקערט,
שענצטע דו פון פרויען אויף דער ערד?

וואו האָט מיין געליבטער זיך געווענדט,
אַז מיין לעצטער פונק האָט אויסגעברענט?

אויב ער הערט מיין וויי־געשריי, מיין קרעכץ פאַרנעמט,
זאָג איך אים: צעשלאָגן בין איך און פאַרשעמט.

אויב פון מיר זיך אָפּגעקערט פונוועגן מיינע זינד,
טראָג אים מיין געטריישאַפט, גוטער ווינט.

דיין געליבטער, זאָגן פיינט מיט שפּאָט,
האָט אראָפּגעגנידערט אין זיין סאָד.

רויזן אויפן שטאָק, בשמים אויף דער בייט, —
און מיט דיר, שולמית, האָט ער זיך צעשיידט.

מילגרוימען און ווינטרויבן האָבן זיך צעצווייט,
דיך האָט ער פאַרוואָרפן, וואַנדער־וואָגל ייד.

צינדט זיך אָן, איר שטערן,
לייכט אַרויס, לבנה,
זיינע רייד צו הערן,
וואָס איך וועל דערמאָנען:

טויב מיינע, מיין גאַנצע,
איינע נאָר דער מאַמעס,
מיט מיין ריינקייט שפּאַנט זי
אויף דער ערד — שולמית.

זעכציק מלכות — אומות,
אכציק קעבסווייבער — פעלקער,
שיינקייט וואָס אָרום איז
וועט ווי גראָז פאַרוועלקן.

פאָלק מיינס פון דער מדבר,
שיין ביסטו ווי תרצה,
ווי דאָס ריינסטע זילבער,
ווי אַ בייט געווירצן.

ס'וועט דיין וואָרט פאַרשמעקן
מיט זיין ריינקייט וואָרער,
גוטסקייט אויפצואוועקן
אויף דער ערד דער גאָרער.

דיין געדאַנק וועט גרינען
מידקייט אָפּצופרישן,
ווי אַ טרונק באַגינען
פונעם נחל קישון.

פייערזייל — דיין וועזער,
איינגאָט, ייד, דיין שטאָם איז,
אָפּקערער און גרייזער,
אָבער מיין שולמית.

וואו האָט דיין געליבטער זיך געקערט,
שענצטע דו פון פרויען אויף דער ערד?

איך צו מיין געליבטן, מיין געליבטער איז צו מיר,
כ'הער שוין זיינע טריט, כ'שפיר שוין זיין באַריר.

קאַפּיטל ז׳

קום צוריק, שולמית, קער זיך אום, מיין אומה,
פון די וועגן טרויער, פון די שליאַכן קרומע,
פונעם וואָגל־וואַנדער איבער זאַמד און שטויב,
קער זיך אום, שולמית, וועלט זאָל אויף דיר קוקן,
ווי געלייטערט האָט דיך דורות פון פאַרצוקן,
ווי דו ביסט אין צער מיין אומעטיקע טויב.

ווער איז די שולמית? — פרעגן די באַדריקער, —
וואָס איז דאָ צו קוקן? פאָלק צעפּליקט אויף שטיקער,
אויסגעמאַרכעוועט דיביינער און צע׳מום׳ט.
פייניקער מיין אומה׳ס, שענדער און באַרויבער,
זעט ווי מיין שולמית, אויסגעקלערט און זויבער,
אונטער מיינע פליגלען פון איר גלות קומט.

גלייך איז זי ווי צעדער, ווי אַ הירשן שפּאַנט זי,
אירע טריט צעוויגטע מיר אַנטקעגן טאַנצן,
ווי דער כרמל איז איר קאָפּ געדיכט באַוואַלדט,
אין די צעפּ — אַ מלך איינגעקניפּט, פאַרפלאָכטן,
ס׳שיינט פון אירע אויגן פירשטערלעכע טאָכטער,
ס׳קול אירס, ווי דער שופר פון באַרג סיני שאַלט.

פעדער זיך, געליבטער, צו די בשמים־בייטן,
לאָמיר זען, צי ס׳האָבן געעפנט זיך די קווייטן,
צי דער מילגרוים בליט שוין, צי דער וויינשטאָק שמעקט, —
צי די פעלקער האָבן הערצער אויפגעעפנט,
צו דעם ריינעם אמת, גוטסקייט דיינם צו טרעפן,
צי גערעכטיקייט האָט שוין די ערד באַדעקט?

קער זיך אום, שולמית, אמת פון דיין גומען
וועט צו פעלקער טריפן, ווי די זאַפט פון בלומען,
דו וועסט זיין דער ערשטער אויפשיין אויף דער ערד,
ס׳האָט דעם מענטשנס בייזקייט ס׳לייב דיינס דורכגעשייטערט,
ס׳ווערט דעם מענטשנס גוטסקייט אין דיין גייסט געלייטערט,
פאַר אַ וועלט האָסטו גערעכטיקייט גענערט.

קאַפּיטל ח׳

אין מיין מוטערס שטוב וועל איך דיך ברענגען,
אַנטרינקען דיך מיט געקאָכטן וויין,
איבער אונדז וועט דער טרויער הענגען
פאַר אַ געדעכעניש פון דיין פּיין.

ווער איז די, וואָס פון מדבר גייט זי,
צו איר געליבטן צוגעדריקט?
זי, מיין אומה, וואָס פעלקער רייצן,
וואָרן צו אויסלייז האָב איך זי געשיקט.

אונטערן עפּלבוים טו איך דיך וועקן,
דאָרט האָט דיין מאַמע דיך געבוירן מיט וויי,
אַז דיין שיינקייט זאָל מיט עפּלגערוך שמעקן,
פאַלן אויף דיר זאָל דאָס בליעכץ ווי שניי.

טו מיך אַרויף אויף דיין האַרץ ווי אַ זיגל,
ווי אַ זיגל, וואָס בריט אויף דיין האַנט,
איך בין דיין שטוב, דיין שוועל, דיין ציגל,
איך בין דיין ליכטשיין אויף דער וואַנט.

שלמה האָט אַ וויינגאָרטן אין בעל־המון
און צו היטער האָט ער אים פאַרטרויט,
איך בין שולמית — זיין אייגענער נאָמען,
האָט ער פאַר מיר דעם וויינגאָרטן געבויט.

דו, וואָס אין צייטיקע גערטנער זיצסטו,
פריינט פאַרנעמען דיין אייביק קול,
טראָגסט זיי אַנטקעגן לוחות געקריצטע,
מיין שולמית ביסטו ווידעראַמאָל.

גאָט דערבאַרעמדיקער

אל מלא רחמים

גאָט דערבאַרעמדיקער, וואָס אין הייכן טוסטו וואוינען,
אונטער דיינע פליגלען ברענג די הייליקע און ריינע,
די, וואָס אומגעבראַכט האָט זיי די בייזע האַנט פון שונא,
די, וואָס זענען פון דער וועלט געגאַנגען אָן באַוויינער.

ווי דאָס ליכט אין הימל, שיינען זיי אַזוי געזויבערט,
די נשמות פון פאַרפייניקטע, געשענדטע גופ'ן,
ווען די לעצטע רגע האָט אויף זיי מיט טויט געשוויבערט,
האָט דאָס קלאָרע האַרץ צו יושר אויף דער וועלט גערופן.

נישט פאַרשניטן האָט דער טויט די יידישע אמונה,
נישט פאַרשטומט דעם נביא'ס וואָרט פון אויסלייז אויף די ליפּן,
גאָט, וואָס דיין גענאָד איז טיפער פון אַ ברונעם,
אינעם קנופּ פון אייביק לעבן זאָלסטו זיי פאַרקניפּן.

ס'האָט געהייליקט זיי דאָס לעבן און דער טויט נאָך מערער,
ס'האָט זיי ריינער נאָך געמאַכט די מערדערישע טומאה,
אַז פאַרשאָלטן זאָלן ווערן צינדער און צעשטערער,
פונעם קרבן זאָל דער אויסלייז, — אונדזער יושר, — קומען.

גאָרער באַשאַף אין געוויין

זאָל קומען פאַר דיר דאָס געוויין
פון דעם וואָס צעשטויבט זיין פאַרזיי,
זיין פעלד וועט צעטראָגן דער ווינט,
זיין פערד וועט נישט האָבן קיין היי,
דער צער פון די שאָף און די רינד
וועט איבער די שטרוישטעכלעך גיין,
דער פויגל, וואָס קומט פון דער פרעמד,
וועט פיקן די ליידיקע זאַנג,
ס׳וועט הערן דער זייער פאַרשעמט
דאָס בייזע, דאָס פויגלגעזאַנג,
אפילו די מילב וועט מיט שטויב
אַנטלויפן פון שטעכיקן פעלד,
די זון — אַ פאַררייכערטע שויב,
וועט קוקן אַרונטער פאַרגעלט.

דער מענטש, וואָס זיין פעלד האָט פאַרזייט,
וויינט קיינמאָל נישט איינער אַליין
אויף ליידיקער, שטויביקער בייט, —
ס׳איז גאָרער באַשאַף אין געוויין.

ס׳איז גאָרער באַשאַף איצט פאַרשעמט
אויף שטיבער צעשטויבט אויפן ווינט,
אויף מענטש, וואָס ווי רויך צערינט,
אויף פרייד און טרויער, וואָס וויסט
דער אויפגאַנג פון טאָג זיי באַגריסט,
אפילו געוויין ווער פאַרנעמט,
אַז גאָרער באַשאַף איז פאַרשעמט?

היים פון האַרצן שעפּן

האָסט מיין היים מיט דער האַנט אויסגעריסן,
האָסט פּאַרוויסט אי די פרייד, אי דעם טרויער,
נאָר דעם טעם פונעם ערשטן בּיסן
שפּיר איך איצטער נאָך אויף מיין גומען,
כ׳הער דעם אַקערערס שניט אין דער רויערד,
כ׳זע דעם סטעפּ אינעם פריי־יאָר מיט מום׳ען
און דערנאָך — אַזאַ יונגען און קלוגען,
מיטן אויפשפּראָץ פון וואַקסן און וויסן,
מיט דער פולקייט פון וויינען אין קרוגן,
מיטן אומעט אין אויגן ביי לעמער.
כ׳שטיי נאָך איצט צווישן יידן אויף סטעפּעס,
ביי דער בּריק, צי אין שול ביים באַלעמער, —
כ׳וועל פון האַרצן די היים מיינע שעפּן
און צוריקבּרענגען פולע די עמערס.

האָסט פּאַרוויסט אי די פרייד, אי דעם טרויער,
האָסט מיין היים אויפן ווינט צעהורבעט,
כ׳וועל צוריק זי אין וואָרט אויפבויען,
מיט געוויין אויף די יידישע חורבות.

אַ טאָרבע ליכט

ס'האָט זיך אָנגעטרונקען די נאַכט מיט לבנה
און גייט איבער די שטיבער גוט־יום־טוב־ביטן,
מיט אַ טאָרבע ליכט, מיט אַ כשר'ן פּנים,
מיט די שטערן, וואָס זאָלן פון בייז זי באַהיטן.

צו מיין פענצטער איז זי צוגאַסט געקומען,
אַזאַ שטיל־באַריידעוודיקע און פולע,
ווי די דאָרפישע, די הישדיענער מומע,
וואָס ברענגט ווייץ און הינער און פרעגט אויף דער גאולה.

ס'איז געווען מיר היימיש מיט דער נאַכט ביים פענצטער,
כאָטש אין שטוב אַריין זאָל איך זי פאַרבעטן,
ווי דער באָבעס שטערנטיכל, זאָג איך איר, בלענדסטו,
און די אויגן דיינע פאַרשיינען דאָס שטעטל.

האָט די נאַכט מיט מיר געלערנט אַ קאַפּיטל תהלים
און זיך אָנגעלענט אויפן ווייסן באַשטידל, —
אַ געזאַנג צו דוד'ן, דעם פּאַסטעך דעם שטילן,
ווען געשפּילט פאַר שאול'ן האָט ער אויפן פידל.

ס'האָט אַ שאָרך געטאָן דער ווינט אין די שויבן,
דאָס געזאַנג דוד'ס גייט אַרום אין די ליקלעך,
נאָר די נאַכט האָט מיטאַמאָל זיך אויפגעהויבן
און אין דינער שאַל זיך איינגעוויקלט.

ס'האָט איר פּנים אָנגעהויבן צו בלייכן,
אויף די אויגן איז דער טוי געהאָנגען, ווי טרערן,
ווי ס'האָט גאָט אַליין איר געגעבן אַ צייכן
זיך געזעגענען מיט מיר און מיט די שטערן.

כ'האָב מיט יענער נאַכט זיך שוין לאַנג געזעגנט,
ס'איז דאָס האַרץ אַצינד מיר דורכגעבויערט,
ס'איז אפילו נישטאָ ביי וועמען צו פרעגן,
אַז פאַרוויסט איז די היים, אי די פרייד, אי דער טרויער.

קול מבשר

אויפֿן שניי איז נאָך אויסגעוועבט דער גאַנג פֿון קראָען,
ס'איז נאָך קאַלט דער רויך און נאָך קעלטער דער קוימען,
נאָר פֿונוויַיט אַ געזאַנג טראָגט זיך די לעצטע שעה'ען:
קול מבשר, מבשר ואומר.

ס'האָט אַ לעמעלע געבראַכט אחיעזר פֿון סטינע,
מיט אַ ציטער קוקט עס, ברעכט זיך און מעקעט,
ס'איז אויף דער וועלט געקומען היינט באַגינען
מיט די גרויסע אויגן דאָס פֿרי־יאָר צו וועקן.

ס'איז דער טאָג מוטנע, ערשט דער אָנהייב אין אדר,
אויף די טאַפּליעס זענען אָנגעוואַקסן בלאַטערס,
אויפֿן היי ליגט נאָך די קו צונויפֿגעקנאָדערט,
מיט אַ שטעכיקער פֿעל גייט אַרום נאָך דער קאָטער.

נאָר דאָס לעמעלע שטעלט זיך אויף די דינע קנאַכן,
גיט אַ שפּרונג, פֿאַלט אַנידער און הייבט זיך אויף ווידער,
יידן קומען אין פֿעלצן און מאַכן אַ ברכה
אויפֿן ערשטן געבורט, ווי ס'שטייט געשריבן אין סידור.

ס'האָט פֿאַרשמעקט די שטוב מיט ווייץ און מיט קאָרן,
מיט צעשפּריצטן רעגן, מיט ווינט אין די זאַנגען, —
ווי אַ רויז ביסטו אינעם טאָל פֿונעם שרון,
זינגט אַרום פֿון מיר דאָס געזאַנג פֿון געזאַנגען.

ווײַנט אַרוים פֿון מיר דאָס געוויין פֿון געווייִנען,
האָסט פֿאַרוויסט מײַן היים, אי די פֿרייד, אי דעם טרויער,
ס'גייט אַ לעבן ליכטיק דורך דורות בײַ אײנעם,
נאָר בײַ מיר האָט דאָס ליכט אַזוי ווייניק געדויערט.

ס'וועט דאָס לעמעלע ווידער געבוירן ווערן,
ס'וועט די זון מיט גאָלד די כּמאַרעס באַזוימען,
נאָר דעם רוף אין מײַן היים ווער וועט דערהערן,
קול מבשר, מבשר ואומר?

אַ הילצערן בריקל

ס׳איז געווען נישט מער ווי אַ הילצערן בריקל,
וואָס האָט איבער דער ריטשקע זיך געהוידעט,
נאָר פון יענער זייט האָט זיך די וועלט צעוויקלט,
ס׳האָט אַ בערגל זיך דאָרט געקאָרבט און געגוידערט,
ס׳איז דער שליאַך געגאַנגען אין אַ גרינעם גאַרטל,
מיט אַן אויסגענייטן, זיידענעם העמד,
ס׳האָט דאָס פעלד זיך די קוטשערן צעקעמט,
און געשטעלט זיך ביים וועג אויפן ווינט צו וואַרטן, —
ס׳איז געווען נישט מער ווי אַ הילצערן בריקל,
וואָס געהאָנגען איז עס ווי אויף אַ שטריקל.

ס׳האָבן גויעם פון יענער זייט גרעט געפּראַלעט
און געשעמט האָב איך זיך פאַר די נאַקעטע ליטקעס, —
אין דער היים האָבן ווייבער געהילט זיך אין שאַלן
און דאָס לייב פאַרהוילן מיט כשר׳ער צדקות, —
נאָר געווען איז בינדל. ווי ווינט, קוטשעראַווע
און אַריבערן בריקל האָט זי מיך געפירט,
ס׳האָט פון גויאשע שטיבער געשמעקט מיט שפּירט,
און אין מיר האָט געזונגען: עזה כמות אהבה,
דו ביסט שענער, בינדל, פון זומער־פאַרפריען,
זינג איך דיר: ישקני מנשיקות פיהו.

כ׳וועל דעם שור־הבר, בינדל, אַמאָל צעפּליקן
און משיח וועט קומען אויפן ווייסן אייזל, —
נאָר זי קוקט מיט בלויקייט אַריבערן בריקל
און דערלאַנגט מיר פאַרשעמט אַ זוניק רייזל.
זי אַנטלויפט, און די האַנט מיינע בליט און שעמט זיך,
פונעם וואַסער טראָגט זיך אַ פּליעסק, ווי אַ לאַך,
ס׳האָט די זון זיך געלייגט צוקאָפּנס ביים שליאַך,
פון דער ריטשקע קוקט בינדל אַרויס ווי פון פענצטער, —
און פאַרוואָס זאָל פון די גויעס שרייען די טומאה?
און פאַרוואָס זאָלן סטעפּעס זיין פול מיט אומעט?

כ׳בין צוריק אין חדר. פאַר סוכות. קהלת.
ס׳איז דער מלך שלמה שוין מיד פון פון זיין חכמה,
ס׳איז דער רבי נאָך מידער, דאָס פּנים זיינס געל איז,
און די הענט ביי אים קרישלען זיך, ווי קראָכמעל.
פון דער וואַנט קוקט אַרונטער דער ווילנער גאון,
דורכן פענצטער קלעטערט אַריין דער טאָג,
אין אַ ווינקל זיצט בינדל און שטריקט אַ זאָק
און די האָר ביי איר זענען ווי גילדענע שטרויען,
ס׳האָט אין זונשטויב זיך אָנגעטאָן דער אומעט
און גייט איבער דער שטוב אַרום מיט אַ קלומעק.

האָסט פאַרוויסט די היים, אי די פרייד, אי דעם טרויער,
כ׳וועל זיי טראָגן צו דיר, ווי אַ קינד אויף די הענט,
כ׳וועל זיי ברענגען אפילו צום לעצטן טויער,
ביז פאַרלעשן אין מיר וועט זיך דער לעצטער בלענד.

דער טרויער טרינקט זון

פון דער ערד זענען יידן געוואַקסן
און צום הימל די פּעדעם געשפּונען,
אין די פריע נאָך־פּסח שלאַקסן,
אין די תּמוז׳דיקע זונען,
ס׳איז די ערד געווען ווי אַ ברונעם
פונעם הימל פרייד אָנצושאַרן,
ס׳איז דער הימל געווען דער אַקסל
פאַר דער ערד זיך אָנצושפּאַרן,
צווישן הייך און צווישן נידער,
ווי אַ בוים האָט געבליט דאָס סידור.

ס׳האָט דער טרויער זון געטרונקען,
ס׳האָט די פרייד זיך אין כמאַרעס געגאָסן,
אין די נעכט האָבן שטערן, ווי פונקען,
אויפגעוועקט די פרומע חצות׳ן,
וויפל שפּאַן האָט דאָס וואָרט אויסגעמאָסטן
אין דער לענג און ברייט פון חדר,
איין געטראַנק אויסצומישן פון ביידע, —
דאָס געטראַנק האָט דער חורבן פאַרזויערט,
האָסט פאַרוויסט אי די פרייד, אי דעם טרויער.

מאַי 1940

אַזויפיל בלוט איז אָפּגערונען,
אַזויפיל לעבנס אויסגעצאַנקען,
נאָר ס׳שיינען נאָך אין אונדז די זונען
פון ערשטע, ליכטיקע געדאַנקען.

ס׳איז דאָ אַן אמת, וואָס אין פיינען
צעקרוינט ער זיך מיט שיין נאָך העלער,
דער אמת הבל׳ס קעגן קין׳ען,
דאָס לעבן קעגן מאָרד צו שטעלן.

ס׳האָט אונדזער אמת אויפגעציטערט
מיט מענטשנס רים זיך צו באַפרייען,
און מיר, די אומעטיקע ריטער,
דערטראָגן אים צום לעצטן קין.

ס׳איז מאַי אַצינד, איך זע די ביימער
פאַרשפּעטיקט הייבן־אָן צו בליען,
דו זון הייבט־אָן אַרומצוזיימען
די קאַלטע, ניכטערע פּאַרפריען.

נאָר ס׳רייסן זיך אַרוים געוויקסן,
דאָס לעבן איז אין זיי געקלאַמערט, —
דער אמת אונדזערער, אין רויך פון ביקסן,
פאַר גאָרער וועלט ווערט אויסגעהאַמערט.

מיר זאָגן איצט, ווי אַלע יאָרן:
אין פּיין ווערט אונדזער אמת לויטער,
מיר טוליען אים אין צייט פון צאָרן,
מיר טראָגן אים דורך אַלע טויטן.

דאָס אַקאַציע־צווייגל

פונעם דאָרף האָט ער אַ צווייגל מיטגענומען,
אַן אַקאַציע־צווייגל. ס'האָט געטריפט נאָך זאַפט
פונעם שניט אין דער קאָרע. אויפן גומען
האָט ער שאַרף געשפּירט דעם ריח און די קראַפט
פון געוויקס, פון וואָרצלען, ערד און בלעטער.
ווי אַ צעשניטענעם פינגער, וואָס בלוט נאָך רינט,
האָט ער עס פאַרבונדן, צו היטן פונעם ווינט,
און געבראַכט מיט זיך אין די ווענט פון געטאָ.

אויפדערנאַכט, אַז די לבנה האָט בלייכע בינטלעך
שיין געוואָרפן אויף דער געטאָ, האָט ער עס פאַרזעצט.
אויף דער זייט געבויגן האָבן עס געקרייזלטע ווינטלעך,
און באַזונגען האָבן עס הונגעריקע קעץ.
דאָס געוויין איז געשלאָפן אין די שמאָלע ליקלעך.
פון די רינוועס האָט ער זשמעניעס וואַסער אָנגעשעפּט
צו באַוואַסערן דאָס צווייגל, וואָס האָט נאָך געלעבט,
און געזאָגט: אַז סע לעבט נאָך, בין איך גליקלעך.

וויפל אומעטיקע טעג זענען אויסגערונען,
וויפל אָנגעפילטע מעסטלעך האָט פאַרזייט דער טויט, —
דאָס אַקאַציע־ביימל האָט אַן אָנשפּאַר זיך געפונען
ביים שטאַכעטל פון אַן אָפּגעבראָכענעם פּלויט.
אין דער טיף צעפּעדעמט זיך, צו זאַפט געקלעטערט,
אין דער הייך צעצווייגט זיך מיט אַ דין געוועב.
כאָטש געווען איז עס אַ פינגער נאָר די גרעב,
האָט געבליט אויף דעם אַ ווייסע קרוין מיט בלעטער.

איצט איז ווינטער, און דאָס ביימל האָט פאַרוויאַנעט,
נאָר דער ווייסער שניי האָט זיך אויף דעם צעבליט,
אין די כמורנע טעג שיינט אַ ליכטיקייט פונדאַנעט,
פון דער נאָענטקייט, דאַכט זיך, אַ ווייטקייט ציט,
ס׳שטייט אַ מענטש און מיט ווערטער נישט גערעדטע,
נאָר מיט ציטער אין פיבערדיקן בליק:
מיין אַקאַציע, איך ווייס, אויפגיין וועסטו צוריק,
ווי פאַרן לעבן אונדזערן אין די ווענט פון געטאָ.

אויף די ברעגן פון דער ווייסל

אויף די ברעגן פון דער ווייסל דאָרט זענען מיר געזעסן
און אויף אירע מוטנע וואַסערן האָבן מיר געטרויערט,
מיר — פאַרטריבענע פון לאָדז, פון דאַנציג און פון העסן,
מיר — פאַרריגלטע, פאַרזיגלטע אין געטאָ־טויער.

אויף די חורבות אויפגעהויבן האָבן מיר די חרפה,
ס׳האָט געשפּילט אויף איר דער ווינט, ווי אויף סטרונעס דינע,
וויפל טרויער ס׳איז געווען אין בבל׳ס שטומע האַרפעס,
אַזוי פול געווען די ווייסל מיטן סם פון שנאה.

אַז די זון פאַרגייט אויף דער מענגע ענגע געטאָ־שטיבער,
קומט דאָס ווידער׳קול פון דורות, ווי אַ זייל פון פייער,
פון דער ערשטער געטאָ אויפן ברעג פון בלויען טיבער,
ביז די געלע לאַטעס אין וואָרמס, מאַינץ און שפּייער.

קלאַפּט דאָס ווידער׳קול אין טירן, שיינט אַריין אין שויבן,
מיט דערשרעקן די קינדער פרעגן: ווער איז דאָ געקומען?
פון די גרויע טרויער־ווייטן, איילי־ולי, דער גלויבן,
אויף ביינאַכט צו זינגען אייך דאָס ליד פון אונדזער אומה.

דאָס געזאַנג פון עלנט־שוועלן הינטער טויער־גראַטעס,
פון דער זון, וואָס גנב׳עט אונדז אַריין אַ בינטל שטראַלן,
פון דערגרייכן צייכנס יידישקייט — די געלע לאַטעס,
מיט דער נאַכט איז, איילי־ולי, אונדזער גלויבן צוגעפאַלן.

פילסט, ער קושט דיך? איילי־ולי, ער וועט שטעלן
דיך צוקאָפּנס, קינד מיינס, אַלע פרומע פון דער אומה,
דיך צו בענטשן אויף די אומעטיקע געטאָ־שוועלן,
דיך צו שטאַרקן אויף די געסלעך, הויקערדיקע, קרומע.

אויף די ברעגן פון דער ווייסל צאַנקען פרי די קנויטן,
ס׳רינט אַרוים דאָס ליכט פון שויבן, נאַכט זאָל עס באַרויבן,
וויפל לויערן און טרויערן אויף אונדז די טויטן, —
ווער געקומען אין דער פינצטער? איילי־ולי, דער גלויבן.

אין דער פינצטער, פונדערווייטנס קומט אַ גאַסט אַ ליבער,
אויסגעזוען אַ וועלט מיט לענדער און אַ וועלט מיט יאָרן,
אין די גריבער, אין די שטיבער, אין די וואַסערן פון טיבער,
זעט אים, קינדער, אונדזער צינדער, אַזאַ ליכטיקן און קלאָרן.

אויף די ברעגן פון דער ווייסל, אין די שעה׳ען שפּעטע,
גייט פון שטוב־צו־שטוב דער אורח, — יידן קיין עין הרע,
ווערטער לייכטן נישט־געדעטע אין די ווענט פון געטאָ,
אינעם גלויבן שיינען אויגן, ווי די זונען קלאָרע.

אויף דער שוועל

אויף דער שוועל פונעם אומאַנער שטיבל
זיצט צעפלאָקערט דער בראַסלאַווער חסיד,
ס'איז צעאַקערט די גאַס און צעדריבלט,
ס'ליגן ווענט ווי אונטערגעקאַסעט,
וויפל טעג ס'האָט דאָס פייער געררייכערט,
וויפל נעכט ס'האָט דער פריסעק געטליעט, —
דער פאַרטאָג, אַ צעשראָקענער, בלייכער,
ווי אַ פויגל אַ קראַנקער פּרואווט פליען,
נאָר דער ברעג פון זיין פליגל איז געל
און ער פאַלט אויף דער אומאַנער שוועל.

שטייט דער אומאַנער אויף ווי אַ פויגל,
וואָס צעשפרייט זיינע פליגלען צום פליען,
ער צינדט אונטער דעם טאָג מיט די אויגן
און צעזינגט זיך: אַ, גאָט, דיין עליה,
איך בין גרייט, איך בין גרייט, איך בין גרייטער,
איך בין דאָ, איך בין דאָ, איך וועל זיין נאָך,
כ'האָב געשטריקט פון מיין גלויבן אַ לייטער
און איך שעפּ אויף די טרעפּ דיינע שיינען,
כ'וועל דיך הייליקן, גאָט, אויף דער ערד,
אויב ס'איז ווייטער מיר לעבן באַשערט.

אַ באַלעמער געווען, אַ פּרוכת,
ס'איז דיין ריינקייט געשטאַנען אין אָרון,
קעגן טויט, קעגן פלאַם, קעגן רויכן
האָבן ווענט, האָט דער דאַך נישט באַוואָרנט,
ס'האָבן הענט זיי געריסן מיט טומאה,
נאָר אַ שוועל איז געבליבן — אַ טויער
צום געדאַנק, צום געמיט, וואָס איז אומאַן,
צו דער אייביקער שיין פונעם זהר,
נאָר אַ שוועל, נאָר אַ טרעפּ, נאָר אַ טראָט,
מיט דער רחבות פון שטייגן צו גאָט.

דער פאַרפרי איז איצט ציטערדיק לויטער,
ס'רינט אַ ליבשאַפט פון טויזנטער קוואַלן,
אויף די חורבות, אויף פלויטן, אויף טויטן,
אויף דער אימה, וואָס איז דאָ געפאַלן,
ס'טראָגט דעם חסיד'ס געזאַנג זיך נאָך העכער:
האָסט, ר' נחמן, געלאָזט אַ ירושה,
וואָס מיט ווייַן איז זי פול ווי אַ בעכער,
וואָס דעם חורבן אפילו צו קושן, —
פון דער שוועל, פונעם תל, פונעם שטעל
וועט אַ וועלט זיך צעעפענען העל.

ווידער אָנהייב

פונוואַנעט האָסטו אָנגעהויבן?
פון אלף, בית און גימל,
דאָס אות איז דיינס אַ שטרעקע,
דאָס וואָרט — אַ טרעפּ צום הימל,
פון שורות, ווי פון שויבן,
קוקסטו אַרוים צום פעלד,
די פסוקים חומש שמעקן
מיט יעקב׳ס שטיל געצעלט,
די פולע זאַנגען רוישן
מיט יוסף׳ס כתונת פסים,
דער ווינט — אַז ישיר משה
צעכוואַליעט אויפן וואַסער.
ווער וויינט אין חשונ׳דיקע נעכט
און ס׳האַרץ צעררייסט אויף צווייען?
דאָס ליכטל צאַנקט, דער רעגן שטעכט, —
אוי, רחל מבכה על בניה.

די זון האָט זיך אויף שניי צעבלענדיקט,
פון דעכער טראָפּנס רינען,
די שטרעקע איינגעשרומפּן,
דאָס וואָרט ווילסטו געפינען,
דער קרייז האָט זיך פאַרענדיקט,
הייב־אָן פון אלף, בית,
נאָר ס׳קלינגט דאָס קול דיינס שטומפּיק,
דער קוק איז דיר פאַרגלייזט,
דער גאַנג איז אָנהייב, סוף פון ציקל,
נאָר אייביק דער באַשעפער איז,
מיט אַש דער קאָפּ, אין שמאַטעס איינגעוויקלט,
זיצט יעקב אויפן וועג קיין אפרת,
די שבטים ציען זיך פאַרביי
אין ווינט, אין פראָסט, אין שנייען,
הייב־אויף דיין קול און ווידער שריי:
אוי, רחל מבכה על בניה.

אָפּגעטאָן דיין טרויער

גאָט׳ס טרויער רוט אויף בליעכיץ און געוויקסן,
אויף ערד, וואָס טרינקט די זון זיינע, און רעגן,
דעם מענטשנ׳ס טרויער ברענט אַרויס פון ביקסן
און קלאָגט זיך אויס אין בלוטיקע געשלעגן.

דער טרויער דיינער, גאָט, האָט מיך געוואַרעמט,
אַ טאַטע איז ער מיר געווען, אַ שפּייזער,
כרחם אָב על בנים זיך דערבאַרעמט
און אָנגעצונדן אין דער נאַכט פאַר מיר אַ ווייזער.

איצט ברענט דעם מענטשנ׳ס טרויער אינעם דאָרן,
דעם טויט פּאַרזייט דער ווינט מיט פונקען,
האָסט אָפּגעטאָן דיין טרויער אפילו פונעם קאָרן,
פאַרדאַרט דעם קוואַל, וואָס כ׳האָב פון אים געטרונקען.

אַ וועלט האָסטו באַשאַפן, גאָט, פאַרטרוי איר
דאָס ביסל גוטס, וואָס דו האָסט אויסגעלייטערט,
ס׳איז קאַלט, ס׳איז פינצטער אָן דיין ריינעם טרויער,
דאָס האַרץ ווערט קלענער ביי דעם מענטשנ׳ס שייטערס.

דער פאַרשטעלטער ייד

דאָס בין איך, דער אייגענער, דערקענסט מיך נישט, מיין גאָט?
ביים בית-עלמין אין קאָפּרעשט האָב איך געלעבט, פון דער זייט גדר,
און געזאָגט האָט מען אויף מיר, אַז כ'בין דער אומעטיקסטער ייד
אין שטאָט,
כ'האָב אַ רויטע באָרד געהאַט
און געדאַוונט אין חבד
און צום ערשטן מנין האָב איך תמיד זיך געפּעדערט.

ס'איז דען שייך איצט קאָפּרעשט? אַ קנייטל אויפן ווינט,
פיו, פאַרלאָשן, אוי, פאַרלאָשן, ס'נפש, דאָס פאַרמעגן,
אַז אַ ייד, ווי איך, גייט אום נאָך אויף די רודעס און געפינט,
וואָס געפינט ער? שטיקער קויל,
און דער ייד אַליין איז הויל,
ס'גייט דער הונגער נאָך אים און די קעלט — אַנטקעגן.

נאָר דער ייד, וואָס האָט אַמאָל אַ רויטע באָרד געהאַט,
גייט אַרום מיט אויסגעפליקטע האָר — אַ פאָלנער טומטום,
מיט די גויים אין די דערפער איז ער פאַני-בראַט,
אַ פאַרשטעלטער ייד —אַ גוי,
און ער ווייסט נישט, צי ס'איז גוט אַזוי,
אָבער לעבן וויל ער, זאָג אַליין, צי לעבן קומט אים?

דאָס בין איך טאַקע דער ייד, ס'איז מיט מיר געשען דער נס,
און איך היים נישט מאיר, פּיאָטער היים איך, ניין, פּעטרושאַ,
כ'בין זיך מודה, ס'טרעפט אַמאָל, אַז איך אַליין פאַרגעס,
אַז נאָך איצט בין איך אַ ייד,
נאָר דאָס האַרץ מיינס קאָכט און זידט,
כ'פּיל, ווי ס'ברענט אויף מיר די הויט פון ווייטיק און פון בושה.

גאָט דערבאַרעמדיקער

ווי איך שטיי דאָ איצטער, ציטערדיק און דורכגעווייקט,
אויף די חורבות פון חבד'ער, אומעטיקער, עלטער,
פרעג איך אַלץ: פאַרוואָס האָסטו אויף אונדז די שטראָף
אַרויפגעלייגט?

און פאַרוואָס־פאַרוועץ
איז מיט מיר דער נס געשען,
אַז נאָר איך זאָל לעבן, וועלן לעבן, אַ פאַרשטעלטער?

דאָס בין איך, כ'האָב די טעג געקאַרבט, פאַר יעדן טאָג אַ קאַרב
אויף אַ סלופּ, כ'האָב אָפּגעציילט דעם גאַנג פון דער לבנה,
און איך ווייס, אַז וויפל יידישקייט איך טרעט, פאַרדאַרב,
איז נאָך דאָ אין דאָרף דער סלופּ,
וואָס פאַרבינדט מיך ווי אַ קנופּ
מיטן שורש, אַז איך זאָל זיך אין די פאַרכטיקע טעג דערמאָנען.

נו, איז פאַרכטיק, טעג פון רעכענונג צו דיר, פון דין,
כ'האָב קיין סידור נישט, קיין מחזור האָב איך נישט אוודאי,
נאָר כ'געדענק דעם תוך פונעם געבעט, די טייטש, דעם זין,
אין געביין ליגט מיר דער טעם
פון געוויין, געזאַנג און פלאַם
אינעם שטיבל ראש־השנה ביים חבד'ער.

כ'הייב דאָס קול מיינס און איך זאָג דיר, אַז איך פאַרכט, איך פאַרכט,
ווי איך שטיי דאָ, אָן דער באָרד, אין גויאישער סערמענגע,
ווי דער ווינט אויף חורבות קרעכצט, ווי דער טויט נאָך שאַרכט,
ווי דער ציטער פונעם בלאַט
אויף די שטיינער פון חבד,
ווי די גרויע כמאַרעס, וואָס מיט פחד אויף מיר הענגען.

דאָס בין איך, אין שערי־רחמים קלאַפּ איך, ווי איך בין,
און איך ווייס, אַז דו דערקענסט מיך, מיך — דעם שטילן מאיר,
וואָס געהאַט האָט ער אַ רויטע באָרד און האָט געגלייבט אין דיך,
וואָס אַצינד איז ער פאַרשטעלט
און אַליין שטייט ער אין פעלד,
אַז אַרונטעררייסן זאָל דער ווינט פון אים דעם שלייער.

ס'איז פאַרטאָג, כ'דאַרף האַקן האָלץ און כ'דאַרף נאָך גראָבן ערד,
ווייל אַ גוי בין איך, פּעטרושאַ, אַפילו מיט מיין ציטער,
איך וועל ווידער קומען, ווי לאַנג מיר וועט נאָך זיין באַשערט,
און דיר זאָגן ווער איך בין,
און דיך בעטן: גאָט, געפין
אין דיין רחמים, אַז זאָלסט זיין מיין שירעמער און היטער.

האָסט שוין פאַרברענט

האָסט שוין פאַרברענט מיין האָב־און־גוטס און מיך אַליין,
האָסט מיין הילצערנע שטוב צעהאַקט אויף שפּענער,
האָסט שוין אָפּגעשניטן אַפילו מיין געוויין,
איצטער טרעפן מיר זיך ווידער, צווישן אַש און שטיין, —
איך דער פאַרברענטער און דו דער פאַרברענער.

וואָס איז פון מיר געבליבן ? נאָר דער פלאַטער פון געדאַנק,
ווי פון פליגל, ווען דער פויגל איז פאַרפלויגן,
ווי דער אָנריר פונעם ווינט אויף אַ צעטראָטענער זאַנג —
ס׳שוועבט אויף איר אַפילו נישט דאָס שניטערישע געזאַנג,
ס׳רוט איר שטויב אַפילו נישט אין ווארעמקייט פון סטויגן.

ס׳איז פאַרנאַכט, גרויע פּאַטלעס האָט דער ווינט צעקעמט
אויף די ביימער, אויף די חורבות, אויף די שליאַכן,
ס׳ווערט דער ברעג פון הימל טרויעריק און שווער באַברעמט,
ס׳שטרעקט צו דיר זיך אוים אַ הארטע האַנט און נעמט
פירן דיך צו מיר, צום אָנהייב פון דערוואַכן.

כ׳זע דיך, גייסט צו מיר מיט וואַקלדיקע טריט ,
וויפל נעענטער דו קומסט, אַזוי פיל ווערסטו קלענער,
און סך־הכל בין איך אַ נישטאָ־מער־ייד,
וואָס זיין קול נאָר אינעם זונפאַרגאַנג צום איך־סוף פליט, —
איך בין דער פאַרברענטער, דו ביסט דער פאַרברענער.

איצט באַגעגן מיר זיך — דו אין גוף און איך אין קול,
דו מיט הענט פון צינדער, איך מיט קוים אַ פלאַטער,
אויף דער גרענעץ דאָ הענגט אַ וואָג, אַ שאָל,
ס׳ווערט דער וועג דאָ איינגעשרומפּן, שמאָל,
אָפּגעוואויגן ווערט דאָ מאַטערער און מאַטער.

שטייסט פאַרגליווערט, ווייסט נישט ווער די טריט דיר צוימט,
ווילסט די גראָבע הענט מיט טויט צעשווינגען,
אָבער ס׳האָט דער טויט מיט לעבן אויפגעשוימט,
דיך האָט ער מיט פינצטערניש אַרומגעזוימט,
דיך אַריינגענומען אין אַ נעץ פון רינגען.

האָסט פאַרברענט, טויט האָסטו אויף מיר געשפרייט,
נאָר געבליבן איז פון מיר אַ רוף אַ דינער,
שטייסט אַצינד אַ צוגעשמידטער צו אַ קייט
און דו ווייסט נישט, אַז דאָס וואָרט מיינס גייט,
אַז דו ביסט דער פאַרלירער און איך בין דער געווינער.

אויף אייביק פאַר׳קנס׳ט

מיט דער פינצטערער נאַכט איז ער אַריבער דעם דניעסטער,
ס׳האָט דאָס קאַלטע וואַסער דאָס לייב אים געבריט,
פון דער ווייט שטייט סאָראָקע — אַ באַרג חרוב׳ע נעסטן,
וואו די ווײַנשטאָקן האָבן נישט לאַנג זיך צעבליט.

אויפן ברעג פון ד ע ר זייט — אַ דאָרף און אַ צווינטער,
מיט צעגרינטער תבואה אַרומגעזוימט,
מיט צעפּאַרעטן שטרוי פון פאַריאָריקן ווינטער
און אַ טײַכל, וואָס רינט אויף שטיינער און שוימט.

בעסאַראַביע דאָרט און דאָ איז פּאָדאָליע,
ס׳האָבן דײַטש און רומענער סאָראָקע פאַרוויסט,
נאָר דער דניעסטער גייט ווײַטער פאַרטראַכט און פּאַוואָליע, —
און דו עלנטער בוים, טוסט אַלץ און בליסט.

ער איז מיד געוועזן, צעפּאַסעוועט, מומ׳יק,
ס׳האָט דער יונגער גוף צו רו זיך געשטרעקט,
האָט ער אונטערגעלייגט צוקאָפּנס דעם קלומעק
און אַנשלאָפן געוואָרן, ביז דער טאָג האָט געוועקט.

אַ פאַרפלייץ פון זון, אַ געזאַנג פון פייגל,
נאָר דער טאַטע רופט אים דעם גאַנצן קאַיאָר:
ס׳דאַרף אַ יתום אָנהייבן תפילין צו לייגן
נישט צו דרייצן, ווי אַלע, נאָר צו צוועלף יאָר.

ביסט דאָך, טאַטע, דאָ — האָט ער ביי אים זיך געבעטן —
און דער ווײַנגאָרטן אונדזערער האָט זיך צעבליט,
נאָר דאָס קול שרייט ווײַטער: מ׳עט די טרויבן נישט טרעטן,
ביסט אַ יתום, לייבל, אַ יתום, אַ ייד.

האָט די אויגן לייבל אויפגעריסן
אינעם פלייץ פון זון, אינעם פייגל-געזאַנג,
און דערמאָנט זיך די נעגל אָפּצוגיסן,
ווי געווען איז דעם טאַטנס און זיידנס גאַנג.

אַז קיין קוואָרט איז נישטאָ דאָס וואַסער צו שעפּן,
איז אַ שערבל אַ כלי בשעת הדחק, —
ווי ער שטייט ביים טייכל, הערט ער וואָגנס זיך שלעפּן
אויפן וויטן, צעריסענעם דאָרפישן טראַקט.

גיט די האַנט אַ ציטער, פאַלט אַרויס דאָס שערבל,
זאָגט דאָס האַרץ: אַנטלויף, דאָרטן שלעפּט זיך דער טויט, —
מיטן קלומעק אויף פּלייצע, ווי אַ שפּיציק הערבל,
שפּרינגט אַריבער לייבל אַ פּרוטיענעם פּלויט.

און פון דאָרט — אַ טויער, אַ סטעזשקע, אַ וועגל,
אין דער הויכער תבואה האָט לייבל געשפּאַנט
און געשפּירט, ווי נישט אָפּגעגאָסן די נעגל,
און ווי ס׳קאַרבט זיך אים אַלץ די לינקע האַנט.

ס׳איז דער בר-מינן טאַטע אים נאָכגעגאַנגען
און די מאַמע פון פּאָרנט האָט אים געהיט:
וועסט דעם וואַלד, אונדזער יתום, באַלד דערלאַנגען
און זיך הייליקן דאָרטן, צו ווערן אַ ייד.

נאָכן סטעפּ האָט דער וואַלד זיך אָנגעהויבן
מיט צעוואַקסענעם דעמב, סאָסנע און קליאָן, —
גיי אַריין אין דער טיף דעם באַשעפער צו לויבן,
שטעל זיך אונטער אַ דעמב און גערעכטיקייט מאָן.

אין דער טיף איז דער וואַלד געווען ווי אַ סוכה,
ס׳האָבן ביימער-קרוינען זיך צונויפגעדרייט,

ס׳האָבן וועווערקעס זיך אָפּגעשטעלט צו קוקן
ווי אַ ייִנגל אַליין מיט אַ קלומעק גייט.

דורכ׳ן וואַלד איז אַ גאַרטעלע וואַסער גערונען
און אַ פּאַסיקל שיין האָט עס דורכגעקאַרבט,
דאָ האָט לייבל אַ הויפן בלעטער געפונען,
וואָס דער ווינט האָט אָנגעוואָרפן אין האַרבסט.

האָט ער ס׳פּנים געוואַשן און די הענט גערייניקט
און מיט טרוקענע בלעטער זיי אָפּגעווישט,
און דערנאָך מיט פינגער, פאַרהאַרטעוועט, בייניק,
די צעריסענע בלעטער אין סידור געמישט.

פונעם קלומעק אַרויסגענומען די תּפילין
וואָס געראַטעוועט האָט ער פון חרוב׳ער שטוב, —
אַ געזאַנג פון פייגל, אַ געוויין פון גרילן
האָט צעקלונגען זיך איבערן וואַלדיקן קנופּ.

ס׳איז דער וואַלד מיט זיין פולן געוויקס און געפליגל
אויף דער וואַך געשטאַנען מיט ציטער און פרייד,
ווען ער האָט דעם של־ראש אָנגעטאָן ווי אַ זיגל
און רצועות פון של־יד אַרומגעדרייט.

ס׳האָט דער טאַטע געזאָגט: אַז גוט איז און וואויל אים, —
און געוויגט זיך ביים דעמב אַזוי ווי אַ מאַסט,
ס׳האָט דער וואַלד געענטפערט: ארשתיך לי לעולם,
כ׳האָב אויף אייביק דיך, לייבל, צו מיר פאַר׳קנס׳ט.

פונעם וואַלדיקן וואַסער האָט לייבל געטרונקען
און פאַרביסן אַ רייפטל טרוקן ברויט,
ס׳האָט די זון דורך צווייגן געשאָטן פונקען
און געוואַרעמט מיט ליבשאַפט זיין ייִנגלשע הויט.

דער נאַר פונעם מזמור

די שטילע לבנה אויף צעשטורעמטן הימל איז פול מיט רחמים,
צעריסענע, עלנטע כמאַרעס באַזוימט זי מיט וואַרעם געוועב,
אַ מענטש איז אַליין און שפּירט אין זיין ריר, אַז איבער אים
וואַכט מען,
ס׳איז אימה און היימיש, ווי טריט, וואָס דו הערסט אין דער נאַכט
אויף טרעפּ.

פאַרלעשט דאָס ליכט און קוקסט דורך שויבן, ווי נאַכט
אין געראַנגל איז מענטשלעך,
ווי כמאַרע אויף כמאַרע פאַלט־אַן און יאָגט זיך אַוועק מיטן רויב,
דו זעסט די לבנה איצט אַנדערש — דער מאַמעס צעשראָקענע
בענטשליכט,
וואָס דאַרפן די גויאישע מורא פאַרטרייבן פון יידישער שויב.

צעבראָכן די שויב, און די ליכט אויסגעלאָשן, אין שטיבל איז חושך,
די הענט, וואָס האָבן געבענטשט, אין דער אייביקער רו שוין
פאַרוויגט,
נאָר ס׳בלאָנדזשעט אַרום נאָך דאָס קול אויפן ווינט, אינעם
סטעפּיקן רוישן,
און בענטשט די מלאכי השלום, וואָס גאָט האָט אויף שבת געשיקט.

ווער הערט אין דער נאַכט דאָס געבעט? נאָר אַ שוועל,
נאָר אַ וואַנט, נאָר אַ קוימען,
נאָר דו, וואָס אַ פּעניץ לבנה איז פול מיט דערמאָנונג פאַר דיר,

נאָר דו, וואָס דו וויקלסט ערשט איצט זיך אַרוים, ווי אַ קינד,
פונעם דומס
און שפּירסט אין געהער נאָך דעם סקריפּ פון דער ערשטער
צעעפנטער טיר.

ס׳איז דאָ אין דער נאַכט אַ צונויפשפּיל פון שטילקייט,
פון מידקייט, פון שטרייטן,
געוויין פונעם ליכט, וואָס וויל לויכטן און איז פון די וואָלקנס
פאַרשטעלט,
געוויין פון די כמאַרעס, וואָס יאָגן, ווי פערד פון געפאַלענע רייטער,
דאָס שטילסטע געוויין פון געוויינען — געוויין פון צעריסענער וועלט.

נאָר איבער דער נאַכט אַזאַ גאַנצקייט איז דאָ, וואָס פאַרבינדט
אַלע ריסן,
וואו אויפגעלייזט ווערן אי טרויער, אי פרייד, אי לעבן, אי טויט,
וואו צייט וואַקסט אַריין אינעם שטח און שפּירונג איז לויטער,
ווי וויסן,
וואו סוף ליגט אין אָנהייב מיט קינדערשן אומעט פון חכמה
פאַרטרויט.

ס׳איז דאָ אַזאַ גאַנצקייט, — אַ וואָלקן צעשפּאַלט זיך און עפנט
אַ פאָרטקע
צו שטילן, פאַרבאָרגענעם ליכט, וואָס איז וואַרעם אַזוי ווי אַ נעסט,
דו הערסט אויף אַ רגע די טויב פון דער אייביקייט ציטערדיק וואָרקען,
באַהאַלטסט אַזש די אויגן פון פּחד פאַר בלענד, פאַר אַנטפּלעקונג
פון נס.

נאָר ווידער צעפליקט איז דער הימל, די גוטע לבנה פרואווט ווידער
באַזוימען מיט רחמים די ברעגן און טרויעריק בלייבן אַליין,
באַשערט דיר געוועזן נאָר אַ רגע די אייביקייט זען פון דיין נידער, —
ביסט ביסטו דאָ, אין דער נאַכט ביסטו דאָ, אין דער פינצטערער נאַכט
פון פאַרגיין.

דו קוקסט איצט אַרונטער, און נעענטער ווערט דיר דאָס
אייגענע ווינקל,
ביסט דאָ, ביי דער שויב, ביים גערזימץ איז דיין קאָפּ אַזוי מיד
אָנגעלענט,
פונוויַיט, פון דער צייט, פון דער טיף, גיט מיט ליבשאַפט
אַ ליכט דיר אַ פינקל,
דו פילסט ווי דו האַלטסט נאָך אַצינדערט דאָס קריינדעלע שיין
אין די הענט.

דו וואַרעמסט דאָס קריינדל, דו שטעלסט ביים געזימץ עס
מיט ציטער אַנידער,
אַרום דיר, פון טיפשאַפט, פון נאַכטיק געוויקל, צעוואַקסט זיך
געזאַנג,
אַ טרויעריק קול זינגט מזמור שיר ליום השבת אַרויס פונעם סידור
און ציילט אויס די ווערטער אַזויווי אַ כלה דעם חתנ׳ס
אַ פּערל־געשאַנק.

דאָס קול איז דיר נאָענט, — דעם טאַטנס, אַ ברודער׳ס, און אפשר
דיין אייגנס,
אַ קול, וואָס אין דיר האָט עס יאָרן געשוויגן, געוואַרט און געוואַכט,
די ווערטער, — צעשויבערטע, דאָרשטיקע זאַנגען, — צום הימל
זיך בייגן
און טרינקען, ווי קידוש, די טראָפּנס לבנה אַרויס ביי דער נאַכט.

דער קאָפּ דיינער פאַלט, אַ שטרעקע צעעפנט פאַר דיר זיך
פון פענצטער,
דו זעסט זי און טראָגט איר אַנטקעגן דאָס זשמענקעלע ליכט
פון געזימץ, —
ס׳איז דיינס, כ׳האָב פון דיר אָפּגעשפּאָרט און פאַר דיר אָפּגעהיט,
דו מיין נענטסטער,
דאָס גאַנצע פאַרמעג פון אַ לעבן, אַ בלאָנדזשעדיקס און אַ פאַרקרימטס.

דו ווערסט איצט אַליין דאָס געזאַנג און די ווערטער אויף
שטרעקע צעשפּרייטסטו,
דערנאָך גייסטו זוכן דעם קלייבער, וואָס האָט זיי ביז איצט
אָפּגעהיט, —
אָ, גאָט, וויפיל ווינטן דו האָסט אין דער נאַכט, וויפיל ווינטן צערייצטע,
און איך קען זיי וואָס פאַרמאָג ? נאָר דאָס יידישע שטילע געמיט.

דער נאַר פונעם מזמור בין איך, כ׳בין דער פּראָסטער
איש בער לא ידע,
אַז ס׳וואַקסן רשעים ווי גראָזן, בין איך דער לא יבין את זאת,
אַז זינד וועט פּאַרטיליקן זינדער און אונטערגיין וועלן זיי ביידע,
פאַרוואָס זאָל דערווייל אין די פלאַמען פאַרברענען דאָס יידישע הויז ?

ס׳האָט פרום דיינע בענטשליכט געוואָרעמט דאָס יידישע הויז
אין דער פינצטער,
ס׳האָט שייבלעך געשיקט צו דער וועלט, מיט צעפינקלטן,
זילבערנעם שטויב, —
דער נאַר פונעם מזמור בין איך און כ׳פאַרשטיי נישט, מיין גאָט,
ווי פאַרבינדסטו
דעם מענטשלעכן ציטער צו גוטס מיטן שטורעם פון מאָרד
און פון רויב.

אַ שטיק פונעם כמאַרע־געראַנגל רייסט אָפּ זיך און יאָגט אַזוי עלנט,
אַליין אַ צעריסענער אינדזל אין ים פון צעברוויזיקטן קריג,
נישטאָ קיין לבנה צו זוימען די בערגלעך, די טרעפּ און די שוועלן,
נישטאָ פאַר דער איינציקער כמאַרע צו אַנדערע כמאַרעס אַ בריק.

די נאַכט ווערט איצט טיפער, פאַרגראָבט זיך אין צער פון די
אייגענע צויטן,
איר שטילקייט איז קאַלט און פאַרדעקט, ווי זי וואָלט זיך
פון דיר אָפּגעווענדט,

דו בלייבסט איצט אַליין מיט דער זעאונג פון גרוילן, פון קנוילן,
פון טויטן,
דו האָסט נישט קיין שותּף צום אומקום, דו טראָגסט אים אַליין
אויף די הענט.

אויב עמיצער וואַכט איבער דיר, איז באַהאַלטן דאָס אויג זיינס,
פאַרהוילן,
אפילו זיין אָטעם האָט איצט איינגעשלונגען די נאַכט, און פאַרצערט,
דאָס פענצטער צעבראָכן און וואַרפסט צו דער נאַכט
מיט געשריי דיינע גרוילן,
נאָר ס'שליידערט צוריק זיי די נאַכט, ווי ס'וואָלט שטיינער
געשפּינען די ערד.

טולטשין שנת ת״ח

נתן נטע האַנאָווער דערציילט אין „יון מצולה״,
ווי טולטשינער קהילה האָט צום טויט זיך געגרייט אין שנת ת״ח,
ווי מקטן עד גדול איז פֿאַרזאַמלט געווען אין די שולן
און אין דרויסן האָט אַלץ נאָך געהיט די יידישע וואָך.

ס׳האָט די שטאָטישע מויער שוין דורכגעבראָכן דער שונא,
די געבליבענע וואָך האָט מיט שווערד קעגן אים זיך געווערט,
ס׳האָט געשלאָגן די שעה פֿאַר טולטשינער יידישע וואוינער
מיטן בלוט אָנצוטרינקען די פֿעטע אוקראַינער ערד.

אין טליתים און קיטלען האָט דער רב געהייסן זיך אָנטאָן,
אויף עטרות דאָס זילבער האָט מיט ריינקייט געבלאַנקט, —
זאָלן יידן באַגעגענען קריוועננאָסן און גאָנטען
מיט געלייטערטע הערצער, מיטן אייביקנס וואָרט אין געדאַנק.

און די הייליקייטן האָט מען מקבר געווען פֿון פֿריער,
די חומשים, סידורים, דאָס שמות, דעם יד,
און דערנאָך האָט דער רב זיך געוואַשן די הענט ביים כיור
און געשטעלט זיך פֿירזאָגן פֿון אַן איינציק-געבליבענעם בלאַט.

ס׳האָבן יידן נאָכגעזאָגט די הייליקע, היימישע ווערטער:
גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע, —
ס׳איז דאָס זאָגן געוואָרן אַלץ שטילער, פֿאַרקלערטער,
פֿון דער טיף האָט זיך געהויבן דאָס געבעט: דו ביסט דאָ.

דו ביסט דאָ, אפֿילו אַז דו ענטפֿערסט אונדז איבער צו טייטער,
נאָר צו דיר איז דאָס לעבן אויף אייביק געקניפּט,
האָסט פֿאַר אונדז נאָך אין בית־אל געשטעלט צום הימל אַ לייטער,
נאָר מיר האָבן אַמאָל אַ טרעפּל צו דיר אַריבערגעהיפּט.

פון דער מויער איז אַ פּראָסטער ייד געקומען צולויפֿן, —
פון די טרעגער אין מאַרק איז געווען אַ־דער ייד, —
ווי אַן אויסקוקער־קריגער פֿונעם הר־הצופֿים,
צו דערציילן, ווי ער האָט ירושלים געהיט.

ס'איז דער פֿיינט שוין אַריין אין דער אינעווייניקסטער מויער,
האָט דערציילט דער ייד, נאָר מיר האַלטן אָן דאָס געשלעג
קעגן כמעל דעם קאַזאַק, קעגן באַוואָפֿנטן פֿויער,
מיט די דרענגלעך אין האַנט, מיט די שטאַבעס און העק.

פון די קריגער אונדזערע פֿאַלן נישט איינע, נאָר צענער,
מיט גאָט'ס וואָרט אויף די ליפּן, מיט שמע און אחד,
אונדזער מחנה ווערט שיטערער, דער כוח — קלענער,
אייער שטאַרקונג דאַרפֿן מיר אין דער קריג פֿאַר גאָט.

פון דער שטילקייט אין שול האָט זיך אַ קול אויפֿגעהויבן,
אויף געבויגענע קעפּ האָט געדונערט דאָס קול:
נישט די צייט איז אַצינדערט ריין צו זיין, ווי טויבן,
אַז די זינד זאָל ווערן ווי געוואַשענע וואָל.

ס'איז דאָס קול היימיש פון די שטילע חצות'ן,
וואָס דער רב האָט אָפּגעריכט צווישן היימישע ווענט, —
מיינע הענט האָבן קיינמאָל קיין בלוט נישט פֿאַרגאָסן,
נאָר כ'וועל קומען פֿאַר גאָט מיט בלוטיקע הענט.

ס'האָט דער גרייזער רב, אין טלית און קיטל,
די טולטשינער עדה צו דער מויער געפֿירט,
אין דער האַנט אַ מעסער און אין האַרץ אַ קאַפּיטל
פֿונעם דוד־געזאַנג, פֿונעם קעניג דעם הירט.

מיט געשטאַרקטע הענט האָט די עדה געשטריטן,
נישט געציטערט ביי קיינעם אפילו קיין ברעם,
און פון ערשטן צום צווייטן, פון צווייטן צום דריטן
האָט דאָס בלוט געשריגן: נקמת דם אדוישעם.

נתן נטע האַנאָווער האָט נישט אַלץ פאַרשריבן,
ס׳גייט אַרום נאָך אַ מעשה פון מויל צו מויל,
ווי דער רב איז דער לעצטער אין שטרייט געבליבן
ביז אין האַרץ האָט געטראָפן אים אַ פּיסטויל.

ס׳איז ערשט דענצמאָל די זון איבער טולטשין פאַרגאַנגען,
ס׳איז די נאַכט צוגעפאַלן מיטאַמאָל, אומגעריכט,
נאָר דעם שונא האָט די האַנט אָפּגענומען צו דערלאַנגען
פאַר דער קעלט פייער, פאַר דער פינצטערניש ליכט.

אין דער נאַכט האָט ער געוואָיעט ווי אַ בלינדע חיה,
אויף די טויטע גופים האָט ער ס׳אייגענע לייב געפליקט,
פון דער הייך איז אַנגעפלויגן שפּאַרבערס אַ סטאַיע
און דאָס פייער פון די אויגן אים אויסגעפּיקט.

ס׳איז דעם שונא׳ס בלוט אין רינשטאָק גערונען,
נאָר דאָס יידישע בלוט האָט זיך אָפּגעטיילט,
דאָס באַזונדערע שטרעמל האָט דעם וועג געפונען
צו דעם קוואַל, וואָס איז אייביק, וואָס טרייסט און היילט.

נישט דערוואַקסן

נישט דערוואַקסן בין איך, גאָט, צו דיין שטראָף,
כ'בין נאָר מענטש פון בלוט און פון פלייש,
מיט דער שרעק פאַר דיין עמוד האש,
כ'גיי אַרום אין דיין עמוד הענן
מיט נישט וויסן דעם אָנהייב און סוף, —
וויפל קענסטו פון מיר דען מאָנען,
אַז מיין וואָרט איז געצאַמט מיט דער תיו?

נאָר אַ פונק פון דיין אייביקן ליכט
גיט אַמאָל מיר אַ בלענד — און פאַרשווינדט,
און דערנאָך גייט מיר נאָך דער ווינט
צעשויבערט די שטילע ביימער,
אויפן הימל אַ וואָלקן קריכט,
זאַלבעדריט אין טרויער גייען מיר, —
ס'איז דער ווינט, דער וואָלקן און איך.

כ'קען נאָר וויינען אויף איינעמס אַ טויט,
וואָס איז היינט נאָך מקדש השם,
נעם דאָס שטאָלענע קעמל און קעם
די ר' עקיבאס אַלע לייבער,
ס'איז נאָר איינס אַ לייב און אַ הויט,
נאָר איין האַנט איז תמיד דער טרייבער,
נאָר איין האַרץ אין דיר איז פאַרטרויט.

וואָלקנס בלאָנקען, ווי אַ טשערעדע שאָף,
ס'האָט דער ווינט שוין די ביימער צעפליקט,
מיטן דריטן, — מיט מיר, — זיך צעקריגט.
כ'זאָג נאָך אַלץ אַז ס'איז נאָר אַ נסיון,
כ'קוק אַריבער דעם חורבן און האָף,
נאָר מיין האַרץ, ווי אַ חיה טוט וואָיען:
נישט דערוואַקסן בין איך, גאָט, צו דיין שטראָף.

זינגער מיט גאָט׳ס מן המצר

גרוים איז די נאַכט און דער פּחד נאָך גרעסער,
קום צו מיר, זינגער, דערצייל מיר פון גיבור,
ס׳הענגען אויף חורבות פאַרזשאַווערטע שלעסער,
אָפּגעהאַקט ליגן די שאָטנס פון שטיבער,
כ׳זיץ אין האַלב-פינצטער דערשראָקן, פאַרהויקערט,
קום צו מיר, זינגער, מיט האַרפע און פויקער.

ס׳פייער אפילו אין נאַכט האָט דערברענט שוין,
ווינט האָט די פונקען צעוואָרפן, ווי שטערן,
שטום איז דער יידישער צער אינעם מענטשן,
ווי אויפן ווינט אַ פאַרוואָרפענער קערן,
ס׳לעבן ווערט טעמפּער, דער טויט ווערט נאָך שאַרפער, —
קום צו מיר, זינגער, מיט פויקער און האַרפע.

זינג אוים די ליכטיקע מעשה שהיה,
ווי ס׳האָט דער גיבור מיט פלישתים געשטריטן,
טעג זענען כמורנע און נעכט זענען רויע,
מענטש האָט דאָס אייגענע לעבן פאַרשניטן, —
קום צו מיר, זינגער, מיט צימבלער און פלייטער,
פונעם אַמאָל וועב צום הימל אַ לייטער.

האָר אויף די מענלעכע אַקסלען צעפּאַסמעט,
אויגן פאַרקוקט צו דער הייך פון גלבוע,
גאָט האָט פון אָנהייב זיין גורל פאַר׳חתמ׳עט:
לויטערע ריינקייט און גבורה׳שאַפט רויע,
האַרץ פון אַ טויב און די קראַפט פון אַ טיגער, —
קום צו מיר, זינגער, זינג אויס פונעם קריגער.

פלאַם צוגעבונדן צו גרויע שאַקאַלן,
פלישתּישע פעלדער געשיקט אויפן פייער,
ביסט נאָך ביז היינט אינעם שטרייט נישט געפאַלן,
שמשון דער גיבור, אין טויט דער באַפרייער,
טראַגסט אין דיין אומקום דעם יידישן צאָרן, —
קום צו מיר, זינגער, מיט שאַלער און האָרן.

פלישתּישע האַרן, די שיכור׳ע שפּעטער,
האָבן געלעסטערט דיין גאָט און דיין אומה:
ווער איז דער שטאַרקער, — אחד, צי די געטער?
ביז ס׳איז די קראַפט צו דיר ווידער געקומען,
גאָט דיך געשטאַרקט קעגן לאַכער־פאַרפירער, —
קום צו מיר, זינגער, מיט פידלער און לירער.

ציטערן זיילן פון מאַרמער געשניצטע,
שאָקלען זיך גרונטן פון שטיינער געטעסעט,
גאָט האָט דערהערט דאָס געבעט דיינס אויך איצטער,
אויפגעשיינט ווידער אויף דיר האָט זיין חסד,
ס׳פאַלן די שטיינער אויף טרינקער און זויפער, —
קום צו מיר, זינגער, מיט פייפער און שופר.

שטויב ווערט דער מאַרמער און דרויב ווערן שטיינער,
שטויב ווערן שיכור׳ע פלישתּישע האַרן,
שמשון דער גיבור, דער לויטערער, ריינער,

טוט מיט די אָרעמע דאָס קנעכטשאַפט צעשפּאַרן,
פאַלן זאָל פאַלן מיט אים דער באַצווינגער, —
קום צו מיר, לויבער, קום צו מיר, זינגער.

ס'האַלט זיך דאָס פאַלשקייט אויף שטיין און אויף מאַרמער,
מאָרד איז דער אָנשפּאַר פאַר געטער פון שקר,
קום צו מיר, זינגער, דאָס האַרץ מיינס דערוואַרעם מיר,
האָסט פון דער פינצטער פאַריאָגט אַלע שרעקער,
שטאַרקסט מיין געמיט קעגן הינטישע רייצער, —
קום צו מיר, זינגער, מיט גאָט'ס מן המצר.

פאַר די שפּעטערע טעג

דער שטיין, וואָס די בויער האָבן פאַר'מיאוס'ט,
וועט ווערן דער ווינקלשטיין פאַר אַ וואונדערגעביי,
דאָס לאַנד, וואָס צעשטערער האָבן פאַרוויסט,
וועט רינען מיט מילך און האָניק פונסניי.

דאָס וואָרט, וואָס איז ליידיק, ווי שטרוי אויפן ווינט,
וועט ווידער זיין פול מיט קערנער און זאַפט,
דו זע, דער צעשטער אַ פייערל צינדט,
איין האַנט מאַכט חרוב, די צווייטע באַשאַפט.

געשטאַרקט וועט ווערן דער, וואָס איז שלאַף
און דער פון דער נידער וועט ווערן דערפרייט,
נאָר אויפגיין וועט פונעם נייעם באַשאַף
דער צער, וואָס דער טויט האָט פריער פאַרזייט.

פון קברים, וואָס באַהאַלטן אונדזער געביין,
פון ים-גרונטן, וואָס שלינגען אונדז איצטער איין,
וועט אונדזער געדעכעניש איבער דער וועלט גיין
און אָנפילן זי מיט אונדזער וואַרעמער פיין.

איר נאָכקומער אונדזערע, לויטער און ריין,
וואָס אַקערן וועט איר די דערפרישטע ערד,
טראָגט אונדזער ירושה פון ציגל און שטיין,
פון אונטערגאַנג, וואָס איז אונדז איצטער באַשערט.

גאָט דער באַרמדיקער

אין אייער געזאַנג זאָל ציטערן געוויין
פון אונדז, וואָס מיר טייטן און ווערן געטייט, —
איר נאָכקומער אונדזערע, לויטער און ריין,
פאַרנעמט אָט די פשוט'ע, מענטשלעכע רייד.

אַ גוטער באַשירעמער זאָל זיין אונדזער צער,
אַז איר זאָלט נישט שטרויכלען מיט צופיל גליק,
אַז לויערן זאָל נישט אויף אייך דאָס געפאַר
מיט טויט אָנצוהייבן דאָס לעבן צוריק.

אין דער מדבר ברענט אַ דאָרנבוים

לעצטער טרונק

גאָט האָט באַשאַפֿן דעם מענטש אין זיין געשטאַלט,
צו דער ערד אים צוגעקניפּט,
ס'איז דאָס געוויין, ווי דאָס געזאַנג — אַלט,
זאַמד פון דורות האָט עס דורכגעזיפּט.
פון דער ערד רייסט זיך דער מענטש צו דער הייך:
זע, מיין גאָט, וואו איך דערגרייך,
כ'וויין שוין אפילו דיין געוויין,
כ'זינג שוין אפילו דיין געזאַנג,
נאָר איך בלייב נאָך אַלץ אַזוי קליין,
ווי פאַרהוילן איז מיר דער געדאַנק
פונעם געוויין, פונעם געזאַנג,
פונעם פּלאָנטער אין אייגענעם גאַנג.

כ'קוק אויף דער לויטערקייט פון דיין געווערק,
אויף דער גאַנצקייט פון דיין באַשאַף,
ווי פאַרשריבן ס'איז אויף טאָלן און בערג
אַזאַ פּשוט, אַזאַ אָפן כתב,
כ'הער דעם קלאַנג פון דיין יעדן אות,
ווי סע רעדט אים דער בוים און דאָס גראָז,
כ'שמעק די רייד דיינע, ווי ווייסן צוויט,
כ'שעפּ זיי, ווי קרישטאָלן וואַסער צום טרונק.
מער ווי געדאַנק ביסטו — ביסט מיין געמיט,
אַלט בין איך, און דו מיט דיין וועלט ביסט יונג,
לאָמיך זוכה-זיין צו טאָן דעם לעצטן טרונק,
איידער פאַרגליווערט וועט ווערן מיין צונג.

דערקענטעניש

וואו גרין איז דאָס גראָז זאָלסטו מיך הויערן,
ביי רואיקע טייכלעך זאָלסטו מיך פירן,
איך בין שוין דערוואַקסן דיך צו שפירן,
מיט דיר, מיין גאָט, אַ לעבן צו טרויערן.

איך האָב שוין דערקענט דעם צער פון נידערן
צו קרומע, אומריינע קוועלעכלעך רשעות,
איך האָב שוין געפּרואווט מיין גומען דערפרישן
מיט ביטערע רייד פון זיך דערווידערן.

די טעג געיאָגט, ווי פערד צעפּלאָשעטע,
אין גלוסטעניש טערפּקער די נעכט פאַרהאַיעט,
איצט בין איך געקומען צום שטילן פייער
וואָס וואַרעמט דאָס האַרץ, ווי ווערטער פּשוט׳ע.

איך הער דעם שאָרך אויף גראָזן ציטערן,
אויף נאַקעטע ביימער דעם טרעשטש דעם דינעם,
כ׳בין וואַך צום געוועב פון דיינע באַגינענס,
ווי וואַך ס׳איז די מאַמע, די גוטע היטערן.

איצט זע איך, אַז מענטש אַליין טוט בויערן
אין זיך, — דעם וועג צו דיר צו געפינען,
איך בין שוין דערוואַקסן דיך צו באַזינגען,
מיט דיר, מיין גאָט, אַ לעבן צו טרויערן.

אפשר וואָלט זיך נישט געלוינט

אפשר וואָלט זיך נישט געלוינט צו לעבן,
ווען די זון וואָלט נישט געשיינט
אַזויוני נעכטן,
אַזויוני היינט, —
אפשר וואָלט זיך נישט געלוינט.

אפשר וואָלט זיך נישט געלוינט, באַגרעבער,
טראָגן דיר אַ ריין געמיט
פון אַ גערעכטן,
ווי ס'טראָגט דער ייד, —
אפשר וואָלט זיך נישט געלוינט.

אפשר וואָלט זיך נישט געלוינט דער אומעט
אויף דער שולד פון מערדער'ס האַנט,
דער צער פון קעפן,
דער טויט אין שאַנד, —
אפשר וואָלט זיך נישט געלוינט.

נאָר אַ ווידער'קול איז היינט געקומען, —
אין אור־כשדים זיך צעגליט, —
פון פלאַם צו שעפן
מיין ריין געמיט,
ווי אברהם און די רועי צאן.

אַ לעבן צו לעבן

אַ לעבן צו לעבן
איז אַוודאי כדאי,
נאָר וואו איז עס גערעדט געוואָרן,
אַז דאָס האַרץ איז דערביי.

אַז דאָס האַרץ איז צום לעבן
מיט אַ ליבשאַפט צוגעקניפּט,
איז אפילו דער טרויער
דורך אַ פרייד דורכגעזיפּט.

אַז אפילו געוויין דיינס
איז ווי רעגן אין מאַי,
איז אַ לעבן צו לעבן
אַוודאי כדאי.

נאָר אַמאָל ווערט אַ לעבן
אָפּגעריסן פון האַרץ,
שמייסט דער ווינט אַזאַ לעבן
ווי אַ צווייגל אַ פאַרדאַרטס.

און אַצינד הענגט מיין לעבן
אויף די דערנער פון צייט,
נאָר איך הער ווי דאָס גוטסקייט
פון דער וואונדיקייט שרייט.

נאָר ס'איז פול נאָך מיין לעבן, —
ווי אַזוי און פאַרוואָס? —
מיטן ויין פון דער ליבשאַפט,
ווי אליהו'ס כוס.

זעער פון תקוע

א

פונעם אַקערפעלד האָט מיך נישט גערופן קיין קול,
אײפן שניט איז נישט איבערגעגאַנגען קיין ציטער,
נאָר אַ וואָלקנדל, פּוכיק ווי ערשטע וואָל,
האָט געמאַכט דעם הימלבלוי דין און שיטער.

אין געוועב פונעם וואָלקן האָב איך אַן אומרו דערשפּירט,
מיט דער שרעק, אַז דאָס בלוי וועט אינגאַנצן צערינען, —
מיר אַנטקעגנגעקומען איז עמוס דער הירט
און מיט אים איז געגאַנגען בייטאָג דער באַגינען.

ס׳האָט דער האָניק פון ליבשאַפט אויף די זאַנגען געטוי׳ט,
ס׳איז גערונען דער טעם אויף מיין דאָרשטיקן גומען, —
וויפל גוטסקייט ס׳האָט מיר דאָס לעבן פאַרטרויט
און צו דיר, מיין ליבשאַפט, בין איך אַליין נישט געקומען.

וויפל מאָל האָט דער אָפּקלאַנג פון אַ רוף מיך געוועקט,
נאָר דאָס קול האָט געבלאָנדזשעט אויף ווינטן רויע,
ביז פאַר מיר האָט אין לויטערן טאָג זיך אַנטפּלעקט
דאָס געשטאַלט פון דער ליבשאַפט, דער הירט פון תקוע.

ס׳איז די קלאָרקייט שאַרף, די דערקענונג בלענדט,
די געדאַנקען אין קאָפּ גייען דורך ווי שניטן,
ווען דו נעמסט דיין אייגן וואָרט אויף די הענט
אָפּצוהיטן, אַז ס׳זאָל זיך אויף שטויב נישט צעשיטן.

ס׳איז די ליבשאַפט אַ וואונד, דאָס ליכט פונעם צער,
אין דער שטראָף אויסגעוואָרעמט ווערט דאָס טרייסטן,
כ׳האָב די זיכערקייט געזען ביים ברעג פון געפאַר,
כ׳האָב געהערט אין גלות די פרייד פון דערלייזטן.

כ׳האָב דערפילט ווי גרינג ס׳איז צו טראָגן דעם עול
פונעם מענטש, אַז דאָס האַרץ איז דיר לויטער,
ווי די קרוין פון דער זון אַרום וואָלקנדל וואָל,
ווי דער טוי אויפן גאָלד פון די צייטיקע ברויטן.

ב

דערשפירט האָב איך אין אים דעם ריח פונעם פי,
די פאַרע פון דער ערד נאָך זומערדיקן שפריי,
אַזויפיל פרישקייט אין אַ מענטשנ׳ס ערד־געשריי,
אין זיינע האָר — אַזויפיל וואַרעמקייט פון היי,
דאָס פנים אָנגעצונדן פון דעם אויגנגלי,
דאָס קול — דעם פיטערערס געזאַנגען אינדערפרי.

דער מאַן פון פי בין איך און דו — דער מאַן פון ערד,
אין שטילקייט פון געוויקס, אין גרעזל און אין לאָם
האָט אויפגעבליט אין אונדז דאָס קלוגשאַפט פונעם תם,
וואָס ווייסט, אַז ס׳וואַקסט די צווייג נאָר צוגעהעפט צום שטאָם,
אַז מענטש, ווי ערד, פון אייגן גוטסקייט ווערט גענערט
און שלעכטס — דעם שלעכטן ווי אַ פלאָם פאַרצערט.

צוויי טויזנט זיבן הונדערט יאָר האָט אונדז צעטיילט,
נאָר וואָס איז צייט, אַז מענטש אַלצאיינס איז אַלעמאָל,
ביי מיר איז שטיין געוועזן דער טויט, ביי דיר איז שטאָל,
און ס׳טראָגט דער איינציקער נאָך אַלץ אויף זיך דעם עול
פאַר הבל׳ס ערשטער וואונד, וואָס איז נאָך נישט פאַרהיילט,
פאַר בענקשאַפט, וואָס פון מאָרד האָט זיך אַרויסגעשיילט.

גדעון

אין אַ גרוב האָט גדעון געקלאַפּט דעם ווייץ,
ווייל אין דרויסן האָט געלאָקערט דער שונא,
ס'האָט אַ ליכט פון די האָריקע זאַנגען געפלייצט,
ס'איז געוואַקסן די זון אויף די קערנדלעך ברוינע.

אונדזער לעבן איז קאַלט, ווי אַ גרוב נישט באַהייצט,
אין דער יאָדער פון טאָג ליגט די נאַכט פאַרטאַיעט,
נאָר ס'איז דאָ נאָך אַ גדעון, וואָס קלאַפּט דעם ווייץ
און די זון היט ער אויף פאַר אונדז אין זיין שייער.

אַן אָנשער וואָל האָט גדעון געשטעלט
אויף איבערנאַכט אין וויסטן פעלד
און האָט צו גאָט געזאָגט אַזוי:
אַ צייכן גיב מיר מיט דיין טוי,
אַז נאָס זאָל ווערן נאָר מיין וואָל
און טרוקן זיין דער גאַנצער טאָל.

און אינדערפרי איז דער נס געשען:
דער גאַנצער טאָל איז טרוקן געווען,
נאָר גדעונ'ס אָנשער וואָל איז פייכט
און אויף דער זון מיט טראָפּנדלעך לייכט.

אַן אָנשער וואָל, אין טוי אויסגעווייקט,
און גדעון צו שפּרענקעלעך זון זיך בייגט,
טרינקט־אָן דעם גומען מיט זון און טוי
און זעט די זעאונג פון לאַנד און בוי,
די זעאונג פון לאַנד, וואָס איצט איז עס וויסט,
נאָר פון די טראָפּנס אַ קוואַל זיך צעגיסט
און תבואה זינגט, און שייער רעדט, —
די זעאונג, וואָס אונדזער דור נאָך זעט.

אברהם פלאַנצט אַן איישלבוים

פריער האָב איך דאָ אַ ברונעם געגראָבן,
איצט — אַן איישלבוים פֿאַרפלאַנצט,
און נאָך אַלץ פֿון זיך דעם שטויב נישט אָפּגעשאָבן,
און נאָך אַלץ מיט גאָט זיך נישט פֿאַרגאַנצט.

פֿון די טיפֿענישן שלאָגט אַרויס דאָס וואַסער,
אין די טיפֿענישן שלאָגט אַריין דער בוים,
אויף די פּלייצעס מיינע הויקערט תּרח׳ס משׂא,
ס׳ווייַנט ישמעאל נאָך ביי מדבר׳ס זוים.

האָסט מיך, גאָט, געשיקט פֿאַר דיר אין קאַלעכאָוויון,
איך אַליין אין פֿייַער האָב זיך אויסגעפּרואווט,
נאָר דאָס ווידער׳קול פֿון מיינע אָפּגעשיילטע קרובים
אין דער מדבר־נאַכט הער איך נאָך אַלץ ווי ס׳רופֿט.

ס׳וועט דער איישלבוים דאָ וואַקסן אין באר־שבע,
זיינע וואָרצלען צו מיין ברונעם צוגעקלעפּט,
אָבער איך וועל הערן נאָך ישמעאל׳ס רעווע,
דער לעצטער טראָפּן פֿון קרוג אויסגעשעפּט.

דיך־דערקענטעניש האָט מיר אַ ליכט־קוואַל אויפֿגעעפֿנט,
כ׳האָב דעם א י ב ע ר ־ ־מיר דערשפּירט אין מיר אַליין,
נאָר דעם סוד, ווי נ י ד ע ר ־ מיר אין פּשוט׳קייט צו טרעפֿן
ליגט פֿאַרהוילן אינעם גרויען, שטומען שטיין.

און פֿאַרהוילענער איז נאָך דער מענטש, ווי איך, ווי שׂרה,
וואָס צעריסן איז ער צווישן שלעכט און גוט,
וואָס אַ סך מאָל שיילט ער שטיקערווייז פֿון זיך די קאָרע
און דערגייט, אַז ביידע זענען אייגן בלוט.

כ'האָב געבעטן, גאָט, ביי דיר, פאַר סדום און פאַר עמורה,
פאַר די פופציק, פאַר די צען, פאַר איינעם נאָר,
און אַצינדערט ווער איך ערשט אין זיך אַליין געוואוירע,
אַז פאַר מיר איז דאָס געבעט, און פאַר מיין דור.

כ'האָב צעפופציקט זיך, צעצענטלט זיך, צעדריבלט,
און דערנאָך געלאָזט אַ טיילעכל, אַן איינס,
פאַרן אָרעמסטן אין שטרוי- און ליימיק-שטיבל,
פאַרן פינטעלע אין מיר, דעם קווינטל ריינס.

האָסט פאַרברענט, פאַר'משפּט מ י ך, און אַלע סדום'ען,
וואָס דעם מענטש אין זיך צו טראָגן איז באַשערט, —
כ'פלאַנץ אַן איישלבוים פאַר דיר, צו הייליקן דיין נאָמען,
מיט דער צווייג זאָל גרינען מיין טרויער אויף דער ערד.

שאול

פון אַקסל און אַרויף פון גאַנצן פאָלק געווען העכער,
פון האַרצן אין דער טיף — געווען טרויעריקער פון טרויער,
באַשייד געזוכט פאַר פּחד ביי טרעפערס און ביי שפּרעכערס,
פון דוד׳ס האַרף אַרויסגעטרונקען גאַנצע בעכערס
מיט אומעט און מיט גורל און מיט לויער.
אָ, קעניג ערשטער מיינער, פריש־געזאַלבטער,
אין פשוט׳קייט אַ גאַנצער,
אין קרוינשאַפט אַ צעהאַלבטער,
נאָך היינט ביסטו אַ צייכן און אַ פאַנצער
פאַר אונדזער גאַנג פון צער צו לויטער ריין,
ווי דו האָסט אין דיין קרוינשאַפט געוואָלט גיין.

איך שטיי פאַר דער לבנה, פול איז זי און אָנגעטרונקען
מיט נאַכט, מיט ברעג פון טאָג, מיט אומעטיקער חכמה,
די קליינע שטערן אַרום איר זענען שפּריצלעך נאָר, ווי פונקען,
וואָס הייבן זיך צום פלי און ווערן באַלד פאַרזונקען.
ווי איך ביסטו פאַר איר געשטאַנען, אפשר נאָכמער —
איר לויטערקייט געשעפּט ווי פון אַ ברונעם
און אָנגעפילט דיין האַרץ, צו ווערן ריינער.
די אייזעלינען האָסטו נישט געפונען,
נאָר אָנגעקומען איז דיר אויפן וועג דער קריינער, —
געזאַלבטער ערשטער מיינער, ס׳איז שווער געווען דיין לוין:
אַ וועלט מיט טרויער טראָגן אין קאַרבן פון אַ קרוין.

מיר גייען אַלע זוכן, — פּשוט׳קייט ,צי קרוינען,
דאָס נישט געזוכטע אָבער, — טרויער, — טוען מיר געפינען,
נאָר ווער האָט אָפּגעהיט, ווי דו, דאָס ריינקייט קעגן שונא
און ווער האָט אָפּשטאָם זיינעם געקענט מיט ליבשאַפט שוינען ?
פאַרהילט ביסטו געווען אין ליכט און שאָטן, ווי באַגינען,
און נישט אַרויסגעהילט זיך פונעם וויקל
ביז ס׳האָט די שווערד דאָס האַרץ דיינס דורכגעלעכערט.
פון אַקסל העכער — צו דוד׳ן אַ בריקל,
און גאַנג צו אים איז פול געווען מיט שטעכערס, —
מיר גייען אַלע זוכן, ס׳איז טרויער אונדזער צינז
פאַר אומגעריכטן, ליכטיקן געפינס.

דער שה

דאָס לעמעלע איז קליין אַזוי, מיין גאָט,
און אויגן האָט עס גרויסע, פול מיט צער,
פאַרפּלאָנטערט האָט זיך עס אין שטעכיק דראָט
און איך בין נאָך אַ קינד, מיין גוף איז דאַר.

ווי קען איך רייסן מיט די הוילע הענט דאָס דראָט ?
ווי קען איך קוקן, ווי דאָס פעלעכל ווערט צעפּליקט ?
כ'האָב ערשט געזאָגט צו דיר „האַדוישעם אחד"
און איצט האָסטו אַזאַ נסיון מיר געשיקט.

דאָס לעמעלע האָב איך געזען כלחוך השור,
ווי ס'איז אַרומגעשפּרונגען אויפן גרינעם שליאַך,
אין טוי געבאָדן די געקרויזטע, ווייכע האָר
און אויסגעמעקעט צו דער וועלט אַ שבח.

כ'בין נאָכגעגאַנגען נאָכן זינגעוודיקן מע
און ס'האָט געזאָגג אַנטפּלעקט זיך פאַר מיין אויג, —
דאָס איז דאָך, גאָט, פון חומש'ל אַרויס דיין שה
און שפּרינגט אַרום פון סטויג צו סטויג.

נאָר נישט דאָס לעמעלע, נישט איך, געוואוסט,
אַז אויפן שליאַך איז דאָ אַ שטעכעדיקער פלויט,
און ווען איך האָב צום ווידער'קול געגלוסט,
האָט דאָרט דאָס דראָט געשטאָכן שוין די הויט.

דאָס לעמעלע איז קליין אַזוי, און שטיל געוויין
פון דראָט־געפלעכטס צעגייט זיך אויפן סטעפּ,
די אויגן זענען גרויס — אַ ברונעם טיף און ריין, —
נעם, גאָט, און פולע עמערס וויטיק שעפּ.

שעפּ־אָן פאַר זיך און פאַר דער גאַרער וועלט,
ווייל טראַפּנסווייס אויף גראָז דאָס חיות רינט,
די אויגן ווערן ביסלעכווייס פאַרגעלט
און ס׳ווערט דיין שה צעריסן אויפן ווינט.

הבן יקיר לי אפרים

אַ זון אַ טייערער איז מיר אפרים,
דאָס קינד פון מיין שפּיל, פון מיין פולן געמיט,
ער דאַרף נישט קיין זעמלמעל, גוט איז ברויט מיט קלייען,
אַבי צו זיין אַן ערלעכער ייד.

ס׳געשטאַלט זיינס טראָגט ער אויפגעהויבן, —
צו גרייסן דעם מענטשן און זיין מיין, —
אין אויגן קוקט ער, ווי אין ליכטיקע שויבן
און זעט, ווי אַ האַרץ אין דער טיף איז ריין.

אַזויפיל מאָל האָט ער פאַר מיר געשטרויכלט,
באַדעקט אי זיך, אי מיך מיט שאַנד,
נאָר וואָס זאָל איך טאָן מיט אים? איך בין אים מוחל,
ווייל כ׳ווייס אַז דאָס האַרץ זיינס איז קוראַנט.

אַ סך מאָל באַפאַלט מיך אַזאַ מין אומעט,
אַז כ׳זע ווי איינגעשרומפּן ער ווערט
אין אָנגעזיכט פון אַ יידן אַ מלומד,
וואָס וואַלגערט זיין חכמה אין שטויב פון דער ערד.

די אויגן ווערן אים ווי בלויער סאַמעט,
פאַרצויגן מיט אַ ליכטיק-דינער הויט, —
כ׳וועל גיין, זאָגט ער, נעמען זיך אַ מלמד
צו לערנען די טיפקייט פון לעבן און טויט.

דערצייל איך אים דענצמאָל אַ מעשה שהיה,
פון מלך שלמה, וואָס האָט געפאָרשט געגוג,
און אויף דער עלטער, אין פאַרנאַכטן גרויע,
איז ס׳האַרץ זיינס געבליבן ווי אַ ליידיקער קרוג.

און דיין האַרץ איז פול מיטן ווייַן פון גלויבן,
אַ ווייַנגאָרטן ביסטו, פון דער זון דערנערט,
אין דיר ווערן אַלע טאָג צייטיק די טרויבן
דיך אָנצוטרינקען מיט ליבשאַפט צו ערד.

אפרים מיין זון ווייזט אויף זילבערנע זוימען
אַרום אַ וואָלקן, וואָס צו מערב ציט, —
איך וועל זיך לערנען, זאָגט ער, ביי מלך שלמה'ן
פון זיין שיר־השירים'דיק יונגן ליד.

דאָס ליד פון לידער האָט געזונגען שלמה,
קוש מיך פון די קושן פון דיין מויל,
ווי ווייַן טוט מיין גלוסטונג צו דיר שוימען,
אפילו אין טעג פון טויט און גרויל.

פראָסטיקע ראָבן

וועסט די נאַכט נישט אויסשעפן מיט דיינע אויגן
און נישט אָנפילן וועסטו זי מיט דיין טרויער,
האָסט אַליין דאָך געזען, ווי אויף קאַלטע סטויגן
זענען פראָסטיקע ראָבן אָנגעפלויגן
און אַריינגעקראַקעט דער נאַכט אין אויער
און איר אָנגעזאָגט, אַז פון טיר און פון טויער
האָט אויף דיר דער ביטערער חוזק געלויערט,
אַז: קראַ־קראַ, ער איז אַ פאַרשאָלטענער פויגל,
ס'האָט די זון אים דאָס האַרץ אַמאָל דורכגעבויערט
און מיט זון וואָלט ער רק־רק דאָס לעבן געוואויגן,
נאָר מישטיינס געזאָגט, ווי לאַנג דען געדויערט,
אַז די זון אין אַ האַרץ זאָל זיין פאַרמויערט?

וועסט די נאַכט נישט אויסשעפן מיט דיינע אויגן
און נישט אָנפילן וועסטו זי מיט דיין טרויער,
וועסט זיך וויקן ווייטער אין געזאַלצענע לויגן
ביז דער טאָג וועט אויפגיין אַ קאַלטער און גרויער.

טרויעריקער פויגל

דער פויגל דייניקער איז ווידער אויפגעשטאַנען, —
און אפשר איז עס גאָר אַן אַנדער פויגל?
געלאָזן האָסטו אים אין שיטערע טומאַנען
און נאָכגעפלויגן איז ער דיר צו קלאָרע הימלען,
פאַרטאָג קומט ער און צוויטשערט אויסגעצויגן
אַ מיד געזאַנג, — פון וועלט אַוועקצושפּאַנען, —
מיט דריבנע לעבנס הייבט דער טאָג זיך אָן צו ווימלען,
די זון דרייט אויף פּאַמעלעך אירע קראַנען,
אויףביימער ליגן שאָטנס נאַכט נאָך אָנגעבויגן, —
נישטאָ קיין אויסבאַהאַלט פון דאָרטן און פון דאַנען,
אין דיר אַליין דער טרויעריקער פויגל.

אויף סיני׳ס רוקן

משה שטייט אַליין נאָך אויף סיני׳ס רוקן,
האַלט נאָך די לוחות פאַרוויקלט אין פלאַם
און צו דער ערד טוט ער טרויעריק קוקן.

פונעם באַרג אַרונטער צו דער נידער
איז די ערד ווי אַ בלוטיקער שראַם,
גייט ער אַרויף און קערט זיך אום ווידער.

וויפל ליכט סע ברענט אויף זיין שטערן,
ברענט דער טרויער אין האַרצן נאָך מער
צוריק אויפן באַרג זיך אומצוקערן.

מענטש אין דער נידער וועט זיך פאַרצוקן,
ווייל צו פאַרצוקונג איז זיין באַגער, —
משה שטייט אַליין נאָך אויף סיני׳ס רוקן.

צו גאָט דערגאַנגען

מיר חלומ'ען אַלע יוספֿ'ס חלום
פון שטערן, בינטלעך זאַנגען, —
און גאָט צו אונדז איז נישט דערגאַנגען.

אַ גרוב שטייט אָפן פֿאַר אונדז אַלע,
מיר ווערן עלטער, שטילער, מידער,
און וואַרטן אויף די גוטע ברידער.

מיר ווייסן, אַז זיי וועלן קומען,
ווי ס'איז באַשערט און ווי זיי דאַרפֿן,
אין גריבער אונדז אַריינצוּוואַרפֿן.

מיט שטילע אונדזערע חלומות,
מיט שטערן און מיט בינטלעך זאַנגען, —
און מיר צו גאָט זענען דערגאַנגען.

אַזוי ווייניק בלייבט

אַזוי ווייניק בלייבט פֿון אונדז, און וואָס סע בלייבט, איז נאָר אַ שאָלעכץ
פֿון דער פֿולער יאָדער פֿרייד, געדאַנק און שפּירונג,
פֿון דער מאָנונג זיך אַליין און פֿון דער צאָלעכץ.

אַז דאָס וואָרט אַפֿילו איז נישט מער ווי נאָר אַ ברוכשטיק פֿונעם טראַכטן
און מיר הערן עס דערנאָך מיט פֿרעמדקייט און פֿאַרווירונג,
ווי אַ ווידער׳קול פֿון עפּעס אַ געדאַכטן-נישט-געדאַכטן.

נאָר די טואונג בלייבט, — אַמאָל אַ קערנדל, וואָס דאַרף די ערד ערשט שפּאַלטן,
און אַמאָל אַ זאַנג, וואָס טראָגט אין זיך אַליין שוין קערנער
פֿון באַפֿרוכפּערן די ערד מיט לויטערע געשטאַלטן.

נאָר ווי טרויעריק סע איז, די טואונג טוען מענטשן בייזע, גרוילע,
און פֿאַרוואַקסן ווערט די ערד מיט שטעכערס און מיט דערנער, —
אַזוי ווייניק בלייבט פֿון אונדז, — דאָס וואָרט אונדזערס, דאָס הוילע.

אויף דער שטומער צונג

אַז די רייד ביים מענטשן זענען נאָר דרויסיק,
האָט ר׳ דוד׳ל סקווערער אַמאָל געזאָגט,
בעט איך גאָט דערפֿאַר, איך זאָל זיין אַ שותק,
אַז דער אוצר שווייגן, וואָס ער פֿאַרמאָגט,
זאָל ער מיר באַשערן כאָטש נאָר אויף אַ טאָג.

כ׳וואָלט דאָס גרויסקייט זיינס אַרויסגעשוויגן,
כ׳וואָלט דאָס אייגענע קליינקייט איינגעקלעמט,
אויף דער שטומער צונג איז דאָס וואָרט אַ ניגון,
אינעם אָפֿענעם מויל ווערט דאָס וואָרט פֿאַרשעמט,
ווי דאָס פֿרומע לייב אין צעריסענעם העמד.

אַז נישטאָ אַזויפֿיל רייד פֿאַר אונדזער טרויער,
אַז דערשעפֿן קען מען נישט מיט זאָגעניש די פֿרייד,
אַז דאָס וואָרט ביי אונדז נאָר אַ רגע געדויערט
און דאָס האַרץ דערנאָך בלייבט אַליין צונויפֿגעדרייט, —

ס׳איז דאָס האַרץ מיינס פֿול מיט שטילקייט, ווי אַ לאָגל,
מיטן ווייַן פֿון גאָט, וואָס שפּילט, טרינקט אָן, דערפֿרישט,
נאָר אַ זינדער בין איך, איך פֿאַרשוועך עס מיט אַ זאָגל
און מיט הייווּן ווערט דער קלאָרער ווייַן צעמישט, —
איז דערפֿאַר אַז וואויל צו דעם, וואָס פֿראַוועט שטומען טיש.

אין דער שטילקייט פון נאַכט

אין דער שטילקייט פון נאַכט איז דאָס געוויין העכער,
אין די ביימער רוישט עס, אינעם שלאָף פון פייגל,
אין דער פּאַלמע האָט זיך עס צעשפּרייט ווי אַ פּעכער,
ס׳גייט פאַר׳חלומ׳ט אַרום אויף די ווייסע דעכער,
אָבער קיינעם וועקט עס נישט, נאָר איינעם,
וואָס האָט אויסגעוויינט שוין אַזויפיל געוויינען,
וואָס דערהערט דעם מינדסטן שאָרך פון אַ ציטער.
די לבנה וועט באַלד צו דעם טייך זיך בייגן
איר געוויין אין וואַסער אַריינצואווייגען,
ס׳האָט אַ שטערן געגעבן אַ לויף מיט געפּליטער
און אַ שורה פינטעלעך אָנגעצייכנט,
ס׳איז דאָס בלוי פונעם הימל געוואָרן שיטער,
ס׳האָט אויף מערב שוין אָנגעהויבן צו בלייכן,
דאָס געוויין וועט באַלד צו גאָט דערגרייכן,
אָבער קיינעם וועקט עס נישט אויף, נאָר איינעם,
וואָס האָט אויסגעוויינט שוין אַזויפיל געוויינען.

ס׳איז דערפאַר

ס׳איז דערפאַר וואָס איך בין אַזוי ברודערדיק אַלט
מיטן מענטשנס אָנהייב, מיט געוואָי זיינס אין וואַלד,
ווײל איך שעפּן פון זיך נאָר אַ ליכטיק געשטאַלט
און צו דיר, מיין געפּייניקטע וועלט, עס ברענגען.

ס׳איז דערפאַר וואָס איך שפּיר אין מיין אייגן געמיט
ווי די קראָפּעווע לעבן דעם פעלדבלימל בליט,
ווײל איך זיפּן די זון אויף מיין רעשעטע ליד
און צעלאָזן די ווערטער — אַ פייגל־שערענגע.

ס׳איז דערפאַר וואָס איך הער נאָך מיין קול, ווי ס׳האָט רוי
זיך פאַרמאָסטן אין וואַלד מיט דער חיה׳ס געוואָי,
זאָג איך איצט אַז איך גלייב אינעם גוטס און געטרוי
דעם צעריסענעם מענטש אין זיין לעצטן געראַנגל.

ס׳איז דערפאַר וואָס ביים אָפּגרונט הענג איך אויף אַ האָר,
ווי די וועלט, ווי מיין גאַנצער פאַרלוירענער דור,
ריים איך פעדעמווויים שיין אַרום ביים קאַיאָר
און פאַרוועב זיי מיט ווייטיק אין מיינע געזאַנגען.

חבר׳שאַפט געקעפט

צוויי שטיבלעך, צוויי שטילע שכנים,
איין וועג פירט צו זייערע טרעפּ,
נאָר ס׳טוט די חבר׳שאַפט וויינען
דערפאַר וואָס זי איז געקעפּט.

צוויי מענטשן צונויפגעקניפּטע,
נאָר אָפּגעזונדערט אין גאַנג,
אויף טרעפּ אַריבערגעהיפּטע
דערלאַנגען זיך אין געדאַנק.

געקאָרבט איז ביי איינעם דאָס פּנים,
ביים אַנדערן גרוי שוין די האָר, —
ס׳איז גוט זיך אין רים צו דערמאָנען,
ווי בלויביידנס אויגן, און קלאָר.

צוויי מענטשן אומיסטן געקומען
צו וואוינען אַ שטוב ביי אַ שטוב,
אַנטקעגנצוטראָגן די מום׳ען
פון איבערגעריסענעם קנופּ.

אַ זאַק מיט אַש פון טרויער
האָט אָנגעטאָן זיך דער טאָג,
ווי טיף האָט אין האַרץ געבויערט
דאָס וואָרט, וואָס איז נישט געזאָגט.

די נאַכט האָט מיט צער גענידערט
און שטיבלעך צונויפגעפּאָרט,
צוויי מענטשן האָט דערווידערט
דאָס אייגענע פּיינלעכע וואָרט.

אַ שטול ליגט אַן איבערגעקערטער,
דער ווינט האָט אַ ציטער פאַרשלעפּט, —
באַגעגענען וועלן זיך ווערטער
אויף טרויעריק־שכנה׳שע טרעפּ.

אַ שטוב ווי אַ מענטש

די שטוב שטייט פאַרקלאַפּט, דער גאַניק איז פּוסט,
מיט קנופּן בוריאַן פאַרוואַקסן די טרעפּלעך,
געבליבן איז נאָך אַ פאַריאָריקער קוסט,
מיט רויזן פאַרדאַרטע, ווי לויזע לעפּלעך,
אָן עמער, וואָס ס'האָט די זון אים צעלעכצט,
צוריקוואַקס פון האָבער, ווי אַ האָריקע ברוסט.
פאַרקערוועסט זיך פונעם וועג צו דער שטוב
און ס'גיט אַ פאַרשמעק דיר אַ היימיש געקעכץ,
דו הערסט נאָך דאָס שורשען פון זיידענע קנעפּלעך, —
נאָר ווילדגראָז צעוואַקסן איז דאָ אין אַ קנופּ.

האָסט סיווי קיין אייגענעם דאָ נישט געהאַט,
די שטוב איז דיר פרעמד, דער וועג און די געגנט,
נאָר ס'פאַלט פון אַ בוים דיר אַרונטער אַ בלאַט
און פלוצלינג דערשפּירסטו, ווי גאַנצע פאַרמעגנס
מיט וואַרעמקייט האָסטו פאַרלוירן אויף שוועל
פון אַ שטוב, וואָס איז פרעמד דיר און ווייסט כמעט.
דו זעסט פאַר זיך מענטשן, וואָס האָסט נישט געזען,
דערקענסט זיי אַפילו אין גאַנג און אין שטעל,
גייסט צו און דיר דאַכט זיך אָט וועסטו זיי פרעגן:
ווי לאַנג, אַז מיר זענען אינאיינעם געווען?

האָסט שטיבער געזען, וואו מע וואוינט און מע לעבט,
מיט ליכט און מיט רייד, מיט פֿאַלבן אין שויבן,
וואו ס׳קלינגען די טריט נאָך אויף זויבערע טרעפּ
און הויך איבער זיי איז דער דאַך אויפֿגעהויבן,
נאָר היימישער איז דיר די שטוב, וואָס איז לער,
דאָס פֿולקייט פֿון לעבן איז דאָ נישט דערשעפּט,
אין עמער אַ טראָפּן נאָך גליט אויפֿן דעק,
ס׳איז דאָ נאָך אַ ציטער, אַ ווענד און אַ קער,
ס׳איז דאָ נאָך דער צוטרוי און מענטשלעכער גלויבן, —
אַ שטוב, ווי אַ מענטש, לעבט נישט אויס אירע טעג.

אייגענע, נאַקעטעביימער

נאַקעטע האַרבסטיקע ביימער,
טרויעריק לעבן אייך שטייען מיר,
אומעטיק ווי איר אַליין.
איבער אייך פינצטערע כמאַרעס,
קוקן אויף אייך אַזאַ צער איז,
ס׳כאַפּט אונדז אַזש אָן אַ געוויין.

ניין, זאָגן ביימער, נישט טרויערט,
כאָטש קאַלטער ווינט אויף אונדז לויערט,
כאָטש ער ברענגט שניי, פראָסט און אייז,
ווייסט איר דאָך — לאַנג נישט געדויערט
און ס׳הייבט אָן צו וואַקסן אויף רוי־ערד,
בליען מיר איבעראַנייס.

אפשר גערעכט זענט איר טאַקע,
אָבער צו בלייבן דאָ נאַקעט,
נאָכדעם ווי איר האָט געבליט,
איז אַזאַ פּיין, אַזאַ אומעט,
גייט אונדז נישט אייַן שוין דער זומער
מיט זיין געזאַנג און זיין ליד.

ביימער מיט ווינט אין די קרוינען,
אייגענע זענען אַזוינע,
נאָענט ווי אייגענע שוועל.
גיך וועט דער ווינטער פאַרשווינדן,
זון וועט זיך ווידער צעצינדן
און וועט באַלייכטן אייך העל.

ס'נידערן נעכט

פול איז דער טייך, דאָס שטילקייט זיינס רינט
איבערן ברעג און אריין אין וואַלד,
קומט דער פאַרנאַכט און ביים זוים צעצינדט
אויף אַ בוים אַ פאַנטאַסטיש געשטאַלט.

קוקסט אַריבער, ס'ווערט פול דיין געמיט
מיטן שאָרך פון אַ זיידענעם גאַנג,
זעסט, ווי פון ביימער פאַלט שיין, ווי צוויט,
און צעשפּריצט זיך אין וואַסער און צאַנקט.

ס'קלעטערט אַרויף דאָס ווייטע געשטאַלט,
העכער און העכער ווערט עס צעפלאַמט,
און דער צוויט צעשאָטענער פאַלט,
ווי אַ רעגן פון גילדענעם זאַמד.

ליכט גייט אַרויף צו ביימער'ס שפּיץ,
טונקלקייט נידערט צו צווייגן-געפלעכט,
נעם אַ שטיינדל און אין זאַמד קריץ:
טעג גייען הויך, ס'נידערן נעכט.

ווינט

רוי דער ווינט, אוי, דער ווינט
הערט נישט אויף זיין בייז געוואָי,
אויף די שויבן שוידער רינט,
ווי אַ וואונד דאָס האַרץ איז רוי.

ס׳לעשט דעם לעצטן קנויט דער ווינט,
ס׳פּאַלט אויף שויבן עלנט שטרוי,
וועלט האָט טויט פאַרטרויט דיר, ווינט,
איך — דעם לעבן נאָך געטרוי.

טרויעריקער בוים

האָסט אַ זשמעניע סיוו'דיקן רעגן אָנגעשעפּט
און אַריינגעטרונקען דעם הימל און די ערד,
ביסט דער טרויעריקער בוים אינמיטן סטעפּ,
וואָס די בלעטער זיינע האָט דער ווינט פֿאַרקערט,
ס'ווינט דער האַרבסט אין זיינע דורכגעווייקטע ריטלעך
און אַרום — סטערטעס וואַרעמען זיך געמיטלעך.
אַז די זון שיינט-אויף אַפילו אינעם מיטן שבט,
גיט אַ זונג פון זיי מיט רויכעלעך און שטרוי-שיין,
נאָר דער ווינט האָט פונעם בוים פֿאַרשאַרט דעם לעצטן בלאַט
און אים אָנגעלאָדן מיט שטיקער אייז אין קוישן, —
האָסט אַ זשמעניע סיוו'דיקן רעגן אָנגעשעפּט,
ביסט דער טרויעריקער בוים אינמיטן סטעפּ.

צוריק פון דער זון

צו דער זון אַז דו גייסט, גייט דער שאָטן דיר הינטער
מיט אַ זיידענעם שפּאַן, און דערלאַנגט דיר אַ זאָג:
אַזאַ גאַנג איז נאָך דאָ, וואָס דו קנופּן פאַרבינדסט ער
אין געוועב פון דער וועלט, אין די ריסן פון טאָג.

פון דער זון אַז דו גייסט, גייט דער שאָטן פאָרויס דיר
מיט אַ מידיקן שפּאַן, אין אַ טונקעלן טראַכט,
פירט צוריק דיך פון טאָג, פונעם זוניקן פּרוזדור,
צו דער שטילקייט און רו פון דיין אייביקער נאַכט.

כחומר ביד היוצר

ווי דאָס ליים אין די הענט פונעם טעפּער,
בין איך, גאָט, ביי דיר אין די הענט,
כ׳פּיל דעם ציטער אין זיך פונעם קלעפּער,
פון דיין פייער, וואָס האָט מיך געברענט.

האָסט געקנאָטן דעם קאָפּ און דעם קעפּער,
דעם פאַרלענדטן און דעם, וואָס פאַרלענדט, —
ווי דאָס ליים אין די הענט פונעם טעפּער,
זענען מיר ביי דיר אין די הענט.

אָ ק ט אָ ב ע ר

דער טאָג איז רויט, די נאַכט איז בלוי,
פאַרנאַכט —אַ גאָלדיק טייכל רינט,
די בלעטער — אויסגעצייטיקט שטרוי,
ווי פייגל וואָגלען אויפן ווינט.

באַגינען קומט אויף דינעם זייד,
אַ שאָרך, אַ שטרעמל שיין, אַ בלענד,
סע דאַכט זיך אַז דער טאָג איז ווייט,
נאָר ס׳שפּילט שוין גאָלדשטויב אויף די ווענט.

דער טאָג גיט מיט זיין בארשט אַ שמיר
און דעכער ווערן קופּער־פאַרב,
נאָר גרוי איז נאָך אַן אַלטע טיר —
אויף פּנים ליכטיקן אַ קאַרב.

אָקטאָבער, — רייף און פול מיט זעט,
ווי אַ פאַרברווינטער קאָרן־גאַרב,
נאָר ס׳ווייִנט צו מיר די גרויע ברעט,
וואָס שניידט די שיין איין ווי אַ קאַרב.

הער צו, דו גרויס־בריטאַנער

הער צו, דו גרויס־בריטאַנער, באַהערשער און באַצווינגער,
דאָס רעדט צו דיר אַ פאָלק, וואָס גאָט האָט אויסגעוויילט,
מיט דורות ווערט עס עלטער, מיט דורות ווערט עס יינגער,
אין בלוט ווערט עס געבוירן, אין וואונדיקייט געהיילט.

פאַרוויסט די הימען זיינע, דאָס האָב־און־גוטס פאַר׳שרפ׳עט,
פאַרפייניקט זיינע לעבנס, צעמורשטן אים אויף שטויב,
נאָר ווידער שטייט ער אויף און מיט עקשנות שאַרפער
צום לעבן שפּאַנט ער ווידער, אַקעגן טויט און רויב.

אָן לאַנד, אָן ערד און איבער גאָרער וועלט אַ שפּאַנער
מיט לאַנד אין בלוט זיינעם האָט ער ארומגעשפּאַנט,
אין זיך געטראָגן ערד, — הער צו, דו גרויס־בריטאַנער,
דאָס רעדט צו דיר אַ פאָלק, וואָס וואַרט ביי אים איז לאַנד.

ווען שייטערהויפנס האָבן ס׳לייב זיינס געטאָן ברענען
און קאַמערן פון טויט געפּייניקט אים דעם גוף,
געזונגען האָט ער מיטן לעצטן אָטעם ותחזינה,
אַז איבערנעמען זאָל זיין זון צו לאַנד דעם רוף.

דער ירדן האָט פאַר אים געשטראָמט ביים ברעג פון טיבער,
ביים דניעסטער האָט יהודה׳ס וויינגאָרטן געבליט,
ישראל׳ס לאַנד האָט אָנגעוואַרעמט אַלע זיינע שטיבער,
אויף אַלע הימלען האָט די זון פון אייגן לאַנד געגליט.

געווען ביים אָנהייב זיינעם איז דאָס פאָלק אַ כנען׳ער
און כנען איז געבליבן, ווי זון, אין אים קוראַנט,
די זון פאַרגייט, די זון גייט אויף, — הער צו, דו גרויס־בריטאַנער,
דאָס רעדט צו דיר אַ פאָלק, וואָס גייט צו זיך אין לאַנד.

פאַרמאָסטן האָסטו זיך דעם גאַנג זיינעם צו צאַמען,
געשטעלט זיך מיט געווער ביים טויער פונעם לאַנד,
דאָס פאָלק, וואָס האָט זיין לעבן אויסגעברענט אין פלאַמען,
וועט דורכברענען איצט דעם סאַמע לעצטן בראַנד.

ס'איז דאָ אַ פּונק אַזאַ, וואָס טיף איז ער פאַרהוילן,
ער טליעט, דאַכט זיך, שטיל, נאָר גיט זיך אַ צעצונד,
דעם ווילן גליט ער אָן ביים פּאָלק אין אַלע קנוילן,
דעם דראַנג צוריק צום לאַנד, וואו ער האָט אויפגעזונט.

דער נס האָט שוין געטראָפן, — הער צו, דו גרוים-בריטאַנער,
צעגליט האָט זיך אויפסניי אין אַלטן פאָלק דער פונק,
דער ייִד, — דער איינגעבויגענער פונדאַנער און פונוואַנער,
אין לאַנד איז צוריקגעקומען און געוואָרן יונג.

דער האָרעפּאַשניק און דער לערנער, דער פּראָסטאַק און למדן,
דער הענדלער און דער טענדלער, דער ייִד פון ווינט אין פעלד, —
ס'האָט אָנגעזעטיקט זייער בלוט די וויסטע זאַמדן,
פון זייער שוויים האָט טריקעניש צוריק געקוועלט.

ווער האָט צעבליט די דערנער-שטעכערס אין יהודה
מיט ווייַנשטאָק און מיט איילבירט, מיט מאַנדל און מאַראַנץ?
ווער האָט אין גליל אויפגעריסן שטיין און רודע,
אין רויערד ברויט פאַרזייט און בוים פאַרפלאַנצט?

געטאָן האָט דאָס דער וואַרשעווער, ווילנער, און בריטשאַנער,
דער פונק, וואָס האָט אין ייִד דעם דראַנג צום לאַנד געגליט,
פאַרלעשן ווערסטו ניט דעם פונק, — הער צו, דו גרוים-בריטאַנער,
צום ייִדן גייט דאָס לאַנד, צום לאַנד גייט צוריק דער ייִד.

אין רויב, אין מאָרד, אין שעה'ען פינצטערע און דולע,
ווען ס'האָט דער טויט אַליין פון פּיין אונדז אויסגעלייזט,
האָט אויפגעשיינט דער נס פון עמק און דער חולה
און ווידער אונדז געגרייסט און אָבער אונדז געטרייסט.

צוריקגעקויפט דאָס לאַנד מיט בלוט און האָרעוואַניע,
מיט אומגעבראַכטע לעבנס, מיט לעבנס אויפגעוואַכט,
געצאָלט פאַר יעדן שפּאַן מיט חדירה און דגניה,

פון טאָל אַרויף צום כרמל מיט שטאָלץ אַרויפגעקלעטערט,
מיט פולע הויפנס מי צום חרמון זיך געווענדט,
ביים ים די גרויע שטרעקעס באַשאָטנט און באַבלעטערט
און אָנגעפילט דעם חושך מיט ליכטיקייט, וואָס בלענדט.

געניט ביסטו, אַ רואיקער און כיטרער פּלאַנער,
האָסט אויסגעטראַכט דאָס רשעות מיט פאַרשטאַנד,
נאָר קענען דיר שטייט פעסטער ווילן, — הער צו, דו גרויס-בריטאַנער,
דאָס רעדט צו דיר אַ פאָלק, וואָס גייט צוריק אין לאַנד.

חיים נחמן ביאַליק

ביסט געווען אַ סנאָפּ שיין צעשויבערט
און אַמאָל אַ געטראַנק, וואָס איז גאַליק,
אין דיין יאוש אפילו — אַ גלויבער,
ביסט געווען — חיים נחמן ביאַליק.

האָסט געשניטן אונדזער לייב אין „בעיר ההרגה״,
האָסט געשטראָפט אונדז מיט „אכן חציר העם״,
ביסט געווען דער אומרו אין אונדזער לעבנס־זייגער,
נאָר אין דיר האָט פרייד געשלאָגן ווי אַ שטראָם.

האָסט געבראַכט אונדז יונגשאָפט אין די „שירי חורף״,
האָסט געוויינט פאַר אונדז אין „שמים בקשו רחמים עלי״,
אין „הברכה״ דער שמייכל, קינדיש־פאַרלוירן,
האָט געבליט מיט פרייד, ווי דיין וואָלינער מאַי.

ס׳איז „דאָס לעצטע וואָרט״ דיינס געווען דאָס ערשטע
און דיין ביטער „פריילעכס״ האָט געשמעקט מיט בוים,
ווי דער שטעכיקער, בלאָנדער, קרויזיקער גערשטן
האָט גערעדט צו אונדז בחור׳דיק דיין „היה חלום״.

כ׳האָב געטרונקען ווי ווין דיינע געזאַנגען,
דיינע מקרא, אַמאָל פּריקרע, רייד,
ס׳איז דערנאָך אין מיר אַליין אויפגעגאַנגען
דער געמישטער טעם פון דיין צער מיט פרייד.

ושמרו

די בני ישראל האָבן שבת אָפּגעהיט,
ווי גאָט האָט זיי פאַרזאָגט ביים באַרג סיני דורך משה׳ן, —
דער זומערדיקער טאָג האָט פאַרביק אָפּגעגליט,
מיט נאַכטיקייט די ביימער-קרוינען רוישן,
דער שבת קומט מיט שאַרך פון זיידנס אין די טריט,
פון הימל פאַלן שטערן פולע קוישן,
צעזונגען האָט זיך אויף דער גאַרער וועלט דאָס ליד:
די בני ישראל האָבן שבת אָפּגעהיט.

געווען איז שבת שטיל-צעפלאַטערט דאָס געמיט,
די רו האָט, ווי אויף פליגלען, עס דערהויבן,
פאַרנאַכט האָט זיך די כלה שבת יונג צעבליט
און קעגן חתן אַרויסגעקוקט פון שויבן, —
קום, חתן, פונדערווייט, פאַרהאַרעוועט און מיד,
דיין וואַכיקייט וועל איך אַרונטערשטויבן
און זינגען וועלן מיר פאַר גאַרער וועלט דאָס ליד:
די בני ישראל האָבן שבת אָפּגעהיט.

פאַרבענקט אַ שטערן צו אַ שטערן פליט,
אַ וואָלקן ווערט אַ לאָם מיט פוכקע קרויזן,
אַזויפיל רואיקייט אַרום און איך, דער ייד,
פאַרוואָס זאָל איצט מיין הארץ אַזוי צעברויזן?
כ׳פאַרמאַך די אויגן און אַ וועלט פאַר מיר זיך ציט
מיט שטילע היימען, פרומע ליכט און קלויזן,
איך הער דאָס אויסגעפייניקט-ציטערדיקע ליד:
די בני ישראל האָבן שבת אָפּגעהיט.

יום השישי

יום השישי ויכולו השמים,
זעקסטער טאָג, דער הימל אויסגעשפּרייט,
דער באַשאַפער ברענגט אַ טאָג אַ נייעם,
ס׳איז דער זיבעטער — דער טאָג פון רו און פרייד.

וואַסער אָפּגעטיילט שוין פונעם תוהו,
מענטש געפורעמט אינעם אלוקים,
איצטער שפּרייטן זיך די הימלען בלויע,
פול איז דאָס באַשאַף מיט שאַפער׳ס שטים.

ערד און הימל, מענטש, געוויקס און פויגל, —
די באַשאַפענע פון גאָרנישט נעמען זיך צונויף,
מיט אַ פאַרביקן געזאַנג, ווי רעגנבויגן,
אויסצוזינגען די זעקס טעג כי טוב.

זינגען איבער — אָטעם, קולות, פאַרבן,
פינף אותיות, פון כיו ביז בית,
נאָר דאָס ווייסן, אַז דער סוף איז שטאַרבן,
קלינגט שוין מיט געוויין־געבעט: דערלייז.

הימל קושט די ערד, ווי אירס אַ חתן,
ווינט, ווי ברודער, קושט דעם בוים,
ס׳ליגט אַ טרויעריקע רו צעגאָסן
איבער גאָר באַשאַף, פון זוים ביז זוים.

מענטש איז איינער נאָך, אותיות דריי געציילטע,
פון דער ערד גענומען, — אלף, דלת, מים, —
נאָר ער טראָגט שוין וואונדן נישט פאַרהיילטע,
ס׳פאַלט שוין אויף זיין אויג שאָטן פון דער ברעם.

וויפל פרייד ס'איז דאָ און וויפל טרויער,
אינעם ווינט און אינעם וואַסער'ס לויף,
ווייסט דער אָדם, אַז ס'איז קורץ זיין דויער,
ווען ער זינגט דאָס לעצטע מאָל כי טוב.

ס'לאָזט זיך נאַכט אַרונטער ווי אַ פליגל,
אינעם ים פון שטערן די לבנה שווימט,
ס'האָט דער מענטש געלייגט די ערשטע ציגל
פונעם אומעט אינעם צלם אלוקים.

דו ביסט גאַנץ, באַשעפער, נישט געפורעמט,
סוף און אָנהייב לויכטן אין דיין שפור,
נאָר אין אָדם האָט זיך שוין צעשטורעמט
דאָס געוויין אויף טויט פון דיין יצור.

רוט די נאַכט, אָדם ליגט פאַרטייעט,
אין געדאַנק ביי אים בינדן זיך די רייד, —
יום השישי ויכולו השמים,
זעקסטער טאָג, אַ טרויער איז פאַרשפּרייט.

דינסטער שאָרך

שווייגן שווייגט דער טרויער, אַז ער איז אין טיף פאַרגראָבן,
שווייגן שווייגט דער ברונעם, וואָס איז פול און קוואַלט, —
לאָמיר רייד, ווי קאָרע פון אַ בוים, אָרונטערשאָבן,
לאָמיר זיך דערגרונטעווען צום אייגענעם געשטאַלט.

ביסט געקומען אויפן דרום מיד דיין קאָפּ אָוועקצולייגן
אויף אַ האַרטן בעטל אונטער פרעמדן דאַך,
הערסט פון דעמבעס, פּאַלמעס, נאָדלביימער, ווי די פייגל
רעדן אוים צו דעם פאַרטאָג אַ זינגעוודיקן שבח.

וואַקסט אין דיר דער טרויער, ווי די פייגל-פּישטשערייען,
שיילסטו רייד אַרונטער ביז צום יאָדער, צו דיין תוך, —
אויסצורעדן זיך וועט דיר דאָס לעבן שוין נישט סטייען,
נאָר דערשווייגן קענסטו זיך צום סאַמע דינסטן שאָרך.

לעבן געקניפּט

מיט לעבן, וואָס גייט אויף, איז פול די שטוב,
דער ציטער פון געבוירן טראָגט זיך שוין אין רוים,
דאָס וואַקסן שפּירסטו, ווי דאָס שפּראָצן פון אַ בוים, —
פאַרוואָס זשע גיט דאָס האַרץ מיט ווייטיק דיר אַ צופּ?
צונויפגעדרייט איז לעבן, ווי אַ קנופּ
און הייבט זיך אָן, וואו ס'לאָזט זיך אויס דער זוים,
דו זעסט, ווי סוף מיט אָנהייב בינדן זיך צונויף,
ווי אויפשפּראָץ גיט פאַר אָפּשפּראָץ אַ פאַרלויף,
דו זעסט, ווי ווידערוואוקס פון דיר צעבליט,
נאָך דיר גייט לעבן, אָבער דו אַליין וואו גייסטו?
דו זוכסט דעם לעצטן פונק, וואָס שטיל און מיד נאָך טליט,
אויף אָנוואָרעמען פאַרנאַכט אין דיר די טרייסט, —
אַ, פרישער קוואַל, פון וואַסער דיינעם נאָך אַ זופּ,
אַ קוק טאָן נאָכאַמאָל אויף אַ צעבליטן בוים,
די מדבר עפנט זיך אומהיימלעך, פוסט און ווייט,
אַ שאָטן גייט פאַר דיר און זון אויף שטיק צעשניידט,
דאָס זאַמד איז אויפגעכוואַליעט מיט אַ געלן שוים,
דער טאָג איז אָפּגעשאָבן ביזן לעצטן שופּ,
אַ דאַנק דיר, גאָט, דערפאַר, וואָס פול די שטוב
מיט לעבן, ווי דאָס שפּראָצן אויף אַ בוים.

ביי ניאַגראַ

ביי ניאַגראַ, אַריבערן בריקל,
ליגט דאָס אינזל פון די דריי שוועסטער,
אויסגעשניטן און דין ווי אַ צוויקל,
נאָר אַ צוואַנציק שפּאַן אויסצומעסטן.

איז דערציילט מען דערפון אַ לעגענדע,
וואָס פאַרשמעקט מיטן ווייערך פון קלויסטער, —
נאָר מיין קוק וויל איך איצטער גאָר ווענדן
צו ניאַגראַ, וואָס שרייט אַ צעברוזטער.

נישט אַזוי צו די שטורמישע פּאַסמעס,
וואָס צעפּאַלן זיך גרויע, צעשוימטע, —
זייער גורל פון אייביק פאַר'חתמ'עט
זיך צו רייסן און בלייבן געצוימטע.

נאָר צום טייכל ביים צוואַנציק־שפּאַן אינזל,
וואָס איז גרין און אויף פּאַסן צעשניטן,
וואָס די זון האָט אַ לויטערן רינצל
אויסגעשפּרייט, ווי אַ שפּיגל, אינמיטן.

און צום וואַסער־פאַל, קליין און אַ חלוש,
וואָס איז דריבנע אַקעגן ניאַגראַ,
ווי אַ שניידערשער ניגון אין פּאַליש
אין אַ חסידישן יומא דפּגרא.

נאָר אַ טראָפּנדל איז ער אין שטורעם,
נאָר אַ טראָט אויף די טויזנטער שטאַפּלען, —
וויפל אייגענע יונגע דיבורים,
וויפל פרייד אין זיין קינדישן פּלאַפּלען.

אויף זיין אייגענעם בערגל געקלעטערט,
און געזונגען: ווי גוט מיר און וואויל איז.
פאַלט אַליין און אַליין ווערט צעשמעטערט,
אין זיין אייגענעם קול — טויזנט קולות.

ס'האָט דער וואַסער־פאַל דאָ זיך געציקלט,
מיט געזאַנג, ווי מיין היימישער דניעסטער,
ביי ניאַגראַ, אַריבערן בריקל,
ליגט דאָס אינזל פון די דריי שוועסטער.

מ׳האָט נאָך אים געשיקט

כ׳האָב אָנגעטאָן דעם זון אין ליכטיקן האָקי,
געזאָגט אים: ס׳איז שוין צייט, דו דאַרפסט דאָרט זיין פאַרפרי,
און אָפּגעקערט דאָס פּנים צו דער וואַנט.
געשוויגן האָבן מיר, דער זייגער האָט געטיקט,
דאָס האַרץ האָט צעקלאַפּט: מען האָט נאָך אים געשיקט, —
מיין זון, מיין לעיטענאַנט.

די מאַמע האָט דעם לעצטן קוק געטאָן אין ראַנץ:
דו זעסט, מיין קינד, ס׳איז אויסגעפּרעסט און גאַנץ,
און אַלצדינג וועט דיר ליגן צו דער האַנט...
די אויגן זיינע האָבן זיך אויף אונדז געוויגט
און שטומערהייט געזאָגט: מע האָט נאָך מיר געשיקט, —
מיין זון, מיין לעיטענאַנט.

אַז ס׳האָט אין ראַנץ אַ קלונג געטאָן דער שלאָס,
האָט עפּעס אָפּגעהאַקט זיך, ווי אַ שאַרפער שאָס,
געבליבן זענען מיר אַ רגע, ווי ביים ראַנד.
די זון האָט דינע פעדעם אויף דער וואַנט געשטריקט,
דער טאָג האָט אָנגעזאָגט: מע האָט נאָך אים געשיקט, —
מיין זון, מיין לעיטענאַנט.

אין פּנים ביי מיין זון אַזוי פיל קינד און מאַן,
די אויגן שיינען, ווי צוויי ליכט אין אַ טומאַן,
דער שמייכל זיינער ציטערט מיט פאַרשטאַנד.
איך האָב אויף אים געקוקט און ס׳האָט אין קאָפּ געפּיקט:
דו ווייסט, ווי איך, פאַרוואָס מע האָט נאָך דיר געשיקט, —
מיין זון, מיין לעיטענאַנט.

דיין יינגל־צימער בלייבט, דיין טיש, דיין בעט,
דיין קול, ווי דו האָסט זינגעוודיק גערעדט,
ווען ס׳האָט זיך ערשט געבראָכן און געמאַנט,
דיין ערשט־געשוירן בינטל האָר נאָך ליגט,
נאָר איצטער האָט מען דאָך נאָך דיר געשיקט, —
מיין זון, מיין לעיטענאַנט.

מיר שווייגן אויף די טרעפּ, וואָס זיינען איצטער רייד?
די זון האָט מיט׳ן רוקן צו אונדז זיך אויסגעדרייט,
אַזוי האָט אַלע מאָל אַ טאַטע לעבן זון געשפּאַנט,
אַ מאַמע האָט אַזוי דאָס ווייגען אירם געשטיקט,
אַזוי איז עס אַצינד, מען האָט נאָך דיר געשיקט, —
מיין זון, מיין לעיטענאַנט.

מיר פירן אים, און שאָטנס קומען זיך צונויף
פון אַלע די, וואָס האָבן אָפּגעצאָלט דעם חוב,
פאַר זיך אַליין, פאַר פאָלק, פאַר מענטש, פאַר לאַנד,
פאַר ייִד, וואָס ס׳האָט אַ וועלט אויף אים געקריגט,
מיר פירן אים, מע האָט נאָך אים געשיקט, —
מיין זון, מיין לעיטענאַנט.

דער לעצטער אָפּשטעל דאָ, אַ פויגל גיט אַ פלי,
צעשטרייפטע פאַסן ליכט אויפ׳ן זונ׳ס האַקי,
אַ לייכטער ציטער גייט פון האַנט צו האַנט,
די מאַמע האָט צום האַרץ אים צוגעדריקט,
נו, פאַר געזונט, מע האָט נאָך דיר געשיקט, —
מיין זון, מיין לעיטענאַנט.

אָדלערס אונדזערע

אָדלערס אונדזערע, אונטער אַלטע הימלען — יונגע,
אָנגעטאָן האָט איר די פליגלען פאַרן ערשטן פלי,
קיינער האָט אייך נאָך ביז איצטער נישט באַזונגען,
און באַזינגען אייך איז אפשר נאָך צו פרי.
אָנגעפילט האָט איר מיט קאַלטע לופט די לונגען,
ביי די וואָגלער־כמאַרעס אָנגערירט די פאַלעס,
און נאָך העכער — צו דער זון — געטאָן אַ צי,
זעט דעם וואונדער, ווי סע פליט דער גלות.

אויסגעוואַרעמט האָט איר זיך אין היימען — שטילע נעסטן,
אייניקלעך פון ספרי רומל, ווינט־מילן און קלויז,
יונגע, קעגן אַלטע טויטן אין דער הייך זיך צו פאַרמעסטן,
פליט איר מיטן דורות׳דיקן ברען און ברויז,
מיט אַ האַרץ, אַן אויסגעהאַמערטן און פעסטן,
מיט אַ האַנט, וואָס אין צעשטערן איז זי בויעריש,
אויף די פליגלען אייערע טראָגט זיך יעקב׳ס הויז,
שטרעקעס שניידט איר מיטן שם המפורש.

אין אַ ציטערדיקער נאַכט אויפגעהויבן האָט זיך אליהו
אויף אַ פייערדיקן וואָגן גלייך צו גאָט,
איר, אין הייכן רייכערדיקע, בלויע,
טראָגט אין זיך יענעם פייערוואָגן־סוד,
אייך באַשערט — דאָרטנס אונדזערע מיט דעם
אויפן ווינט, מיט פליגלען, צו פאַרקניפן,
אויסצוקערעווען דער וועלט פאַראויס דאָס ראָד,
וואָס דער שונא האָט געוואָלט אַריבערהיפן.

מיר, די טאַטע־מאַמעס אייערע אין דער נידער,
קוקן צו דער הייך מיט עלנטן געמיט,
ס'איז אַ זון פאַרגאַנגען, אויפגיין וועט זי ווידער
אויפן טויט און צער'דיקן לעבן פונעם ייד,
איר, די אייניקלעך פון דורכגעווייטיקטן סידור,
טראָגט דעם טויט אויף פליגלען — לעבן אויסצושטרייטן,
ס'איז אַ טרויער און אַ וואונדער וואָס איר פליט, —
אַדלערס אונדזערע, צונויפקניפּערס פון איצטער מיט
פאַרצייטן.

דרייסיק מאַן שטאַרק

דרייסיק מאַן שטאַרק האָבן מיר געשפּאַנט
אין דער שטילקייט פונעם באַגינען,
דרייסיק מאַן שטאַרק אין אַ פרעמדן לאַנד
דאַרפן פאַרטאָג דעם שונא געפינען.
שאַרט זיך ביי בלייך־רויטע זוימען דער טאָג,
ס׳שאָרן זיך דרייסיק מאַן שטאַרק מיט געווער,
ס׳הענגען די נאַכט און דער טאָג אויף דער וואָג,
ס׳וויגט זיך דאָס צינגל אַהין און אַהער,
דרייסיק מאַן שטאַרק, נאָר געזע און געהער,
וואו איז דער שונא ? — גיט דאָס האַרץ אַ שלאָג.

דרייסיק מאַן שטאַרק, מיר גייען אין וואַלד,
זופּט זיך די שיין, ווי דורך אַ זיפּל,
פּאַסיקלעך ליכט, אַ פּאַלד אויף אַ פּאַלד,
בינדן דאָס זילבער צונויף אין אַ קניפּל,
וועווערקעס קוקן דערשטוינט אין געלאַף,
צוויטשערט אַ פויגל, — אַ שפּרונג און אַ זונג,
וואו איז דער שונא, אַז דאָ איז באַשאַף ?
דאָ גיט דאָס לעבן דעם ערשטן טרונק.

דרייסיק מאַן שטאַרק, ס׳ווערט שיטער דער וואַלד,
עטלעכע שפּאַן און אַ פעלד איז צעעפנט,
עמעצער גיט אַ געשריי צו אונדז : „האַלט״,
דאָ וועט איר אפשר דעם שונא נאָך טרעפן.
ליכט, ווי פון טויזנטער קוואַלן רינט,
ערד פון די קוואַלן אַ דאָרשטיקע טרינקט,
איבער די גראָזן לויפט דורך אַ ווינט
און די שפּיצן אין כוואַליעס פאַרשלינגט, —
דרייסיק מאַן שטאַרק, — ווער פאַרבינדט
טויט מיט לעבן, וואָס גייט־אויף און זינגט ?

הייבט־אויף די ביקסן, נאָר נישט פאַרן טויט,
ס׳וועט אויפסניי דאָ דאָס לעבן געשפּונען,
דרייסיק מאָן שטאַרק, מיט קוילן און שרויט,
ווער האָט דאָס לעבן אייך דאָ נישט פאַרגונען?
אפשר דער שונא דערפאַר זיך דאָרט זאַמט,
ווייל אויך פאַר אים דער טאָג זיך צעשפּינט?
אים גייט, ווי אייך, אַנטקעגן דאָס לאַנד,
זון פאַר אים, ווי פאַר אייך, איצטער רינט, —
דרייסיק מאַן שטאַרק האָבן מיר געשפּאַנט
און געקושט זיך מיט ליכט און מיט ווינט.

איך בין אַן אַמעריקאַנער

אונטער וויפל הימלען כ'האָב שוין אויפגעשטעלט
מיין צעפאָרן-טרויעריק געצעלט,
האָט דער ווינט מיט צאָרן עס צעשטערט
און פאַרוואָרפן מיך אויף נייער ערד.
כ'האָב פאַרפלאַנצט מיין לייב, מיין הארץ און מיין געדאַנק
אויף די ערדן פונעם מזרח, מערב, דרום, צפון,
נאָר אַליין האָב איך אין אונטערגאַנג געצאַנקט
און דער ווינט האָט אומעטום צו מיר געטראָפן.
איך בין דאָ נאָך יונג,
ערשט געשטעלט מיין פוס;
פון דיין וואַסער ערשט אַ טרונק
איז געווען מיין זכות, —
נאָר אין מיר זינגט שוין דיין געזאַנג,
ס'האָט דערפרישט מיך דיין געטראַנק, —
איך בין אַן אַמעריקאַנער.

כ'האָב שוין ציגל צוגעלייגט צו דיין געביי,
כ'האָב שוין חלום אויסגעשפרייט, אַז איך בין פריי,
כ'האָב אַריינגעפלייצט אין דיינע אָדערן מיין בלוט
און נאָך אַלץ פון וואַגל זיך נישט אויסגערוט.
כ'בין דער מידער, אייביק-ציטערדיקער בויער,
כ'זוך אַ היים פאַר מיין געדאַנק און מיין געמיט,
נעם מיך צו, מיט מיין הונגער און מיט מיין טרויער,
כ'האָב אַ נישט-געזונגען אייביק-יידיש ליד.

איך בין יונג נאָך דאָ,
נאָר מיין פאָלק איז אַלט.
פאַר דיין יעדער שעה
האָב איך טעג אַ וואַלד,
און איך ברענג דיר דור מיינעם נאָך דור,
און איך זינג דיר ס׳ליד פון טויזנט יאָר, —
איך בין אַן אַמעריקאַנער.

מיין דור

ליבוש לעהרער

לעשסט זיך, דור מיינער, אַ שטערן נאָך אַ שטערן,
לייכטן וועסטו ביזן לעצטן צאַנק,
דו — אַליין דער זייער און אַליין דער קערן —
ערד האָסטו געשפּאַלטן מיט געזאַנג.

ליים מיט שטרוי האָסטו געמישט, געקנאָטן ציגל,
זיך אַליין געברענט און זיך אַליין געבויט,
אויפן האַרצן פון פאָלק געלייגט זיך, ווי אַ זיגל,
בראַנדיקן וועט ער אַפילו נאָך דיין טויט.

ביסט געווען דער יידישער, דער ריינער טרויער,
האָסט דעם פּראָסטן מאַן געבראַכט אַ פרישן טרונק, —
לעשסט זיך, דור מיינער, דו וויטיקדיקער בויער,
פונעם פלאַם דיינעם צעשפּרינגט זיך פונק נאָך פונק.

ביסט געווען ביים וואָרט אַ וועבער און אַ שמידער,
דינסטע פעדים יידיש האָסטו אויסגעשפּינט,
און אַצינד אַפילו, עלטער שוין און מידער,
רייסטו מיט די ציין דאָס וואָרט אַרויס ביים ווינט.

לעשסט זיך, דור מיינער, די קנייטלעך דיינע צאַנקען,
ווי אין אלול שטערן פאַלסטו אין אַ קנויל,
קומט צונויף זיך שטערן — ליכטיקע געדאַנקען,
פול מיט אייך דאָס האַרץ און אַלץ אַרום איז הויל.

די מעשה פונעם זיבעטן בעטלער

אַרייַנפיר

דער חסידישער פאָלקלאָר איז רייך. פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב ביז די לעצטע גרויסע גוטע־יידן זענען געבליבן לעגענדעס און מעשה׳לעך, — סיי וואָס זיי אַליין האָבן דערציילט און סיי וואָס חסידים דערציילן וועגן זיי. ר׳ נחמן בראָסלאָווער (געבוירן אין יאָר 1772 אין מעזשביזש, פּאָדאָליע, געשטאָרבן אין יאָר 1810 אין אומאַן) איז צווישן גוטע־יידן געווען אַנדערש דערמיט, וואָס דערציילן אַ מעשה׳לע איז ביי אים געווען אַ מין עבודה. ער האָט אין די מעשה׳לעך נישט נאָר אַרייַנגעגעבן אַ טיף־יידישן מיין, נאָר אויך זיין קינסטלערישע פּערזענלעכקייט.

ר׳ נחמנ׳ס „סיפּורי מעשיות" זענען צו אונדז דערגאַנגען פון אַפשרייבונגען, וואָס זיין גבאי, ר׳ נתן, האָט געמאַכט. דער רבי האָט די מעשה׳לעך דערציילט אויף יידיש און ר׳ נתן האָט זיי דערנאָך איבערגעזעצט אויף לשון קודש. ר׳ נחמן האָט אָבער געוואָלט ,אַז זיינע „סיפּורי מעשיות" זאָלן זיין געדרוקט אי אויף לשון קודש און אי אויף יידיש.

די „מעשה בהז׳ בעטלערס" האָט ר׳ נחמן דערציילט איינציקווייס, אַ מעשה אויף־אַמאָל. ער האָט בפירוש געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיין אָפּגעשריבן אויף יידיש מיט זיין אייגן לשון, ווי ער האָט זיי דערציילט. נאָר דערציילט האָט ער נישט מער ווי זעקס מעשיות, די זיבעטע, האָט ער געזאָגט, וועט ער דערציילן ווען משיח וועט קומען.

דער אָנהייב פון דער „מעשה בהז׳ בעטלערס" איז פון אַ מלך, וואָס האָט זייער ליב געהאַט חכמה, ער האָט געהאַט אַ בן־יחיד, וועמען ער האָט געוואָלט אָפּגעבן די מלוכה נאָך ביי זיין לעבן. מיטן מלך און דעם בן־מלך פאַרנעמט זיך ר׳ נחמן נישט קיין סך, ער גייט באַלד איבער צו די זיבן בעטלער.

„ויהי היום, איז געווען אַ בריחה אין אַ מדינה", מענטשן זענען געלאָפן און אויפן וועג זענען פאַרפאַלן געוואָרן צוויי קינדער, — אַ זכר און אַ נקבה. די קינדער האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט אין געדיכטן וואַלד, זיי זענען געווען הונגעריק און האָבן ביטער געוויינט. דעם ערשטן טאָג האָט זיי געטראָפן אַ בלינדער בעטלער, ער האָט זיי געגעבן עסן און געבענטשט, אַז

זיי זאָלן זיין ווי ער. דעם צווייטן טאָג איז געקומען אַ טויבער בעטלער, דעם דריטן — אַ שטאַמלער, דעם פערטן — איינער מיט אַ קרומען האַלדז, דעם פינפטן — אַ קאַליקע אָן פיס. אַלע האָבן די קינדער אָנגעהאַדעוועט און צוגעוואונטשן „איר זאָלט זוכה־זיין צו זיין ווי איך".

דערנאָך האָבן זיך די קינדער דערשלאָגן צו אַ ישוב, וואו זיי האָבן אָנגעהויבן צו גיין איבער די הייזער. זיי זענען צוגעשטאַנען צו אַ חברה בעטלער און איינמאָל אויף אַ יריד איז די בעטלער איינגעפאַלן משדך־צו־זיין די צוויי קינדער. וואו מאַכט מען אָבער די חתונה? האָט מען אויסגעזוכט אַ גרוב, פון גיין־איבער־די־הייזער האָט מען צונויפגעבראַכט כל־טוב און געפּראַוועט אַ פריילעכע חתונה.

נאָך דעם ערשטן טאָג פון די שבעת ימי המשתה האָבן זיך חתן־כלה דערמאָנט אין די בעטלער, וואָס האָבן אין וואַלד זיי געגעבן ברויט, און האָבן זיך צעוויינט פון בענקשאַפט. איז דעם ערשטן טאָג צו זיי געקומען דער ערשטער בעטלער, דער בלינדער, און דערציילט אַ מעשה׳לע, דעם צווייטן טאָג איז געקומען דער טויבער בעטלער, — אַזוי זעקס טעג נאָכאַנאַנד האָבן זעקס בעטלער דערציילט זייערע מעשה׳לעך. די זיבעטע מעשה, — די מעשה פונעם קאַליקע אָן פיס, — איז געבליבן נישט דערציילט.

דער אופן, ווי איך דערצייל די מעשה פונעם זיבעטן בעטלער איז, אַז ר׳ נחמן קומט צו די אומאַנער חסידים איצט, הונדערט־דרייסיק יאָר נאָך זיין יציאה (די פּאָעמע האָב איך אָנגעהויבן שרייבן אין יאָר 1940), ער קומט נאָר אין גייסט, און דערציילט זיי די מעשה, אָבער ער אַנטפּלעקט זיי אויך איצטער נישט דעם קץ, נאָר אַ שפּאַרונקעלע עפּנט ער פאַר זיי. ס׳איז די צייט פונעם אָנהייב חורבן אין וואַרשע, די חסידים זיינע, וואָס האָבן קיינמאָל קיין אַנדער רבי׳ן נישט גענומען, פאַלן אַריין אין עצבות און ר׳ נחמן קומט פון יענער וועלט צו שטאַרקן אין זיי די אמונה.

אַ קימאַ-לן האָבן מיר, אַז אַ מת טאָר נישט קומען בצורת איש,
דאָס ריינקייט פון יענער וועלט נישט צו פאַרשוועכן,
דערפאַר איז נאָר מיין נשמה דאָ מיט אייך ביים צעבראָכענעם טיש,
געקומען בין איך דעם יאוש אין אייך צו צעברעכן.
איך האָב אין זיך דעם כוח פונעם פערטן בעטלער
צו וואַרפן קולות איבער צייט און שטרעקעס,
אַז כ'בין ביי די ברעגעס פון יידישע שטעטלעך, —
ביי מעזשביזש, הוסיאַטין, בראַסלאַוו און אומאַן, —
אַרומגעגאַנגען, האָב איך אויף אַלע עקן
דאָס קול מיינס געוואָרפן, צו אייך זאָל עס קומען.

דאָס עצבות אייערס האָב איך אַצינד פאַרנומען,
ווי ביטערן וויין אויפן גומען.
געפילט האָב איך צו וואָס איר זענט נוטה
אַצינד, אַז אומאַן איז פאַרברענט,
מיין קבר געשענדט,
און איר — די „טויטע",
זענט לעבעדיק מיט טרויער.
איך האָב זיי געזאָגט דאָרטן, דעם אר"י
און דעם הייליקן בעל הזהר:
ס'איז אפשר נאָך צו פרי,
נאָר הונדערט דרייסיק יאָר נאָך מיין יציאה,
און ס'איז די וועלט נאָך מיט גרעאַנגל פול,
וואָס זאָל איך אָבער טאָן, אַז טויט טויט איצטער פליען
און ס'גייען אום די אומאַנער ממש דול?

צעקרישלט זענען די ווענט פונעם אומאנער שטיבל,
צעהוליעט האָט זיך דער פּאָהיבל,
דער טויט אויף מענטשן איז געקומען חיה'ש,
אַפילו דאָס געשריי — זייט זיך נישט מיאש —
איז אויך אַראָפּגעווישט, ממש ווי דערוואָרגן,
און וואָס וועט זיין, אַז היינט, צי מאָרגן,
וועט זיי דער יאוש אַריינגעמען אין צוואַנגען?
ווי וועט וועלט אַ קיום האָבן אָן אומאנער געזאַנגען?

רבונו דעלמא כולה,
די מאָס פון צער איז שוין אַ פולע,
זי איז שוין ביזן האַלדז דערגאַנגען,
מ'דאַרף רחמים איצט, און נישט קיין דין,
פאַר יידן אין די וועלדער, אין די היילן,
און איך, נחמן, דערוועג זיך צו זאָגן, אַז איך געפין,
אַז ס'איז די צייט געקומען צו דערציילן
דעם אָנהייב פונעם זיבעטן בעטלער.
אַ שפּאַרונקעלע עפענען צום גרויסן קוואַל
מיט ליכט, וואָס ליגט אין האַרץ פון וועלט באַהאַלטן,
דער נדר, זאָג איך, איז אַצינד נישט חל,
אַז קולי־קולות יידישע דעם הימל טוען שפּאַלטן.

איז וואו בין איך געבליבן? ביים זיבעטן טאָג,
דער לעצטער טאָג פון די ימי־המשתה,
ווי ס'גיט דער סוף פון דריטער אשמורה אַ שלאָג,
שטייט־אויף דאָס פאַרפאַלק מיט לויטערע קעפּ,
מיט אויגן אויסגעוואַשענע, דערפרישטע.
פון שלאָף שטייען־אויף די געהויבענע געסט,
אין גרוב ווערט אַ רעש, ווי פאַרטאָג אין אַ נעסט,
מ'האָט ברויט געבראַכט, מ'האָט וואַסער געשעפּט,
און ווידער געזעצט זיך צו דער סעודה.

זינגט איינער אַ מזמור פאַר דער כלה,
אַ צווייטער כאַפּט אונטער מיט די דודע,
אַ דריטער פאַרגייט זיך אין אַ פּאַרניאַלע,
נאָר חתן־כלה פאַרבענקען זיך איצט
נאָך אים, דעם לעצטן פון די בעטלער.
צעוויינען זיך ביידע: ער האָט איינגעקריצט
אין אונדזערע הערצער אַ בענקשאַפט צו זיך.
דערהערט זיך אַ קול: כ׳בין געקומען שפּעטלעך,
איר ווייסט דאָך, איך גיי נישט, נאָר איך קריך.
נאָר דאָ בין איך דאָ, דער בעטלער אָן פיס,
וואָס אויסגעוועון בין איך די גאָרע וועלט,
אין דאַנציק, אין סטאַמבול, אין ווין, אין פּאַריז,
כ׳האָב פליישן געבראָטן, כ׳האָב מילעך געוועלט,
כ׳האָב טייטלען געריסן אין באַגדאַד,
דעם מילגרוים אין תימן,
דעם באָקסער אין צידון,
אפילו צום בוים מיטן גילדענעם בלאַט,
וואָס וואַקסט אין דער מדבר אין טויזנט יאָר איינמאָל,
דערגאַנגען בין איך מיט אַ חברה יידן.

אַז כ׳האָב נישט קיין פיס, איז גיי איך נישט, מיינט איר?
איז ווייסן זאָלט איר, אַז כ׳גיי אין גאָטס וועגן,
אַ מצווה צו טאָן, האָט ביי מיר קיין באַטרעף נישט דער גאַנג.
מיט פיס קומט מען אָן צו מחלוקת, געשלעגן,
מיט פיס בלייבט אַ מענטש אַמאָל שטיין אַ פאַרשטיינטער
פאַר זינדיקע מעשים, פאַר רשעות, רחמנא־לצלן.
און איך, אַז איך גיי, איז עס לויטער געזאַנג,
כ׳נעם גאָט מיר אין הארצן, ווי אַ פריש געטראַנק,
און, ווי איר זעט מיך, שפּאַן איך און שפּאַן.

כ׳האָב אָנגעשפּאַרט העט נאָכן פּרת און חידקל,
צום סאַמע סמבטיון האָב איך שוין דערלאַנגט,

געזען די בת־מלכה, שיין ווי אַ טעקל,
וואָס האָט, ווי אַ ליכט אויפן ווינט, געצאַנקט
פון בענקשאַפט צום פאַסטעך, צום פיטערער־זינגער,
וואָס ציילט די געבוירענע שאָף אויף די פינגער
און פירט זיי צום וואַסער און שפּילט אויף אַ פליים.

וואָרן גיין, דאַרפט איר וויסן, איז דרייערליי גאַנגען.
ס'איז איינער בנמצא, וואָס פשוט ער נעמט און ער גייט
אַצינד אין דער צייט, אויף דער ערד ווי זי איז, ווי זי שטייט
אין רעמל פון טאָג און פון נאַכט, אָן מיין, אָן באַשייד.
ס'איז גאַנג, נאָר געגליכן איז ער צו אַ קול,
וואָס קלינגט נישט אַהער און קלינגט נישט אַהין,
וואָס אָפּגעהאַקט ווערט עם ביי סאַמער התחלה.
ס'איז פונקט ווי דו נעמסט אַ בינט זויבערע וואָל
און זעסט נישט, אַז ס'ליגט אין דעם אַ טייער און איידל געוועב.
דער הימל איז לויטער, דער סטעפּ איז פאַרוואַקסן און גרין,
סע הייבן זיך בערג און סע נידערן טאָלן,
נאָר איבער דעם אַלעם איז דאָ אַ פאַרהוילענע טרעפּ,
וואָס גיין אויף איר גייט מען מיט האַרץ, מיט געדאַנק,
און דאָס איז דער העכערער, ווייטערער גאַנג.

ס'איז ווידער דאָ איינער, וואָס גייט אין דער צייט צוריק,
צום אָנהייב, צום פריער פון אייגענעם נפש גייט ער,
דערגרונטעווען וויל ער דעם שורש, די סיבה ראשונה,
און וואַרפט איבער שטח און צייטן אַ בריק.
אַ הויכע מדרגה פון מענטש איז דער צווייטער
און ווייניק בנמצא זענען מענטשן אַזוינע.
צו וואָס איז געגליכן אַ־דער מענטש? צו אַ קול ביים ברעג וואַלד,
וואָס נישט מע פאַרנעמט און נישט מע הערט,
ווייל ס'שלאָגט עם דער ווינט צוריק פון אַנטקעגן.
אַזוי איז איינער, וואָס קוקט אויף פאַרזייטער ערד

און זעט, ווי ס'צעשפּאַלט זיך אין איר דער קערן,
ווי ס'רייסט זיך אַרויס דאָס געוויקס צום שפּראָצן,
ווי ס'גאַרט דאָס נישטעלע זיך צו פאַרמערן.
נאָר ווייטער, דאָס פעלד אויף דער זון, אונטער שטערן,
ווי ס'ווערט געפּייניקט די זאַנג פון שטורעם, פון האָגל,
ווי וואַרפן זיך וואַרפט זי, און ציטערט און איז פאַרוואָגלט
ביז וואַנען זי דערלעבט, מיטן אייבערשטנ'ס רצון,
זיך אָנצופילן מיטן פּשוט'סטן ברויט, —
דאָס זעט נישט זיין אויג, דאָס הערט נישט זיין אויער,
און גיין דאַרף מען גיין אַזוי און אַזוי'ער.

נאָר איינער איז דאָ, וואָס גייט אויף אַלע דריי וועגן, —
אַצינד און אַמאָל און אויך אינעם שפּעטער,
דער אָנהייב איז איצטער, דער איצטער איז עתיד,
איין בוים, איין וואָרצל, איין קנופּ פון בלעטער,
וואָס גאָט שיקט זיי זומער די זון און דעם רעגן
און איבער-דער-נאַכט ווערן זיי מיט שפע פאַרראָסעט.
וואָרן איינער איז דער צער, —
פון חבלי-יצירה, ווי ס'איז דער צער הקיום,
ווי זיין וועט דער צער אין דער תקופה פון גוג-ומגוג.

איר קוקט מיך אָן, איך בין דאַר און קוואַר,
און ס'דאַכט זיך, אַז לאַנג וועל איך נישט דערציען,
בין איך אָבער דער, וואָס נאַכטיק און טאָגיק
גייט-אויף פאַר מיר דער גאַנצער יצור.
אַריינגעשפּאַנט האָב איך אין אלף השישי,
געזען, ווי ס'ציט זיך דער אייביקער שנור
פון מענטשן גאַנצע און מענטשן קרישע,
פון גוטס אינעם שלעכטס און שלעכטס אינעם גוטס,
פון טייטן צוליב גלוסטונג צום לעבן,
פון לעבן צוליב גלוסטונג צו טייטן,

פון שטאַרקן, וואָס זוכט ביים שוואַכן שוץ
און שוואַכן, וואָס וויל זיך אין שטאַרקייט פאַרוועבן,
פון שטעכערס אויף רייפע, צעוואַקסענע בייטן,
פון שווערע יסורים מיט פונקען פון חדוה אין זיי
און חדוה, וואָס האָט נישט קיין ניצוץ פון פרייד.
איך הער אַפילו דאָס גרויסע געשריי,
וואָס ווייט אין די טויזנטער יאָרן גייט.

וואָרן דאָ איז אַ געשריי, וואָס איז נאָך פון די גאָרע ימי־קדם,
וואָס אויסגעשיילט האָט זיך עס פונעם תהו־ובהו,
קיין קול האָט עס נישט, ס׳איז אַפילו נישט אין דומם,
נאָר ס׳ציט זיך איבער צייט מיט ציטערדיקע פעדים,
אַריינגעוועבט איז עס אין די וויטן בלויע
און ס׳פלאַקערט בין־השמשות אינעם הימלס זוימען.
דער מענטש טראָגט אין זיך דאָס געשריי, אין זיינע רמ״ח,
כאָטש קיינמאָל הערט ער עס נישט, און אַז ער הערט עס, ווייסט ער נישט

פונוואַנעט סע קומט און וואָס סע באַטייט.
אַמאָל ווערט עס מגולגל אין אַ ניגון אונטער אַן אָרעמען יידישן דאַך,
וואָס פול איז ער מיט בענקעניש און טרייסטעניש,
מיט צער פון גאָרער וועלט און גאָרער צייט.
אַמאָל ווידער גייט דאָס געשריי אַליין, פאַר זיך אַליין אַ יש,
און שרייט אַריין אינעם אַנהייב, אינעם איצט, אינעם קץ,
און דענצמאָל גיבן זיך די שטערן אַ צינד־אָן און אַ פאַרלעש,
אַ ציטער גיט אונטער דער ערד דער בלימה,
ס׳פאַרשפּרייט זיך פונעם הימל צו דער ערד אַ נעץ
צונויפצונעמען די קערנדלעך גוטס אין מחשבה און אין מעשה
און ברענגען זיי פאַרן רבונו דעלמא.
די וועלט איז דענצמאָל פרימע־שבפרימע,
אַ ריינע וועלט, אַ לויטערע, אַ ווייסע,
אַ הויכע וועלט, אַ גדלות׳דיקע, ווי אַ פאַלמע.

נאָר איידער ס׳ווערט די נעץ צוריק אַרויפגעצויגן,
קומט־אָן אַ געשריי פון גאָר אַן אַנדער מדרגה, —
דאָס קול פון דער וועלט, וואָס בענטשט, וואָס שעלט,
וואָס ווערט יעדער רגע געבוירן און פאַרגייט יעדער רגע.
דאָס נידעריקע קול, וואָס קריצט, וואָס גרילצט, וואָס קרעלט,
וואָס טראָגט אין זיך דעם צער און דאָס בלוט פון געשלעגן,
פון מענטש ביים אויפשטיין זיינעם און ביים לייגן.
ס׳איז גראָב אָ־דאָס קול, ס׳איז דער פּשוט׳ער חומר,
נאָר ס׳האָט אין זיך דעם כוח פון מענטש, דאָס טיילעכל אלקות,
וואָס צוגעטיילט האָט אונדז דער יוצר־הבריאה.
און ס׳בעט זיך דאָס געשריי: באַשעפער, געטרוי מיר,
געפין פאַר מיר דאָס מינדסטע שטיקל זכות,
פאַרלענד מיך נישט, די צייט איז נאָך אַ פריע,
צעצונדן האָט נאָך נישט דער מענטש דיין פונק,
אַז דו ביסט אַלט, איז דיין באַשאַף נאָך יונג,
ער האָט נאָך זיין געוויין נישט אויסגעוויינט די פולע מאָס,
דיין נאָמען האַלט ער ערשט ביים יוד, ביים ערשטן אות.

אַזוי־אָ טענה׳ט עס, דאָס חומר׳דיקע, מענטשלעכע געשריי,
און פון דער נעץ צעפאַלן זיך די אַלע ריינע קערנער
אַרונטער אויף דער ערד, ווי גרייפּלעך שניי.
ס׳איז שיין דערנצמאָל די וועלט, זי בלישטשעט ווי בריליאַנטן,
נאָר איזן איז דער בלישטש אַ שטעכיקער ווי דערנער, —
געזען האָב איך אים אין די ווייטע קאַנטן,
נאָר כ׳האָב געהערט אויך דאָס געשריי דאָס העכערע,
ווי ס׳גייט צוריק אַוועק אין איבער־אַלץ־און־אַלעם,
אין אָנהייב און אין סוף פון די גלגלים, —
די קרומע וואַנט צו עגבערן און לעכערן.

וואָרעם ווייסן דאַרפט איר ווייסן, אַז ס׳איז דאָ אַ לאַנד
פון אַלדעם שיין און אַלדעם וואויל און אַלדעם רעכט,

די פירונג דאָרטן איז מיט הארץ און מיט פאַרשטאַנד,
נישטאָ דאָרט קיין מחלוקת, בפרט נישט קיין געפּעכט.
די מענטשן זענען אָרעם, זיי האָרעוועז אויף דער חיונה,
מקיים זענען זיי דעם אָנזאָג פון בזיעת אפּס,
זיי דאַנקען גאָט פאַר רעגנס און פאַר זונען
און טוען זיך אויף עפּעס אַנדערש גאָרנישט קוואַפּען.
אַ לאַנד אַ וואוילס, נאָר אַלץ די ערשטע טרעפּ,
דער פּרוזדור נאָר צום לאַנד פון כולו טוב,
ווייל ס׳איז דער מענטש בבחינת אָקס, וואָס שלעפּט
דעם יאָך אויף זיך מיט שווייגעניש און צער.
אַמאָל לאָזט ער אַרויס אַ מו און גיט אַ לויף,
די הערנער גיט ער אין דער ערד אַריין אַ שפּאַר,
נאָר וואָס איז דאָ די פּעולה, אַז דער יאָך איז יאָך,
דער אָקס איז אָקס, אָן ציטערניש, אָן תוך?

דערפאַר איז דאָ אַ לאַנד אַקעגן יענעם לאַנד, —
פון אַלדעם גוטס און אַלדעם רייך און אַלדעם בייז,
אַ טייל אין לאַנד גייט-אָפּ מיט בלוט און שוויים
און לעבט אין דחקות, ביטערניש און שאַנד.
אַן אַנדער טייל גייט-אָפּ אין וואוילטאָג און עשירות,
אין זויפעניש, אין עולם-הזה גראָבער.
אַז איינער וויינט און קלאָגט: ווי שלעכט און ביטער מיר איז,
צעזינגט זיך גאָר דער אַנדערער: ווי גוט און וואויל,
וואָס רייך איז אונדזער לאַנד מיט ווייץ און האָבער,
מיט ווין און האָניק, דימענטן און גאָלד.

ביינאַכט באַגעגענען זיך די ביידע קולות, — הויל און הויל,
און רייסן זיך, און שלאָגן, צום הימל צו דערגיין:
כ׳האָב אַלץ געגלוסט, כ׳האָב אַלץ געוואָלט...
דעם ביסן מיר אַרויסגעריסן פון די ציין...
באַטראַכט אונדז — אויסגענישטשייעטע און דאַרע,
אַז וויפל איז דער שיר זיי זאָלן שאַלטן?

די שטערן ווערן אזש דערשראָקן, לויפֿן זיך באַהאַלטן
אין וואַרעמקייט פֿון פֿאָלעם כמאַרע.

דיביידערליי געשרייען שלאָגן זיך און זענען איינס,
געבוירן ווערט פֿון זיי דער ווילן צו גאולה,
דאָס נפֿש לייטערט זיך אין דעם געראַנגל.
די בענקשאַפֿט נאָכן קץ איז טאַקע נישט קיין פֿולע,
נאָר ווי פֿון שטיין־אויף־שטיין, שפּרינגט אַרויס אַ פֿונק,
אַ פֿלאַטער גיט אין מענטשן אַ געפֿיל אַ ריינס,
פֿון קלאָג רייסט זיך אַרויס אפֿילו אַ געזאַנגל,
ס׳איז שוואַך, ס׳איז אָפּגעהאַקט און יונג,
נאָר ס׳האָט אין זיך שוין אַ זעמדעלע אַ גילדנס
פֿון יענעם ווייטגעזאַנג, וואָס וועט אַרומנעמען די וועלט,
אַז גאָט וועט זיך מרחם־זיין אויף זיין באַשאַף.
געשען דאַרף נאָר, אַז צווישן לאַנד דעם מילדן,
וואו אַלץ איז גוט און אַלץ איז שיין און אַלץ געפֿעלט,
זאָל קומען אַ התקרבֿות מיטן לאַנד פֿון אַלדעם בייז,
וואו שטאַרק איז איינער און דער אַנדערער איז שלאָף.

איז אָבער דאָ אַ וואַנט, וואָס גרייכט אַריבער מיט איר גרייס
די גרענעצן פֿוןביידע לענדער.
די וואַנט איז קרום, ס׳איז אויסגעבויגן איר יסוד,
צונויפֿגעשטעלט איז זי פֿון אַלע שטיינער אויף דער ערד,
נאָר ס׳פֿעלט דער ווינקלשטיין, דער שיינער, דער ראָש־פּינה.
און ביי דער וואַנט שטייט אויפֿגעשטעלט אַ שטענדער,
און לעבן שטענדער דרייט זיך טאָג־ווי־נאַכט אַ ראָד
מיט שעפּערלעך, נאָר ס׳ליגט אין יעדן שעפּערל אַ שווערד,
וואָס מענטשן פֿונעם בייזלאַנד דאַרפֿן צו איר דינען.
אַז ס׳קומט דער טאָג, שטייט ביים שטענדער שוין אַ כומר,
אין שוואַרצן אָנגעטאָן און ביזן האַלדז פֿאַרקנעפּלט,
דאָס פֿאַרמעטענע פּנים זיינס איז פֿון אַן אַלטן רוימער,
די דאַרע ליפּן שאָקלט ער און פּרעפּלט.

די מענטשן פונעם בייזלאַנד קומען אָנגעלאָדן
מיט פולע הערצער טרויער, פולע הערצער פרייד,
לאָדט איינער אוים דעם טרויער און לאָדט זיך אָן מיט צאָרן,
לאָדט איינער אוים די פרייד און בלייבט ווי נאָך אַ שאָדן,
און איבער זיי דער פאַרמעטענער כומר שטייט
און פּרעפּלט אַלץ: וואָרן... וואָרן... וואָרן.
ס׳פּליט־אָן אַ מחנה פייגל מיט שאַרפע שנאָבלען, שפּאָרן,
מיט וואָלקנדיקע פליגלען, מיט גרימעניש און ברומעניש,
און האָגלען פון דער הייך: וואָרן... וואָרן... וואָרן...
צו די, וואָס קומען און צו די, וואָס קומען נישט,
דערטראָגט זיך דאָס געברום, סע שרעקט, סע רייצט,
סע פּיקט אַרוים דעם צאָרן פונעם מענטשנס גרונטן,
די פיינטשאַפט פון די הערצער שטראָמט און פּלייצט,
ווי ווייַן פון פעסער מיט צעשפּאַרטע שפּונטן.

און אַז די שנאה מיטן פּחד ביזן האַלדז דערגרייכן,
גיט שטום דער כומר מיטן קוק אַ צייכן
און מענטשן פונעם בייזלאַנד כאַפּן שווערדן פונעם ראָד, —
צו שלאָגן זיך, צו שטעכן זיך, צו פאַסעווען און שניידן.
דאָס בלוט רינט טייכנווייז, סע שוימט, סע זידט,
אין ריטשקעס וואַלגערן זיך גופים אויף שאַנד און שפּאָט,
און קיינער קען דעם טויט און טליק נישט פאַרמיידן,
ווייל קרום איז דאָך די וואַנט, דער ווינקלשטיין דאָרט פעלט.

נאָר דאָ איז דאָרטן איינער, אַ שטילער, יונגער ייד,
וואָס אַלט איז ער, ווי אַלט סע איז די וועלט,
אַ זיידן פּנים האָט ער און אויגן ווייכע, קלאָרע,
ס׳קוקט קיינער זיך נישט אום אויף אים און עלנט איז ער,
און מיינען מיינט מען, אַז ער איז אַ שלעפּער,
נאָר ווער ס׳האָט אויגן, זעט ער איז אַ שררה,
אַ צווייגעלע פון איידעלן, פון יחוס׳דיקן שטאַם.

אז זעען זעט ער, ווי שווערדן שפּרינגען פון די שעפּערס,
צעפּלאַקערט זיך אין קוק ביי אים אַ פּלאַם,
נאָר וויעם לאָזט ער באַלד אַרונטער און איז נזהר,
אַז קיינער אינעם בייזלאַנד זאָל זיין קוק נישט כאַפּן.

אַז ס׳קומט די נאַכט, פליט־אָן אַ גרויסער פויגל,
אַ פּרסה אויף אַ פּרסה האַלט ער אויסגעשפּרייט די פליגלען,
ער לאָזט זיך שטיל אַרונטער, די פליגלען קוים וואָס קלאַפּן,
און דעקט דעם יונגען איין און וואַרעמט אים די ביינער.
דערנאָך הייבט־אויף דער יונגער זיינע קלאָרע אויגן,
וואָס ווערן אין דער וואַרעמקייט נאָך זויבערער און ריינער,
און פרעגט דעם פויגל: זענען אָפּן שוין די ריגלען?
געפלויגן בין איך און געפלויגן, זאָגט דער פויגל,
די זיבן ריגלען אָפּגעמאָסטן, זיבן שלעסער אָפּגעוואויגן,
איז איינער לויז, דער צווייטער האַלט זיך אויף אַ שרויף,
דער דריטער הוידעט זיך, אין פערטן ברעכט זיך אַ שפּאַרונע,
דער פינפטער הייבט זיך בּיסלעכווייס אַרויף,
אין זעקסטן בינדן זיך שוין אָפּ די שלייפן...
דער זיבעטער, דער ריגל פון אמונה? —
גיט שטיל אַ פרעג מיט צער דער יונגער ייד
און אין זיין קוק צעפּלאַקערט זיך אַ שרפה.
צעפּאַכט דער פויגל זיינע פליגלען ווי אַ ווינט,
נאָר רעדן רעדט ער מילדער פון אַ קינד, —
דער זיבעטער איז אַלץ נאָך צוגעשמידט.

און דענצמאָל נעמט דער פויגל אים אויף זיינע פליגלען
און טראָגט אים איבער טאָלן, וואַסערן און היגלען,
און אַז זיי קומען צו אַ הייל, לאָזט ער אים אַרונטער
ביים סאַמע אויסהאַק, וואָס איז מיט אַ שטיין פאַרשטעלט.
דער שטיין איז אַ געטעסעטער, סע שיינען זיינע ווינקלען,
ווי ס׳וואָלטן שטיקער זון פון זיי אַרויסגעלויכטן.

ארום איז פוסט, ס׳איז בוים און גראָז פאַרגעלט,
דעם הימל זעט מען דאָרט אַ פּראָסטיקן, פאַרהויכטן,
נאָר פונעם שטיין ארוים אַ ים מיט שטערן פינקלען.
דער יונגער צו דעם שטיין מיט שווייגעניש גענענט,
דאָס ליכטיקייט הילט אים אַרום, ער ווערט אַליין אַ ליכט,
וואָס גיסט זיך אין דער נאַכט אַריין, ווי אַ פרישער קוואַל.
ער בייגט זיך אָן און פול מיט כוח ווערט ער אומגעריכט,
מיט גבורה שטרעקן זיך די דינע הענט,
ער שפּאַרט זיך אָן, דעם שטיין פון אָרט צו רירן,
און גליטשט זיך אויס און גיט אַ פאַל.
ער הייבט זיך אויף און שפּאַרט אין שטיין זיך ווידער,
אָט, דאַכט זיך, רירט ער אים, נאָר ווידער פאַלט ער.
צעשלאָגן ווערט ער, פול דאָס לייב זיינס מיט געשווירן,
אָן אויסגעשעפּטער פאַלט ער אויף דער ערד אַנידער,
נאָר ס׳מערט זיך נאָכאַמאָל אין אים די גבורה,
אַ וואונדיקער, צעפייניקטער, צעשטראַלטער,
אָן אויסגעשמידטער, פעלזנדיקער טורעם,
די אַקסלען לייגט ער צו און שפּאַרט זיך, שפּאַרט,
ווייל ס׳איז אַ וועלט דאָך דאָ, וואָס גאַרט און וואַרט.
אַזוי איז נאַכט-נאָך-נאַכט ,ביז סע הייבט אָן טאָגן,
און ס׳קומט צוריק דער פויגל, אים אַהיימצוטראָגן.

נאָר איין מאָל בין איך צו דער הייל דערגאַנגען, איין מאָל,
דאָס ליכט האָט מיר די אויגן ממש ווי פאַרבלענדט,
אַ ציטערניש האָט דורכגענומען אַלע מיינע גלידער,
געזען אים — אַ יונג, צעבליט, אַ שנייאיק קאַרשנבוימל,
ער פאַלט און ווידער צו דעם שטיין גענענט,
צעשלאָגט יזך אינעם פאַל און שטייט אויף ווידער.
כ׳האָב באַלד געוואָלט אַוועקגיין, ס׳איז נאָך נישט די צייט,
אַז נישט דערגרייכט האָט נאָך דאָס קול, וואָס אייביק שרייט,
נאָר מיטן קוק האָט ער מיך אָפּגעשטעלט, באַפוילן,

אַז כ׳זאָל נישט רירן זיך פון אָרט, איך האָב זיך נישט גערירט,
נאָר פאַר די אויגן האָט זיך מיר געוויקלט קנוילן,
אַ רגע האָב איך אויפגעהערט צו זען און נאָר געשפּירט,
ווי ס׳וואַקסט אין מיר אַ טרויער און אַ פרייד.
דערנאָך האָב איך געזען ווי ס׳שלאָגט אַרויס אַ קוואַל
און פונעם קוואַל, וואָס דין איז ער צום אָנהייב, ווי אַ שנור,
צעוואַקסט זיך שפּעטער אַזאַ טייך פון וואַסער און פון פלאַם,
בין איך דאָך אָבער נישט קיין תם
און ווייס, אַז פאַר מיינע אויגן פלייצט דער נהר די־נור,
וואָס אויסגעברענט אין אים דאַרף ווערן אַלדעס בייז,
און ווייל איך גיי אַרום און ווייס,
איז האָב איך מיר פון תמיד־אָן אַ כלל,
אַז וואָס דער מענטש איז מערער גלויבער,
אַלץ ווייטער דאַרף ער זען און ווייסן דאַרף ער,
אַז נישט פאַר זיינע כוחות איז דערנענטערן דעם קץ.
דער קוק מיינער אויף אים, דעם יונגן, איז געווען אַ שאַרפער,
פאַרשטאַנען האָט ער און זיך שטיל אַוועקגעזעצט.

וואָרן ווייסן דאַרפט איר ווייסן, אַז דער שטיין וואָס פעלט
אין יענער וואַנט, דער ווינקלשטיין אירער,
איר שטאַרקייט, איר באַשיצער, איר באַצירער,
ליגט ביי דער הייל, אַ צוגעשמידטער, און פאַרשטעלט
דעם צוקום צו דער הייל, צום טויער פון אמונה.
דער שטיין אַליין איז אויך אַ טייל
פון דער אמונה אין דער הייל,
נאָר ביז ער ווערט נישט אָפּגעריסן פונעם גרונט,
האָט ער נאָך אַלץ זיין תיקון נישט געפונען,
פאַרשטאָפּט ער אַלץ די הייל נאָך ווי אַ שפּונט.
וואָרן איינער איז אין אַנדערן אַריינגעקניפּט,
ווי ס׳איז דער נאָפּל פונעם קינד אין מוטערס לייב,

אמונה ווערט נאָר דורך אמונה דורכגעזיפּט
און איינע אַן דער אַנדערער ליידיק בלייבט.

נאָר נאָכגעגאַנגען בין איך נאָכן אייביקן געשריי,
נאָך יענעם, וואָס פאַרלויפט די צייט פונפאַרנט,
און כ׳האָב געזען, אַז וואו איך קום און וואו איך גיי,
איז אַלץ דער וועג פאַרשטעכערט און פאַרדאָרנט.
אַרומגעכאַפּט האָט מיך אַן אימה,
כ׳האָב שיר אַליין דאָס גלייכגעוויכט נישט אָנגעוואוירן,
ווי צווייט האָט טויט געבליט אויףביימער
און בלוט פון מענטשן האָט געזאָטן און געפרוירן.
נאָר ס׳איז פאַרלאָפן דאָס געשריי נאָך ווייטער
און איך — נאָך דעם, מיט ציטער און מיט שרעק,
געזען האָב איך, ווי מיטאַמאָל ווערט אויסגעלייטערט,
ווי ס׳גיט זיך גאָר אַ וועלט אַ נייע אַן אַנטפּלעק.
פאַרשטייט איר דאָך, אַז דער יונגער האָט דעם שטיין
אַראָפּגערוקט און האָט די הייל געעפנט,
אַרויסגעריסן האָט זיך די אמונה אויף דער פריי
און נאָכמער האָט דער שטיין אויפגעשיינט אַליין.
און מיינט איר, וואו האָב איך געדאַרפט אים טרעפן?
אין ווינקל טאַקע, צו האַלטן דאָס געביי.
צונויפגעקומען זענען זיך די ביידע לענדער, —
דאָס לאַנד פון סאַמע בייז מיטן לאַנד פון סאַמע וואויל, —
נאָר אָפּגעטאָן האָט זיך פון איינעם די פאַרלענדונג,
אין צווייטן האָט אַריינגעטריפט אַ טראָפּן גרויל,
און ביידע טראָגן זיי, ווי איינער, אויף די אַקסלען
דאָס גרויסקייט פון דער וועלט, די בענטשונג אירע.
אַנטפּלעקט איז שוין פאַר זיי דער סוד פון וואַקסן,
נאָר אַלץ נאָך נישט דער סוד פון דער יצירה,
וואָס בלייבן וועט ער קיינמאָל נישט אַנטפּלעקט,
אַז זוכן זאָל דער מענטש און פאָרשן,

און גאַרן אַלץ, און דאַרשטן,
ביזן קיינמאָלדיקן סוף פון אַלע טעג.

און פרעגן וועט איר מיך: וואו איז דער יונגער ייד?
געזען, אוודאי האָב איך אים געזען, נאָך ווי,
נאָר אויסדערציילן אַלץ איז נאָך צו פרי,
און חתן־כלה, זע איך, זענען מיד,
מיר וועלן ליבערשט זינגען אַ געזאַנג
מיט לויב צום אייבערשטן און דאַנק, —
לכו נרננה, נרננה, נרננה,
טראַ־ראַ־ראַם, פון דאַנען־אַן.
דיין גרויסקייט, גאָט, הייבט זיך פון דאַנען אָן,

זאָלן זיין באַוויליקט

זאָלן זיין באַוויליקט די רייד פון מיין מויל
און דאָס געמיט פון מיין האַרץ פאַר דיר,
אויפוויקלען וועל איך זיך אַליין ווי אַ קנויל,
אויסצוטאָן זיך פון פאַלשן פוץ און ציר.

אינעם ליכט פון אמת שרימפּט־איין דיין וועלט,
ס׳ווערט דער מענטש קלענער ווי דיין באַשאַף,
וויפל גרויסקייט דו האָסט פאַר אים געשטעלט
און נאָך קליינקייט פאַרצערט ער זיך אין געלאַף.

ס׳איז דער הימל געגאַרטלט מיט אַ גילדענעם שנור,
כ׳האָב געשפּירט דעם ציטער פון גראָז און בוים,
און געזאָגט האָב איך: מענטש, די קרוין פון יצור,
סע שטייט גרייט פאַר דיר ווייַן און דו טרינקסט דעם שוים.

כ׳האָב געזען ווי דער טאָג האָט זיך אַרויסגעשיילט
פון דער מאַמע־נאַכט, — אַ לויטער געשטאַלט,
און אַ פויגל צו אַ פויגל האָט דערציילט,
אַז אַ ליכט פון מזרח ווידער קוואַלט.

כ׳האָב באַשאַף געהערט, געשפּירט, געלעבט,
ס׳איז באַשאַף געראונען אין די אָדערן פון דער ערד,
כ׳האָב אַליין אַן עמער טאָג זיך אָנגעשעפּט,
נאָר דער ווינט האָט מיט צאָרן אים איבערגעקערט.

ס׳איז נאַכט צוגעפאַלן, דאָס האַרץ איז הויל,
ס׳איז נאָר דאָ אַ צוריקרוף וואָס איך שפּיר, —
זאָלן זיין באַוויליקט די רייד פון מיין מויל
און דאָס געמיט פון האַרץ פאַר דיר.

צוריקוועגס

געקומען צופאָרן

נו, הייסט עס, געקומען צופאָרן
אַ קוק-טאָן אַמאָל אויף דער היים.
אין קלייטן — פאַרזשאַווערטע שטאָרן,
אויף שטיבער — געשוואָלן דאָס ליים.

די דראָזשקע, אויף שפּיציקע שטיינער,
דעם היים-חלום מיינעם צעשיט,
די שטיבער, געהויקערטע, וויינען
און ס׳פּאַלט פון די שויבן דער קיט.

דאָס פערד שניידט די ביינער ריפּן
און וואַרפט די האַלאַבליעס אין גאַנג,
צעשטאָכענע הימלען, ווי זיפּן,
צעשפּריצן אַ דריבנע געזאַנג.

דער פורמאַן זיצט עלנט פונפאַרנט
און רעדט מיט דער פלייצע צום ווינט:
— ס׳איז קיינמאָל דער ייד נישט באַוואָרנט,
ווען ס׳לעבן די לייצעס צעבינדט.

— נו, הייסט עס, געקומען . . . געפינען
וועסטו נישט קיין נחת אין בעלץ,
דו זעסט דאָך די דעכער, זיי רינען
און רעגן די שטיבער צעשמעלצט.

— מיר האָבן דאָ די סיגוראַנצע,
מיט פינצטערע היילן און שמיץ,
קיין יחוס איז דאָ נישט קיין פאַנצער,
מע כאַפּט דיך ,מע שמייסט דיך און זיץ.

קיין דין איז נישטאָ, און קיין דיין,
נאָר אייזערנער, שפּיציקער קנוט,
און וויפל וועט כוחות נאָך סטייען
צו וואַשן פון לייבער דאָס בלוט?

און וויפל וועט כוחות נאָך סטייען
אויף ברויט זיך צו רייסן ווי הינט?

— — — — — — — — — — —

דער פורמאַן בייגט-איין זיך אין דרייען
און רעדט מיט דער פּלייצע צום ווינט.

ס׳בית עלמין, מצבות צעשפּאָלטן,
אין שוואַרצערד פאַרזונקען „פּ׳ נ׳״,
סע רוען דאָ מיינע געשטאַלטן,
וואָס זענען פאַרגאַנגען ווי זון.

די יידן, וואָס האָבן דעם וואָלעך
„געזאָגט״, ווי גמרא אַ דף,
געווען איז דער ניגון דאָס צאָלעכץ
דעם אייבערשטן פאַר זיין באַשאַף.

כ׳וואָלט אָפּשאָבן וועלן די פּלאַסטעס
און אויפלעבן קריק זייער וועלט,
נאָר כ׳בין נישט ווי עדגאַר לי מאַסטערס
און ספּון ריווער איז נישט מיין בעלץ.

די מענטשן געשטאָרבן דאָ פּשוט,
מיט לעבן פאַרפולט ווי אַ קרוג,
אַ פערד האָט אין בעלץ זיך צעפּלאָשעט,
אַ ייד האָט געלעבט און — גענוג.

וועגס האבן לעבנס געווירן
און אפגעזעצט הייוון אויף דנא,
דער אלטוויין האט יונגוויין געבוירן,
אינמיטן געזאנג, שלאגט די שעה.

מ׳האט אפגעצאפט לעבן ווי הייוון,
אויפסניי האט דער קרוג שוין געיערט, —
איך האב זיך פארטראכט פון מצבות
און קייטן-געקלאנג נישט געהערט.

א ריס-געטאן האט מיר דעם אויער
דער אפקלאנג פון ברוסטיק געשריי,
אין קייטן גייט פויער נאך פויער
און זעלנער-רומענער נאך זיי.

דער פורמאן בייגט-איין זיך און ציטערט,
דאס פערדל צערודערטער שפאנט, —
— דו דארפסט שוין נישט פרעגן, ס׳איז ביטער
אז ס׳הערשט דער רומענער אין לאנד.

איך פרעג נישט, איך זע נאר דעם טרויער
אין פיס, וואס דאס שטאל האט געקארבט,
די אייגענע קייטן דעם פויער, —
רומענער דעם רוס האט געארבט.

איך זע די פארזשאווערטע רינגען, —
מסתמא געבליבן פון רוס, —
דאס אייגענע טעמפקייט אין קלינגען,
נאר מידער איז פויערשער פוס.

טרייב, פורמאַן, אַ קאַפּיטשקע גיכער,
אַ שפּאַנוועגס, — די שטאָט איז שוין נאָנט,
דער חלום פון היים איז נישט ניחה,
ווען קייט קלינגט דיר נאָך און דערמאָנט.

אַ מענטש קען צוריקוועגס נאָך זינגען,
נאָר וויינען צוריקוועגס — נאָך מער,
ביסט צווישן אַהער און אַהינגיין
פאַרקלעמט, ווי צווישן קלינגלעך פון שער.

אָט קומען אַנטקעגן די ליקלאַך,
וואָס זענען מיר היימיש אין בלוט,
נאָר איך בין מיט זיי איצט נישט גליקלאַך, —
טרייב, פורמאַן ,אַ מענטש איז קאַפּוט.

יאָרן פאַלן

ס׳איז די שטוב נאָך דעם זיידנס ירושה,
נאָר דער טאַטע האָט זי איבערגעבויט,
און איך שעם זיך די ציגל צו קושן,
ווי איך שעם זיך צו קושן דעם טויט.

זאָגט דער טאַטע: ביסט, פרויקע, פאַרעלטערט.
זאָגט די מאַמע: אַ קינד אין דער פרעמד.
כ׳קוק אויף ביידע, — צעקנייטשטע, פאַרגעלטע, —
און איך זיץ פאַרן צער פאַרשעמט.

כ׳זע די אויגן ביי זיי אויסגעבוירערט,
אויסגעהוילט אויפן פנים די הויט, —
וויפל מענטשן שוין האָבן געטרויערט
אויף דער שוועל פון אַ נאָענטן טויט.

נאָר דער טויט רעדט ווי טאַטע און מאַמע,
מיט געטרייע, מיט אייגענע רייד:
—וועסט זיך, פרויקע, מיט אונדז דאָ פאַרזאַמען.
האָסט געבראַכט אונדז אין שטוב אַריין פרייד.

יאָרן פאַלן ווי האַרבסטיקע בלעטער,
בלאָזט דער ווינט אַוועק יאָרן, ווי שטויב,
דער צוריקקער דערנענטערט שטח
נאָר די צייט איז פאַרהונגערט נאָך רויב.

איך געדענק ווי דאָס לעמפּל אין אַלקער
האָט געצאַנקט מיט אַ טרוקענעם קנויט,
איך געדענק אויפן בוידעם דעם באַלקן,
ווי אַ שפּין האָט געפלאָכטן דעם טויט.

איך געדענק ווי צום ערשטן מאָל „לאמר"
האָט געהאַט אַזאַ רויטלעכע פאַרב,
האָט געשמעקט מיט שפּעט-האַרבסטיקע ביימער
און געווען אַזוי ביטערלעך האַרב.

איך געדענק ווי צום ערשטן מאָל בינע
האָט מיך איבער דער קלאַדקע געפירט,
און איך האָב אויפן צווייטן באַגינען
דעם ריח פון בלאָנדקייט דערשפּירט.

ס'האָט זיך אויסגעמישט „לאמר" מיט בינע'ן,
זענען ווערטער געוואָרן איצט בלאַנד,
ס'האָט דער טאָג אָנגעהויבן צו גרינען,
עפּעס ניי אין זיך האָב איך געאָנט.

ס'נעמט דער טאַטע אַרויס אַ גמרא
מיך פאַרהערן און פרעגט מיך: געדענקסט?
נאָר כ'געדענק: ס'איז זיין ברוסט געווען האַריק
און ווי שלאָפן מיט אים כ'האָב געבענקט.

הייבט די מאַמע מיר אָן צו דערציילן
פון חברים, וואָס כ'האָב דאָ געלאָזט,
און די יאָרן צוריקוועגס זיך שיילן,
ס'רייבט זיך אָפּ פונעם לעבן דער ראָסט.

נאָר אַ מידקייט באַפאַלט טאַטע-מאַמע,
ווי דער יאָך פון אַמאָל וואָלט געדריקט,

און איך זע זיי — געפאַלענע שטאַמען,
ס'האָט די צייט איבער זיי זיך צעוויגט.

פאַלן יאָרן ווי האַרבסטיקע בלעטער,
בלאָזט דער ווינט אַוועק יאָרן, ווי שטויב,
דער צוריקקער דערנענטערט שטח,
נאָר די צייט איז פאַרהונגערט נאָך רויב.

גרויער טאַטע

אַליע־ליו־ליו, גרויער טאַטע,
איך בין טאַטע, דו ביסט קינד,
האָסט אַ לעבן דיינס צע׳פּטר׳ט, —
ווער פאַרשפּילט און ווער געווינט
אין געיעג אַרום דעם עיגול?
זיצט אַ זון ביים טאַטנס וויגל,
אַליע־ליו־ליו, און פאַרוויגט,
נאָר דאָס ציגעלע דאָס ווייסע, —
הער אַ טרויעריקע מעשה, —
האָט זיך מיט דער וועלט צעקריגט.

אַליע־ליו־ליו, גרויער טאַטע,
כ׳האָב דיך מיט געזאַנג פאַרוויגט,
גרינע סיון׳ס, ווייסע שבט׳ן
האָט דער ווינט מיט כעס צעפליקט,
לויף נישט נאָך די זילבער־צווייטן,
ווייל ס׳איז לעבן טויזנט טויטן,
אַליע־ליו־ליו — איינער לעצט.
איבער דיינע מידע גלידער
האָט דער טאָג אַראָפּגענידערט
און די זון האָט זיך געזעצט.

אַליע־ליו־ליו, הללויה,
ביימער וואַקסן אויף די ווענט,
וויפל קעפּ, ווי דיינער, רוען
און אַ זון צו זיי געגענט,

נעמט דאָס לעבן זייערס ווייטער
טראָגן צו דער וועלט אויף שייטערס, —
אַליע־ליו־ליו, טאַטע, ייד,
כ׳זינג ווי דו, אַ למנצח
און דעם וועג אויף דערנער גיי איך
מיט אַ גלייביקן געמיט.

אַליע־ליו־ליו, זילבער־שופן
האָט דער הימל היינט ביינאַכט —
יוד אַ כיריק, וואו — מעלופן
און דער סגול ווינקט און לאַכט ,
אותיות אויף פערדלעך רייטן
מיטן רבי׳ן אויפן טייטל, —
אַליע־ליו־ליו, זאָג אַ שין,
זאָג אַ שין, אַ מעם אַן איען,
ווּעסט אַ לעבן דאַרפן שרייען
„שמע" — מיר גייען, גיין וואוהין?

אַליע־ליו־ליו, כ׳האָב פאַרגעסן
ס׳ווייסע ציגעלע — די וועלט,
ס׳האָט צעקריגט זיך אונטערדעסן,
און צוקאַפּנס זיך געשטעלט
מיט צעפליקטע קני און טלאָען
אַפּצוהיטן דיינע שעה׳ען, —
אַליע־ליו־ליו, פאַרן שטרייט.
ווין נישט, ציגעלע צעקריגטע,
טאַטעס שלאָפן איצט פאַרוויגטע,
קינדער קריגן מיט דער צייט.

לעבן

צוויי קינדער אויף אַ הויכן פּאָס, צונויפגעקאַרטשעט,
אַ בערשטל זון פאַרבט אוים מיט גאָלד די קאַמער,
אין שטוב שפּאַנט אום אַן אויפגעקאָכטער ייד און וואַרטשעט:
האָסט, גאָט אַזוי געוואָלט, ביסטו גערעכט מסתמא.

איך גיב אַ טאָרע משה'ן, דאָס פּאָס הייבט־אָן צו סקריפּען,
דאָס בערשטל זון צעקעמט די גרויע באָנטעס,
אַ יידענע אין שטוב הייבט־אָן צו כליפּען,
דער ייד איז מער אין כעס און העכער שפּאַנט ער.

— די באָבע מיינע טויט, נישט דיינע, פּרויקע...
און משה שטופּט מיך מיטן שאַרפן עלנבויגן.
מיין באָבע שטייט נאָך אויף כאור הבוקר
און משה'ס — אויף דער ערד ליגט אויסגעצויגן.

— מיין באָבע, האַ, גייט אָנגעטאָן אַ קרינאָלינע...
— און מיינער האָט מען אָנגעטאָן תכריכים...
די אויגן משה'ס זענען גליטשיקע און גרינע,
מיט פייערלעך אַזעלכע קליינע, גיכע.

— מיין באָבע וועט מיר ברענגען היינט אַ טלית־קטן...
— און מיינע עט אויף יענער וועלט פאַר מיר בעטן,
אַ מיטה שוין געבראַכט צוטראָגן האָט'ן,
עסט זען, ווי אין אַ גרוב זי לייגן עט'ן...

איך שווייג, נאָר פרעגן וויל איך: וואָס איז שטאַרבן?
אַ שפּרונג גיט ער פון פּאָס: ס'איז שוין די לויה...
די זון האָט אין דער קאַמער איינגעשניטן קאַרבן,
ס'איז פול די שטוב, מענער שפּאַנען, ווייבער שרייען.

די מיטה טראָגט מען, אין שוואַרצן איינגעשלייערט,
אַ פּאָר מנינים מענטשן גייען נאָך געבויגן,
די באָבע מיינע, זע איך, צווישן אַלע גייער
איז העכער, דאַכט זיך, און קוקט מיט קלאָרע אויגן.

כ׳לויף צו און טוליע זיך אין אירע פאַלבן,
אַ וואַרעמקייט צעגיסט זיך איבער מיינע גלידער, —
אוי, באָבע, זעסט, ווי ס׳פליען שיין די שוואַלבן,
פון היינטמאָל־אָן וועל איך דאַוונען פון סידור.

אַ שנירל פּערל

ס׳האָט דער באָבעס שנירל פּערל
אויף דער זון געבלישטשעט רויט,
און דאָס טיכל אויף איר שטערן
האָט געקאָרבט זיך, ווי איר הויט.

אויפן קלייד פון שוואַרצן אַטלעס
האָט געגרינט אַ גאַנצער וואַלד
און צעוואָרפן זיינע פּאַטלעס
צווישן קנייטש, און בייג, און פאַלד.

פול איז זי געווען מיט יאָרן,
ווי מיט וויין אַן אַלטער קרוג,
שכל נאָך געהאַט צו שפּאָרן
יונגשאַפט פאַר איר ריינעם קוק.

ס׳פּנים האָט געצאַנקט פאַרנאַכטיק,
ס׳קול געסקריפּעט, ווי אַ ראָד, —
אַז אַ מענטש איז באַלד שוין אַכציק,
באָרגט ער יאָרן אוים ביי גאָט.

יאָרן האָט מיר גאָט באַוויליקט,
האָט די באָבע אַלץ געזאָגט,
און איך האָב אים נישט גע׳סילוק׳ט,
וואָרן וואָס האָב איך פאַרמאָגט?

ס׳האָט די צייט דיך אויסגעזויגן,
ווי דעם בוים אויף אונדזער הויף,
אָבער דיינע יונגע אויגן
האָבן אָפּגעצאָלט דעם חוב.

איצטער נאָך, אין צייטן גראָבע,
ווען ס'הארץ איז פאַלשער ווי די צונג,
זע איך, דיינע אויגן, באָבע,
ווי זיי זענען ריין און יונג.

כ'שעפּ פון זיי, ווי ס'שעפּט אַ בלאַנזער
טראָפּנס ליכט, — דו ביסט מיין שוץ,
וויפל שלעכטס איך זאָל נישט אָנזען,
זע איך אַלץ אַביסל גוטס.

קלייבן די יאָרן

גיי אַרוים אין סטעפּ
קלייבן דיינע יאָרן,
ס׳לעבן דיינס אויף טרעפּ
פירט צום הויכן גאָרן,
אָבער דאָ, אין נידער,
ביסטו סטעפּניק ווידער.

האָסט אַ וועלט געשעפּט
און באַרוישט געוואָרן, —
גיי אַרוים אין סטעפּ
קלייבן דיינע יאָרן,
ווי דער פויער זאַנגען,
ווען ס׳איז זון פאַרגאַנגען.

גיי אַרוים אין סטעפּ,
ביסט אַליין אַ פויער,
ס׳פערדל האָט געשלעפּט
וואָגן, דיך און טרויער,
איבער רודעם רויערד,
ביז צום שטילן טויער.

ווינט האָט צוגעקלעפּט
ברידער — זאַנגען קאָרן, —
גיי אַרוים אין סטעפּ
קלייבן דיינע יאָרן,
שטעל זיי אויף אין גאַרבן,
בינד צונויף צום שטאַרבן.

ס׳וועבט אַ דין געוועב
דער לבנה־האָרן, —
גיי אַרוים אין סטעפּ
קלייבן דיינע יאָרן,
פרייד און אומעט דיינעם:
שעפּסן, ברויטן, וויינען.

לעבן האַלב געלעבט,
לעבן האַלב פאַרפאָרן, —
גיי אַרוים אין סטעפּ
קלייבן דיינע יאָרן,
וויפל יאָרן האָסטו
סטעפּישע און פּראָסטע?

אַ משל צו אַ בן־מלך

גאַנצפרי איז געקומען מדרכי טאַלייסניק
און האָט זיך, ווי תמיד, געשעמט אַזוי זויבער.
אַ ייד, וואָס האָט ליכטיק געמיינט אַז ער ווייס ניט,
ווי שלעכטס אינעם מענטשן דעם מענטשן איז גובר.

ער האָט אויפן מענטשן געקוקט מיט אַ ציטער,
אַז טאָמער, חלילה, ווערט ער נאָך געשטרויכלט.
שטייט מרדכי — אַ ווייסער, פון גוטסקייט אַ ריטער,
און ס׳שיינט אים אַרוים פון די אויגן: „כ׳בין מוחל״.

ס׳האָט מרדכי די וועלט אויסגעטייטשט מיט אַ משל
פון בן־מלך, בת־מלכה, גילדענעם פּרוזדור,
ער האָט מיטן ציפּ פרעמדע תבואה געדראָשן
און ס׳ווייב האָט געקלאָגט אויף אים: „מרדכי־ניו, אוי׳ז דיר״.

שטרעקט מרדכי די האַנט און גיט שלום עליכם, —
געקומען צופאָרן צו אונדז פון מרחקים...
אַ משל צום בן־מלך...— שעמט זיך זיין שמייכל, —
ווי לעבן דאַרט יידן? דערציייל עס מיר טאַקע.

דער בן־מלך, מרדכי, שטייט אַלץ נאָך אין פּירהויז,
די לאָמפּן אין ארמון שוין אַלע פאַרלאָשן,
און ער אויף דער בת־מלכה וואַרט אין נזירות, —
דער נמשל האָט זיך נישט געפּאָרט מיטן משל.

ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ קלעזמער, אַ משורר,
געשפּילט אויפן גילדענעם פייפל לכה דודי,
די בת־מלכה אָבער האָט ער אָנגעוואוירן
און אויסגעלאָזט האָט זיך פון משל אַ בוידעם.

די אויגן מרדכי׳ס — דערשראָקענע פייגל,
וואָס זענען פאַרשפּאַרט אין צעפּאַלענע נעסטן,
דער גוף איז אַ סאָסנע, וואָס וועט זיך נישט בייגן,
נאָר פאַלן, — די ערד מיט זיין גריים אויסצומעסטן.

קיין בעלץ איז מרדכי געקומען פון בערשאַד
פאַרקויפן טליתים, עטרות, עץ־חיים׳ס,
און ס׳איז אים אַריין אין די ביינער דער גערשטן,
דער ווייץ און די ווייצענע ברויטן מיט קלייען.

דער ייד איז דאָ פּראָסט, נאָר אַ פונק פון קדושה
אין זיינע פאַרהאָרעוועטע אויגן טליעט,
די תפילין — די גראָבע הויט זיינע קושן
און ווערטער פון מויל זיינעם, ווי פייגל פליען.

אַ משל האָט מרדכי געגעבן אַזעלעכן:
דער בן־מלך האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פויער,
פון ערד אָבער, סטינע 1) און שעפּסענעם פעלעכל
דאָס מלכות זיינס שיינט, ווי דאָס ליכט פונעם זוהר.

טייטשט מרדכי: אַ בן־מלך דאַרף זיך פאַרשטעלן,
פאַרהאָרעוועון הענט און דאָס פּנים פאַרגרעבן,
דערנאָך ערשט וועט פונקענווייס אים זיך צעהעלן
דאָס פּשוטע יידישע, מענטשלעכע לעבן.

און מרדכי האָט אָנגעהויבן גיין קאָמערינע2)
אין פּרוטיענע3) שטיבלעך, אין נאָסע בורדייען4),

1) סטינע — שאָפענע מילכעריי.
2) גיין קאָמערינע — וואוינען אין שכנות.
3) פּרוטיענע שטיבלעך — שטיבלעך געפלאָכטן פון דינע ביימלעך.
4) בורדייען — גריבער־שטיבלעך, געדעקט מיט ערד און שטרוי.

דאָס ווייב האָט געקוקט אויף די רייכע מיט קנאה
און ער — מיט דער אַרבעט געטאָן האָט זיך פרייען.

דער ציפּ האָט געגעבן אַן אָרעמען ביסן, —
נאָר ווען איז אַן אמת'ער בן־מלך פריי־דען?
די הענט זענען הארט און דאָס פּנים צעשמיסן,
נאָר ווייך זענען אויגן געבליבן, ווי זיידנס.

געדענקט איר נאָך, מרדכי, דאָס לאָדעניש אייערס?
אַ מעשׂה געוועזן מיט אַ משל אַ קרומען,
וואָס איז זיך פאַרלאָפן אַמאָל אין אַ שייער
און מרדכי'ן געלערנט די סדרה תרומה.

ס'האָט מרדכי געקויפט אַ מאַשין אַ דרעשער,
מיט רעדלעך און ציין און לעדערנע רימענס,
איין ראָד איז געוועזן אַ גלאַנציק־מעשנס
און האָט אויף דער זון געשיינט ווי אַ דימענט.

ס'האָט מרדכי אין דער מאַשין זיך געשפּיגלט
און ס'מעשענע ראָד מיט קרייד געריבן, —
מיין חתן־בחור, האָט ער זיך געקליגלט,
ווי ס'שטייט אין פּסוק ערגעץ געשריבן.

דערנאָך האָט מרדכי געקוקט פאַרוואונדערט,
ווי ציין די גאָלדענע פּאַפּשויעס5) שיילן,
ווי ס'מעשענע ראָד ווערט גלאַנציקער, רונדער
און קערנער — באַזונדער, נאָר איבערצוציילן.

פאַרוואָרפן דעם ציפּ און איבער אדייעס 6)
פאַרדונגען זיך מיט פערד און דרעשער,

5) פּאַפּשויעס — קוקורוזעס.
6) אדייעס — פּולוואַרק.

דאָס ברויט אין שטוב האָט שוין ווייניקער קלייען
און מ'דאַרף שוין פאַרפרי דעם לאָמפּ ניט פאַרלעשן.

אַ משל צום בן־מלך, — זוכט מרדכי דעם משל,
נאָר עפּעס האָט זיך ביי אים דאָ פאַרפּלאָנטערט,
אַז ס'טראָגט שוין דאָס ווייב ביי אים פּליטקע קאַלאָשן
און מאַכט אים כרעמזלעך מיט האָניק אויף יום־טוב.

נאָר גוט איז וואָס זוניקע טעג אין טאָמנע
פאַרהאַרעוועט מרדכי ביי סטויגן תבואה,
וואָס פויער צעזינגט זיך „עי דאָמנולו, דאָמנולו"7)
ווען מידע ביינער אויף שטרוי־שטעכערס רוען.

ס'איז גאַנץ דאָס האַרץ דיינס און פול מיט פרידן,
געזאַנג גייט־אויף אינעם שטערן־פינקל,
ס'איז גוט צווישן גוים צו בענקען נאָך יידן
און רוען מיט גאָט אויף שטרוי אין אַ ווינקל.

און טאָמער איז דאָ אין דיין האַרצן אַ ספק,
האָט אויך דאָך אַ כמאַרע דער לויטערער הימל.
דער עיקר, וואָס לויטערקייט שפּרייט זיך אין־סוף'יק,
דער עיקר, וואָס האַרץ דיינס איז אָן אַ פּגימה.

אַ משל צום בן־מלך, וואָס פּאַשעט די סטאַדע,
די שעפּסעלעך מיטן געזאַנג זיינעם היט ער,
דאָס האַרץ טוט צום מלכות אַ צי אים אוודאי,
נאָר דאָ איז זיין האַרץ און דאָ זיינע גיטער.

און אויב נאָר אַ משל, איז דאָך נישט שייך,
איז אַלצדינג פאַרענטפערט, קלאָר און לויטער...
אַנשלאָפן ווערט מרדכי אויפן האַרבסטיקן שייער, —
צו גאָט און מענטשן מיט האַרץ אַ פאַרטרויטער.

---

7) דאָמנולו — גאָט מיינער.

א שפּראָץ אויף טאָג כאַפּט-אויף זיך מרדכי,
וואַשט אָפּ די נאַכט פון זיך אינם טייכל,
אויף סטעפּעס גייט-דורך דער ווינט מיט אַ שאָרכען
און ס׳האָט נאָך מיט נעכטיקן משל אַ שייכות.

באַלד קומען די גויים, און מרדכי דאַוונט,
ס׳איז גאָט דאָ נאָענט, ווי אייגן נפש, —
דו ווייסט דאָך, מע איז אַמאָל עובר אויף לאָו׳ן,
נאָר שטענדיק בין איך מיט דיר, מיין באַשעפער...

די שטאָלענע ציין גאָלדענע קערנער שיילן,
די זון אין הימל — דיין דימענט, דיין כתר,
איך וועל דיר אַ מעשה׳לע, גאָט, דערציילן
פון איינעם אַ בן-מלך הינטער זיבן שלעסער.

סע פּיקן וואַנדערפייגל די קערנער,
אַ טעלעצע טראָגט דעם קאָפּ אַ פאַרטראַכטן,
אַ ביקל גראָבט די ערד מיט די הערנער, —
דער בן-מלך, גאָט, בין איך, זאָל זיך דאַכטן.

די נאַקעטע קאַטשקעס, ווי קינדער אָן העמדלעך,
דערוואַרעמען לייבער אויף זוניקע שטויבן.
דער בן-מלך זיפּט דורך די פינגער זעמדלעך,
אַז גילדערנער, ריינער זאָל ווערן זיין גלויבן.

אינמיטן טאָג שטייען זעק מיט פּאַפּשויעס,
אויף פעלדער שאָטנס-פּאַסמעס זיך לייגן,
דאָס פּנים מרדכי׳ס פון שטויבן גרוי איז,
די אויגן וואַנדערן נאָך די פייגל.

הייב-אויף דאָס קול דיינס מיט לויב פאַר האָרעוואַניע,
אין שוויים פון דיין פּנים זאָלסטו זיך דערנערן, —

איך ווייס דאָך, גאָט, די ערד איז נאָר אַן אכסניא,
נאָר גוט איז דאָס אייגענע האַרץ צו הערן.

דערציילן וועל איך דיר, גאָט, פון זיך אַליין טאַקע,
וואָס כ'האָב אַ לעבן אין האַרצן פאַרשוויגן,
כ'האָב יאָרן געוואָלט די זיבן שלעסער צעהאַקן,
נאָר מערער און מערער דאָס האַרץ מיינס פאַרריגלט.

די שלעסער האָסטו פאַר מיר אויפגעעפנט,
די ריגלען צעזעגט מיט זוניקע זעגן,
איך גיי דיר אַנטקעגן מיט אַרבעט, באַשעפער,
איך טראָג דיר הענט, — פאַרשטויבטע, — אַנטקעגן.

הייב־אויף דיין קול און זינג הללויה,
און אויב דו זינגסט נישט, שוויג דאָס געזאַנג דיינס,
די קי צום פאַרנאַכט אַ לויבגעזאַנג מוען,
דאָס טייכל מורמלט, — שוויג דאָס געזאַנג דיינס.

אַ ציטער גייט דורך איבער די גראָזן
און זיי, ווי דו, רעדן אויך צום באַשעפער, —
פאַרנאַכט פאַר זיך זאָגסטו ברכת המזון
און זעסט ווי אַ הינדעלע וויגט זיך פאַרשלעפערט.

— — — — — — — — — — — —

אַזוי פאַרגייען דאָ זיינע מעת־לעת'ן,
ביז ס'נעמט אויף די סטעפּעס דאָס ערשטע פרעסטל .
צוריק אין בעלץ, אין ציגיינערשן געסל,
מיט בענקשאַפט פון פייגל צו אייגענע נעסטן.

סוף־אב איז שוין מרדכי געווען אויף אדייעס
און, הער־נאָר אַ גליק : ס'האָט אַ פריץ געדונגען

ביי אים דאָס מאַשינדל צו דרעשן דעם שייער,
ס'האָט מרדכי דערפֿון שוין אַ משל געדרונגען.

נאָר ס'האָט זיך דער משל פֿאַרדרייט אינדערמיטן:
פֿון הויף האָט דער פּריץ מרדכי'ן פֿאַרטריבן,
באַטראַקעס געשטעלט דאָס מאַשינדל צו היטן
און מרדכי איז מיטן משל געבליבן.

געקומען איז מרדכי קיין בעלץ אַ פֿאַר'צער'טער,
אין אויגן באַהאַלטן אַ מרה-שחורה,
געוואָרן פֿון טאָג-צו-טאָג אויסגעדאַרטער,
ווי אייגענעם זון וואָלט ער אָנגעוואוירן.

דערנאָך האָט אַ לאָדעניש זיך אָנגעהויבן,
געריכט, אַפּעלאַציעס, סודיעבנע פּאַלאַטעס, —
די אויגן פֿאַרכמורעט ווי האַרבסטיקע שויבן
און ס'גייען שוין ווייב און קינדער אין שמאַטעס.

אַ משל צום בן-מלך, וואָס האָט די קרוין אָנגעוואוירן
און גייט אין שמאַטעס איבער קעניגרייכן, —
ווי לאַנג וועט דער גלות זיינער געדויערן?
און אפשר האָט דאָס משל דאָ גאָרנישט קיין שייכות?...

דאָס גלויבן אין מענשן האָט זיך ביי אים צעוואַקלט,
אָן גלויבן, ווי לעבט אַ מענש דען, ווי לעבט ער?
אפילו פֿון וואַסער, צו מאַכן אַ שהכל,
אַ קוואַליקן גלויבן, אַ ליכטיקן שעפּט ער.

ס'האָט מרדכי פֿאַרטיפֿט זיך אין עין-יעקב,
אין רוחניות געוואָלט פֿאַרהיילן דעם חומר,
געשעפּט פֿון דאָרטן משלים, געדאַנקען
און אַלץ געוואָלט זיך פֿון ד ע ר וועלט אָפּצוימען.

נאָר ס׳זענען טעג אין די ביינער געדונען,
די הענט האָט געצויגן צו האַרעוואַניע,
דאָס האַרץ האָט געבענקט נאָך האַרבסטיקע זונען,
ס׳איז ענג מיט רב פּפּא׳ן און רב חנניא׳ן.

און ווידער האָט מרדכי דעם ציפּ גענומען,
אויף האַרבסטיקע פעלדער צופוס זיך צו וואַקלען,
דאָס וואַסער פון טייכלעך איז זיס צום גומען, —
ווי שטייט געשריבן אין פּסוק? במקלי...

— — — — — — — — — — — — — —

און איצטער שטייט מרדכי — אַ ווייסער גלויבן,
און וויל דעם גלויבן ביי מיר נאָך געפינען:
דאָס לאַדעניש, מילא, אַ גוי דאַרף רויבן,
נאָר ווייסטו ווי לאַנג יידיש בלוט וועט נאָך רינען?

איך זע זיינע אויגן און הער זיין ציטער,
דערצייל איך אים גוטס מעבר לים׳ען,
און ליכטיקער ווערט דער היטער, דער ריטער,
וואָס וועט זיך אויף ד ע ר וועלט שוין לאַנג נישט פאַרזאַמען.

— אַמעריקע, הייסט עס, איז מדינת החסד...
ביסט, פּרוּוּ, אַצינדערט מיך ממש מחיה,
איך טענה, דער אייבערשטער יידן פאַרגעסט ניט,
ער האָט פאַר זיי תמיד אַ גוטע אידייע...

אַ משל צום בן־מלך, — נאָר אַנדערע קומען
צו רעדן, צו הערן, צו גריסן, צו וויינען...
דער בן־מלך מרדכי גייט אַוועק מיט אומעט, —
ווער וועט אים איצט, אויף דער עלטער, קריינען?...

פלעוונע

אזוי... אזוי... מיר האָבן אים דערלאַנגט, דעם טערק,
געטריבן אים אַ נאַכט, אַ צווייטע, דריטע, פערטע, —
דעם אַלטנס קול איז ווי אַ זייגערס ברוך־געווערק,
וואָס דרינדזשעט אין אַן אָפּגעריבענער קאָפּערטע.

איר זאָגט זיך — פּלעוונע... יונגאַטשעס וואָס איר זענט,
איר מאָלט זיך אוים אַ באַרג פון שטיין און פייער?
מיט הוילע הענט געדראַפּעט זיך אויף פּלעוונע׳ס ווענט,
אַן פּלודערן אפילו, זאָלט איר מיר פאַרצייען.

ווי אַלט איך בין? אויף אַלע מיינע שונאים׳ס קעפּ,
וואָס בין איך אייך — אַ פערד, צו ציילן מיינע יאָרן?
כ׳האָב, מאָלט אייך, ווייטער שוין דאָס לעבן מיינס דערשלעפּט,
ווי דענצמאָל, ווען אברהם איז אַרוים פון חרן.

וואָס, זאָגסטו, אַ? ס׳איז דאַכט זיך דו, דעם שוחט׳ס שנעק.
דערציילן ווידער דיר די מעשה מיטן שיפל?
די יאָרן, הערט איר, ווי די פייגל פליען זיי אַוועק,
אָט, דאַכט זיך, ערשט דער טאַטע דיינער נאָך אַ צניפּל.

און איך, אַ יונגערמאַן נאָך, מיט אַ רויטער באָרד,
אין דאָרף געלעבט, — ווי גוט מיר איז זיך צו דערמאָנען, —
געהאָרעוועט, געדאַוונט, יידישקייט געשפּאָרט,
דאָס האַרץ אַ סך מאָל אויסגעלאָזט צו דער לבנה.

דער זומער האָט געשפּאַנט, מע שניידט שוין באַלד דאָס ברויט,
מיין שטיקל נחלה וואַקסט, אַ נחת אָנצוקוקן,
אַ פּולער בעכער רעטשקע, ס׳איז דער ווייץ שוין רויט,
דער גערשטן בערדלט זיך, דער פלאַקס איז ברוין און טרוקן.

איר׳ט לאַכן? אַז איך האָב געזען מיין שטיקל פעלד,
די פּאַסן ברויט, ווי אויסגעשטריקט זיי מיט אַ שפּיסל,
האָב איך מיט ציטערניש, מיט וואַרעמקייט און קעלט,
געלייענט זיי, ווי גאָטס אַ שורה-גריסל.

נאָר פאַניע, אַז ער הייסט, איז דאָך נישט שייך, — גיי!
כאָטש ס׳האַרץ איז מיר צו פעלד און שטוב ווי צוגעקאַוועט,
און ס׳ווייב באַלייט מיך מיט אַ יאָמערלעך געשריי:
אפילו נישט קיין קדיש האָסטו אויסגעכאַוועט.

באַהאַלטן זיך, האָב איך געזאָגט, און וואָס דערנאָך?
דאָס דאָרף, דאָס פעלד, זיך לעבעדיקערהייט באַגראָבן,
און קאַמערינע גיין אין שטאָט, — איז דאָס דער תוך,
אַז ס׳זאָל אַ ייד קיין אייגן שטיקל פעלד נישט האָבן?

נאָר איידער כ׳בין אַוועק, האָב איך געטאָן אַ מעסט
דאָס פעלד מיינס מיט די אויגן, און געזאָגט אַ תפלה:
דו גיסט דאָך, גאָט, די פייגל זייער שטיקל נעסט,
גיב מיר צוריק די היים מיינע, די קליינע, שטילע.

אַ נדר האָב איך נאָך געגעבן: אימירצישעם,
אַז גאָט וועט ברענגען מיך צוריק בקו הבריאה,
איז ס׳ערשטע גיב איך מעשר, — גאָטעניו, ס׳איז דיינס, נעם,
פאַר דיינע אָרעמע אַ צענט-חלק גיט שיע.

וואָס זאָל איך לאַנג אייך ברייען? אַזוי, מיט האַק-און-פּאַק,
מיט רויטער באָרד, מיט פעלד אין האַרצן און אמונה, —
און מאָלט אייך, תפילין זענען אויך דאָך נישט קיין בראָק, —
געשטאַנען בין איך שוין ביי פאַניען, ווי אין קונע.

אַ ביקס, אַ שפּיז, מע זאָגט דיר: לויף, און ציל, און פלי!
מלחמה פלאַקערט, פאַניע דאַרף די דאַרדאַנעלן,

די גרויסע חכמה דאָרט, כ'האָב באַלד געכאַפּט דעם סטרי,
אפילו דעם יעפּרעיטאָר בין איך שוין געפעלן.

און איידער וואָס, מיר טרייבן שוין דעם טערק, ווי ווינט,
נישטאָ קיין צייט אפילו לייטיש אָפּצודעכען,
אָט ערשט איז טאָג, אָט איז שוין נאַכט, רויך צערינט,
דער הימל בייגט זיך, ווי אַן אויסגעקרימטע סטרעכע.

מיר קומען צו אַ טייך, מ'האָט שיפלעך אָנגעשלעפּט,
אינמיטן נאַכט, איך וויים אַליין נישט וואָס און וויפל,
כ'האָב נאָר אין קרוג אַביסל וואַסער אָנגעשעפּט
און אויפגעזעצט זיך הענדום-פּענדום אויף אַ שיפל.

איך גיב אַ קוק, דאָס וואַסער איז געדיכט ווי פעך,
נאָר אינדערוויים פאַרקרעמפּט מיט פייערדיקע רייפן,
דאָס הארץ מיינס, פיל איך, באַמבלט זיך אויף לויזע שטעך,
און האַמערס אויף קאָוואַלדעס קלאַפּן אין די שלייפן.

כ'דערמאַן זיך: ממעמקים קראתיך יה, —
פון מיינע טיפעניש רוף איך דיך, באַשעפער,
אפילו אין דער מורא איז דיין גרויסקייט דאָ,
און דיין דערבאַרעמונג זאָל אומעטום מיך טרעפן.

דעם נדר האָב איך איצט געדענקט, און ס'איז די פאַרכט
צערונען, נישט געבליבן איז פון איר קיין זכר,
נאָר לעבן מיר, האָב איך געהאָרכט, האָט זיך געשאָרכט,
אַ ציטערדיקער מענטש, אין פינצטערניש אַ בלייכער.

און מיינט איר ווער? זאַכאַר, דער שטרויענער זאַכאַר,
אַ קאָפּ מיט שטרוי זיך אויסגעבאַקן ביי קאַלוגע,
אַ שייגעץ, אָנגעגאָסן פול מיט פרייד און צער,
מיט רייד, וואָס דאַכט זיך נאַרישע און דאַכט זיך קלוגע.

איך בייג זיך צו'ן אים צו: זאַכאַר, דו האָסט אַ פעלד?
צעוויינט ער זיך: אַ פעלד, אַ ווייב, און פלוגן, סאָכעס,
אַ פעסל אוגערקעס אויף ווינטער נאָך געשטעלט,
און וואָס האָט ער דערפון? אַ מעסטל מיט קדחת...

דאָס שיפל קרעכצט, פונוויטנס פלוצלינג, — פּאַף, אַ פלאַם!
דאָס וואַסער זידט און שלינגט אַריין די קוילן פייער.
צונויפגעקאָרטשעט ליגט זאַכאַר, דער ווייסער תם,
דאָס פראָסטע האַרץ אין אים פון פחד איז פאַרטאַיעט.

אין אויער רוים איך אים אַריין: דו הערסט, זאַכאַר?
זאָג-צו, ווי איך, פאַר אָרעמע אַ תבואה-צענטל...
וואָס ווייסט אָבער אַ שייגעץ, און דערצו אַ נאַר?
אמונה? עט... פאַר אים צאַפּ בראָנפן פונעם קרענטל.

דאָס האַרץ טוט ווי, אַ מענטש, דעם אייבערשטנס אַ פונק,
די הויט איז גראָב, נאָר ס'טליעט אונטער איר אַ פייער...
דערלאַנג איך אים דעם לעצטן טראָפּן פאַר אַ טרונק
און זאָג: וואָס אַרט עס דיך? העלעי דעם צאַר אַ שטייער...

דאָס שיפל קראַכט, דאָס וואַסער עפנט אויף זיין שלונג,
דער רויטער האָגל הערט נישט אויף צו באַראַבאַנען,
איך שפיר אין זיך: דער טויט איז אַלט, דאָס לעבן — יונג,
כ'פאַרשטיי, וואָס ביז אַצינד האָב איך נאָך נישט פאַרשטאַנען.

זאַכאַר כאַפּט-אָן מיין האַנט און ציטערט, ווי אַ בלאַט:
וואָס ווילסטו פאַר דיין גאָט? אַ צענטל תבואה? נאַ-דיר...
איז זע איך דאָך: איך בין מיט אים שוין אויף אַ לאַד,
בין איך פאַר אים דעם מעשר פון זיין פעלד מנדר.

אין האַרצן איז מיר אויפגעגאַנגען אַ געזאַנג,
פאַרטאָג, דער הימל איז צעקלויצעט, רויטלעך כמאַרנע,

דאָס שיפל שפּרינגט אַרויף און גייט שוין באַלד אַ גאַנג,
נאָר איך, ווי זאָגט דער פּסוק ? כל עצמותי תאמרנה.

זאכאר שטייט אויף, צעשויבערט, שטאַלטנע, ליכטיק, בלאָנד,
איך זע, אַז ס׳איז דער שייגעץ פול, ווי איך, מיט גלויבן,
האָב איך זיך, הערט איר, אין מגילת רות דערמאָנט
און העכער נאָך האָב איך דאָס קול מיינס אויפגעהויבן.

אויף שפּענדלעך האָט דאָס שיפל זיך צעשפּאַנט, צעלעכצט,
איך זע ווי מענטשן פאַלן, ס׳שלינגט זיי איין דאָס וואַסער,
אַ שייגעץ שרייט און טונקט זיך אונטער מיט אַ קרעכץ,
אַן אַנדערער — אַרונטער זינקט, ווי שווערע משא.

נאָר מיך, און לעבן מיר זאכאַר׳ן, טראָגט דער שטראָם,
ווי ס׳וואָלט אַן אָדלער אונדז געגומען אויף זיין פליגל,
אַריבער גרויע כוואַליעס, איבערן תהום,
און הוידעט אונדז מיט ליבשאַפט, ממש ווי אַ וויגל.

דאָס אָדלער-וואַסער האָט צום ברעג אונדז צוגעבראַכט,
די זון איז אויפגעגאַנגען און האָט אונדז דערוואָרעמט, —
געווען איז עס שוין איינמאָל, זאָג איך אייך, אַ נאַכט,
דער אייבערשטער אַליין האָט זיך אויף אונדז דערבאַרעמט.

פאַרשטייט איר דאָך, אַז איך האָב אָפּגעצאָלט דעם חוב,
די תבואה איז געראָטן מיר דאָס יאָר כפליים,
צום שניט רוף איך די אָרעמע פון דאָרף צונויף
און טייל זיי בינטלעך זאַנגען פונעם ברויט דעם נייעם.

זאכאר ? איר קענט דעם גר ? דעם שמש פון דער שול ?
אברהם-בן-אברהם, גרוי און איינגעבויגן,
די שול איז ביי אים ריין, דער כיור שטענדיק פול,
צום עמוד גייט ער צו מיט אויפגעשיינטע אויגן...

מיין ברודער

יעדער שטוב האָט אַן אומעטיק ווינקל,
וואו ס'איז אומגליק פֿאַרוואַקסן מיט מאָך,
רירסט זיך אומגערן צו, גיט אַ פֿינקל,
גיט דערמאָנונג, ווי דאָרן, אַ שטאָך.

אונדזער שטוב האָט פֿאַרבונדן דעם טרויער
מיט דער פֿרייד און די טענץ אויף מיין ברית,
ס'איז מיין אָנקום געווען דער טויער
צו אַ לעבן פֿון שטומקייט און רים.

כ'האָב אַ סך אין מיין לעבן פֿאַרגעסן,
כ'האָב אַריבערגעהיפּערט אַ סך,
נאָר דער טרויער מיט יאָרן ווערט גרעסער,
ווי ס'ווערט קלענער דער הימלשער דאַך.

ס'האָט דאָס לעבן אַזויפֿיל צערודערט,
כ'האָב די יאָרן ווי זאַמד, דורכגעזיפּט,
נאָר אַ שטיין איז געבליבן — אַ ברודער,
וואָס זיין אומגליק האָט מיך צוגעקניפּט.

כ'האָב דערקענט טאַטע־מאַמע פֿאַר'צער'טע,
כ'האָב דעם עלטערן, משהן, דערקענט,
ווי די פּים זיינע, — דינע און האַרטע, —
האָט ער אונטערגעשפּאַרט מיט די הענט.

אויף דער פּלייצע — אַ שפּיציקער הויקער,
אויפֿן ברוסטקאַסטן — ביינער צעקרימט,
אין די אויגן אַ גוטסקייט צו פֿרויקע'ן,
נאָר אַ שרעק אין דער טיפֿעניש שווימט.

כ׳האָב צום אָנהייב די שרעק נישט פאַרשטאַנען,
נאָר געשפּירט, ווי זי בינדט מיך און שלעפּט,
כ׳האָב געוואָלט נאָר, אַז משה זאָל שפּאַנען,
אַזאַ גלייכער, ווי איך, אויפן סטעפּ.

כ׳האָב געזען, ווי די אייגענע קוקן
אויפן ברודער, אויף מיר און צוריק,
מיט אַ צער, וואָס איז ווייטלעך און טרוקן,
וואָס די צייט האָט צוביסלעך פאַרשטיקט.

כ׳האָב געהערט, ווי מע רעדט אָפּגעריסן
פון אַ טאָג אינעם יאָר תרנ״ב,
און נישט אָנגעהויבן האָב איך צו וויסן,
אַז ס׳האָט דענצמאָל געטראָפן דאָס בייז.

נאָר דערנאָך איז דערקענונג געקומען,
און מיט צייט ווערט זי שאַרף ווי אַ בלענד,
אַז אַ ברודער טראָגט וואונדן און מום׳ען
זינט צום לעבן האָסטו זיך געווענדט.

כ׳הייב אַליין אָן דעם טאָג צו געדענקען,
ווי איך וואָלט אים געזען און געהערט,
וויפל גרויל ס׳זאָל די צייט נישט פאַרשווענקען,
האָט דער ברודער־גרויל אַלץ זיך געמערט.

שפּעט אין האַרבסט זענען טעג אַזוי שיטער
און מיט מראקע געדיכט זענען נעכט,
ס׳קריכט דער ווינט אין געביין מיט אַ ציטער,
דאָס צעפּליוכעטע רעגנדל שטעכט.

אין אַ טאָג אַזאַ האָט לאָזער שוחט
מיך געבראַכט אין אברהמ׳ס בונד,

יידן טאַנצן, דער טאַטע טאַנצט אויכעט,
ס׳פּלייצט די פרייד פון אַן אָפענעם שפּונט.

און דער ברודער דער עלטערער, משה,
האָט אַריבערגעשפּאַנט שוין דריי יאָר,
ער האָט אויגן געהאַט פול מיט בלוישיין
און פּאַפּשוויעדיק-גילדענע האָר.

ס׳האָבן פיס אפשר הונדערט געטופעט,
ס׳האָט דער ברודער פאַרוואונדערט געקוקט,
ווי עס הייבן זיך קעפּ אין אַ קופּע
און דערנאָך ווערן ווידער צערוקט.

ס׳האָבן טאַנץ און געזאַנג אים געצויגן,
ס׳איז דאָס אומגליק געווען אין דער פרייד,
מיט צעצונדענע קינדערשע אויגן
אינעם ראָד האָט זיך משה געדרייט.

אונטער פיס איז געפאַלן דער ברודער,
ס׳האָבן שטיוול דאָס לייב זיינס געדרעשט
און צעהויקערט די ביינער, ווי רודעס, —
ס׳צינדט מיין לעבן זיך אָן, זיינס פאַרלעשט.

ס׳איז דאָס בלוי פונעם קוק אויסגערונען,
ס׳האָט דאָס וואָרט אין זיין גומען געדאַרט,
און אין מיר גייען-אויף זיבן זונען,
ווי אויף אים וואָלט מיין לעבן געוואַרט.

ס׳שמירט די צייט אויף וואונדן מיט זאַלבן,
ס׳ווערן שניטן פאַרהיילט מיט דער צייט,
נאָר די קאַרבן הייבן אָן זיך צו פאַלבן,
ווען דאָס לעבן צו הילעכיק שרייט.

אַז פאַרהערט האָט אַמאָל מיך דער טאַטע
און כ׳האָב חומש געזאָגט מיטן טראָפּ,
האָט אין שטוב זיך געטראָגן אַ פּלאַטער,
ווי אַ פויגל פון נעסט פאַלט אַראָפּ.

ס׳האָט זיך משה געבראָכן די פינגער,
ס׳האָט זיין שטומקייט גערעדט און געמאָנט, —
כ׳בין דיין ברודער, און דו ביסט דאָך יינגער,
און מיר ביידע אין שטוב זענען בלאָנד.

אַז געזונגען האָט סטעפּישער זומער
און געשפּרונגען בין איך איבער פּלייט,
איז געשטאַנען דער ברודער אַ שטומער
און מיט פיין צוגעפּליעסקעט מיין פרייד.

ס׳האָט זיין ליבשאַפט צו מיר אַזש געציטערט,
ווי אַן עלנטע זאַנג אויפן פעלד,
וואָס גייט אוים פון דער בענקשאַפט צום שניטער,
מיט איר פולקייט, וואָס ווערט שוין פאַרגעלט.

ס׳האָט זיך משה געשטאַרקט מיט די יאָרן
און אפילו גערעדט האַלבע רייד,
נאָר דער טרויער איז שאַרפער געוואָרן
ביי אַ ברודער, וואָס זעט און פאַרשטייט.

ס׳איז פאַרגליווערט געווען אים דאָס פּנים,
נאָר געשיינט האָט די חכמה אין קוק,
וויפל שלעכטס ס׳האָט דער גורל געטאָן אים,
איז דאָס אַלץ נאָך געווען נישט גענוג.

דער פאַרשטאַנד אין דער שטיל האָט געבויערט,
ס׳האָט דאָס לעבן אין אים זיך צעברויזט,

נאָר די פרייד האָט אַ רגע געדויערט,
ער האָט באַלד זיך געהאַקט מיט אַ פויסט.

ס׳פליִיצט אַ טייכל אַריבער די ברעגעס,
ס׳גיט אַ דאָרן אַ שטאָך דיר מיט וויי, —
כ׳נעם צונויף די פאַרפּייניקטע רגע׳ס
פון אַ ברודערס פאַרשטומטן געשריי.

כ׳האָב אים איבערגעלאָזט מיט זיין טרויער
און צעריסן דעם וואונדיקן בונד,
נאָר אַמאָל אַ געדאַנק טוט און לויערט:
טראָגסט זיין לעבן און דו ביסט געזונט.

כ׳בין צוגאַסט אויף זיין קבר געקומען,
ביי זיין שטיין איז געוואַקסן אַ קוסט,
ס׳האָבן ווערטער געברענט מיר דעם גומען:
איך בין דאָ נאָך און דו, ברודער, רוסט.

כ׳האָב אַ צווייגל פון קוסט אָפּגעבראָכן,
און פאַרגראָבן צוקאָפּנס אין דר׳ערד,
כ׳האָב געהערט איבער מיר פליגלען פאָכען,
כ׳האָב דאָס האַרץ זיינס, דאָס גוטע, געהערט.

אַ יידיש קינד

ביסט געוואַקסן ביי אונדז ווי אַ זאַנג,
פול מיט חכמה — מיט גילדענע קערנער,
האָט געוואַרעמט דעם ריינעם געדאַנק
מיטן תמימות פון לויטערן לערנער.

האָסט געלערנט, ווי חומש, דעם סטעפּ,
מיטן טראָפּ און דעם עברי־טייטש ניגון,
פון די ווערטער — געגרונטפעסטיקט טרעפּ
און צום הימל אויף זיי געשטיגן.

וויפל טרויער ס׳איז דאָ אין באַשאַף,
האָסטו טראָפנווייס אים אויסגעטרונקען,
וויפל פרייד דער צעריסענער דף
האָט געשפּריצט מיט צעצונדענע פונקען.

אויפדערנאַכט האָסטו שטערן געזיפּט
דורכן רויך פונעם דינעם קנייטל,
מיט געזאַנג איבער דורות געהיפּט,
מיט געוויין דיינע דורות געקייטלט.

ביסט געוואַקסן ביי אונדז ווי אַ זאַנג,
מיט דער זון, מיטן ווינט, מיטן ציטער,
האָסט דעם הימל נאָך אַלץ נישט דערלאַנגט
און פאַרשניטן האָט דיך שוין דער שניטער.

די הײל

אין אונדזער שטאָט, בעלץ, בעסאַראַביע, — זענען פון דער צייט, ווען דער טערק האָט באַהערשט די פּראָווינץ, איבערגעבליבן שטיינערנע הייזער. אַריינצוקומען אין אַזאַ שטוב, האָט מען געדאַרפט אַרונטערגיין דריי־פיר טרעפּלעך, אינעווייניק איז די סטעליע געווען ווי אַ זעקס־קאַנטיקע יאַרמלקע, מיט שאַרפע שפּיצן. אונטער איין הויז איז געווען אַ הייל, וואָס אין אירע ווענט זענען געווען אויסגעהאַקט שטיינערנע קעמערלעך. אַ טערקישע טורמע איז דאָרט געווען. אויף קינדער האָט די הייל אָנגעוואָרפן אַ פּחד. געזאָגט האָט מען, אַז די הייל האָט נישט קיין סוף, אָבער מיר, — די חדר־יינגלעך, — האָבן געוואוסט, אַז די הייל האָט יאָ אַ סוף: זי פירט קיין ארץ־ישראל. מען דאַרף נאָר וויסן דעם וועג, אַנישט קען מען פאַרפירט ווערן אינעם לאַנד אדום.

בילד איינס

אַ הייל. דער רב ר' שמחה און דער שמש זיינער, פּנחס, קומען אַרונטער דאָס לעצטע טרעפּל. פּנחס האַלט אַ הילצערנעם לאָמטערן, וואָס באַלייכט קוים פיר איילן אַרום.

ר' שמחה:

הייב־אויף אַביסל העכער דעם לאָמטערן.

פּנחס:

אַ חושך, גאָטעניו, אַ קעלט, אַ נעץ.

ר' שמחה:

וואָס גאָט וועט אונדז באַשערן.

פּנחס:

די שטיינער זענען אָנגעזעצט מיט קרעץ.

ר' שמחה:

מע טאָר נישט זינדיקן. אינדרויסן שטערן.
הייב־אויף אַביסל העכער דעם לאָמטערן.

פּנחס (הייבט דעם לאָמטערן אויף העכער. שטיין פון ווענט זעט זיך איצטער):

סע קאַפּעט, ריטשקעס רינען.

ר' שמחה (קוקט זיך איין):

די ערדה דאַרף אַנטרינען.
דו זעסט? אַ קעמערל אין וואַנט, מיט טרעפּ.

פּנחס:

איך קען נישט זען, איך קען נישט הערן.

ר' שמחה:

וועסט זען, וועסט הערן.
הייב־אויף אַביסל העכער דעם לאָמטערן.
די שיין פון אייגענער אמונה שעפּ,
וועסט זען, ווי איך, אַ קעמערל, און נאָך, און נאָך.

פּנחס (דער לאָמטערן גיט זיך אַ שאָקל אין זיין האַנט):

ווי גוליעס יאַטערט דאָ דער מאָך.

ר׳ שמחה:

אקעגן חושך דארפן מיר זיך ווערן,
הייב-אויף אביסל העכער דעם לאמטערן.

פנחס:

דאס ליכט איז דין, סע לעשט דאס קנייטל.

ר׳ שמחה (ווי ער וואלט איינגעטענה׳ט מיט זיך אליין):

דאס ליכט וועט נישט פארלאשן ווערן.
דו זעסט א טיר אין וואנט, א קייטל?
הייב-אויף אביסל העכער דעם לאמטערן.

פנחס:

איך זע א קריינדל שיין,
דער חושך שלינגט אים איין.

ר׳ שמחה (צו זיך מער ווי צו פנחס׳ן):

דאס מינדסטע ליכט דאס פינצטערניש צעשניידט,
ס׳קען פינצטערניש קיין שיין נישט שלינגען.
(מיט א קרעכץ)
נאר פינצטערניש איז נאענט, ליכט איז ווייט.
דו זעסט? באשלאגן איז די טיר מיט אייזן-רינגען.
מיר וועלן פרואוון, אפשר וועט זיך עפענען א טיר.
(גייען ביידע צו א טיר)

פנחס:

פארזשאווערט איז דאס אייזן, רויט,
און וואו איך גיב זיך נאר א ריר,
איז טויט, טויט.

ר׳ שמחה (מיט א לייכטן אויסרייד):

ס׳איז לעבן דא געווען, געפייניקטס.

פנחס:

איך ווייס, א תפיסה דא געהאט דער טערק.

ר׳ שמחה:

מיר קומען נישט אהער פון תענוג.
פארטריבן אונדז פון טאלן און פון בערג,

גאָטס ערד אפילו וויל מען אונדז פאַרווערן.
דער שונא לאָקערט אויפן וועג און שליאַך,
דורך טירן, פענצטער, דורכן דאַך,
נישטאָ זיך וואו צו ווענדן און צו קערן.
הייב־אויף אַביסל העכער דעם לאָמטערן.

פנחס (דערשראָקן, פּרוּווט ווייטער אויפהייבן דעם לאָמטערן):
שוין אויסגעשטרעקט די האַנט דעם קאָפּ אַריבער,
איך האָב קיין כוח שוין נישט מער צו שטרעקן.

ר' שמחה (מיט שאַרפער שטראָף):
געדענק דעם ציבור.

פנחס (פאַרענטפערט זיך):
די האַנט פאַרשטייפט — אַ שטעקן.

ר' שמחה:
אַן עדה דאָרט געלאַזט, אין שרעק, אין טרערן.
(די אויגן שיינען ביי איס, דאָס קול איז קלאָר)
הייב־אויף אַביסל העכער דעם לאָמטערן.

פנחס (טרעט צוריק אַ שפּאַן, בלייבט שטיין ווי פאַרגליווערט):
איך ווייס נישט, רבי... אַז איר הייסט...

ר' שמחה (דאָס קול זיינס קומט ווי פונדערווייטן):
ס'איז דאָ אַ כוח, וואָס באַפעלט,
דו הערסט? נישט איך, נאָר ער איז דער, וואָס ווייסט.
מיר האָבן ערשט אַ שפּאַן אין אונדזער גאַנג געשטעלט
און שלאָבעריק אין דיר שוין די אמונה.
וואָס ווילסטו, אַז איך זאָל דיך נאָך באַשווערן?
ס'איז גרויס דער צער, די פּיין — אַ טיפער ברונעם.
הייב־אויף אַביסל העכער דעם לאָמטערן.

פנחס (פּרוּווט אויפהייבן דעם לאָמטערן העכער, די האַנט ציטערט איס):
די אָדערן צעצויגן, אוי, רבי'ניו, איך פאַל.

ר' שמחה (מיט כעס):
און אַז דו פאַלסט, איז וואָס?

א גאַנצע עדה שטייט אין דער סכנה,
דו ביסט אַ יחיד קעגן כלל.

פּנחס (מיט אַ שוואַך קול):

כ'האָב יידן אויפגעוועקט צו חצות.

ר' שמחה:

געוועקט, געוועקט,
איז ווילסטו איצט דעם שכר אויפמאָנען?
אַז שעמען וואָלסטו זיך געמעגט,
אַ שטיקל מצווה אויך ביי דיר אַ קרן.
הייב־אויף אַביסל העכער דעם לאַמטערן.

(פּנחס שטרעקט די האַנט מיט די לעצטע כוחות, גיט זיך אַ וואַקל פאַלט מיטן פּנים צו דער ערד. דער לאַמטערן לעשט זיך נישט אויס, נאָר בלייבט שטיין אים צוקאָפּנס.)

ר' שמחה:

די מענטשן דיינע, בורא־עולם, זענען שוואַך,
דער כוח סטייעט זיי נאָר אויף רציחה.
אַ ייד אפילו קען טאָן מצוות כך־וכך,
שליחות'ן און טובות גיכע, —
אַז דיר איז ליב, איז מיר אָבער נישט ניחא.

(בייגט זיך אָן צו פּנחס'ן)

געוועקט האָסטו, דו הערסט? איצט וועק איך דיך,
שטיי־אויף, פּנחס, צו דיין הייליקסטער עבודה.

(פּנחס רירט זיך נישט)

אָן אויסגעשטרעקטער ליגט ער, גיט זיך נישט קיין הוידע,
דאָס פינצטערניש אַרום אים איז געדיכט,
נאָר ביים צוקאָפּנס שטייט נאָך אַלץ דאָס ליכט.

(קערט אים איבער מיטן פּנים אַרויף)

די אויגן האַלט ער אָפן, דער קוק — אַ לויזער,
נאָר אין דער טיף אַ פונק נאָך צאַנקט.

אָ, גאָט, אַ שליחות האָסטו מיר דערלאַנגט:
צו שלאָגן זיך און שמידן דאָס געווער.
(ליגט צו דעם אויער צו פּנחס׳עס האַרץ)
דאָס האַרץ זיינס שלאָגט, איך הער.
שטיי־אויף, פּנחס, איך בין עס אויף דיר גוזר.
(פּנחס רירט זיך)
ער רירט זיך, דאָס פּנים גיסט זיך אָן מיט בלוט,
די אויגן צינדן זיך, באַלויכטן אַזש דעם שטערן.
שטיי־אויף, געננוג האָסטו גערוט,
נעם ווידער אין דער האַנט דיר דעם לאָמטערן.

פּנחס (גיט זיך אַ שטעל אויף מיטאָמאָל, נעמט דעם לאַמטערן):
געשלאָפן, צי געוואַכט,
נאָר עפּעס האָט זיך מיר געדאַכט,
איך קען זי שטרעקן, רבי, העכער.
איך שפּיר, ווי ס׳וואַקסט ביי מיר די האַנט,

ר׳ שמחה:
פאַר אונדז איז אויפגעשטאַנען דאָ אַ וואַנט,
ס׳איז אויסגעהאַקט אין שטיין פירעקעכיקע לעכער.
איך בעט דיך, גאָט, נישט צערן,
נאָר ווילסטו טאַקע דאָ דיין עדה יידן?
דיין הימל זאָל זיך איבער זיי נישט שפּרייטן,
נישט שיינען זאָל פאַר זיי דיין זון, לבנה, שטערן?
אַז אויבן זאָל די חיה זידן
און דיינע זין, די אויסדערוויילטע, טייטן?
איך בעט דיך, גאָט, נישט צערן.
(צו פּנחס׳ן)
הייב־אויף אַביסל העכער דעם לאַמטערן.

פּנחס:
אַזויפיל לעכער, רבי, און טויערן פאַרריגלט,
וואוהין זאָל איך אַ שיין דאָ וואַרפן?

ר׳ שמחה (בלייבט שטיין מיט אַ פּאַרגליווערטן קוק):
כ׳האָב ערשט געזען אַ פעלד דאָ אָפּגעשפּיגלט,
אַ בלענד־געטאָן מיר מיט אַ ליכט אַ שאַרפן.

פּנחס:
אַז פינצטער איז די הייל, נישטאָ אין איר קיין ענד,
ווי קען אַ ליכט דאָ טאָן אַ בלענד?
ס׳איז איבער מיינע כוחות, איך ווער צעמישט.

ר׳ שמחה:
איז אומעטום גאָטס ליכט, צי נישט?
איך פרעג דיך: איז אומעטום?

פּנחס:
איך ווייס נישט, רבי, איך בין דאָ ווי צעמישט.

ר׳ שמחה:
איך זאָג דיר, ס׳האָט אַ בלענד־געטאָן, אַ שניט.
געווען אַ פּאַס, געוואָרן קרום,
דערנאָך — אינגאַנצן אָפּגעווישט.
נאָר, גאָטעניו, איך ווייס נישט דעם באַטייט.
געוואָלט האָסטו אַ צייכן גיבן מיר דערמיט,
נאָר כ׳ווייס נישט דעם באַטייט.

פּנחס:
איך הער אַ קול, סע דאַכט זיך מיר מע שרייט.

ר׳ שמחה:
געשריי הערסטו און איך זע ליכט אַ בלענד,
ס׳איז דאָ אַ מיין, נאָר כ׳קען זיך נישט דערקלערן.
אַזויפיל פּרואוון האָסטו, גאָט, שוין אָנגעווענדט,
געפירט מיך אין דער טיפעניש פון היילן,
איך שפּיר, אַז עפּעס ווילסטו מיר דערציילן,
דו ווילסט אַ סוד פאַר מיר אַנטפּלעקן.
ס׳איז דאָ אַ מיין, נאָר כ׳קען זיך נישט דערקלערן.

פנחס:
און איך, די האַנט קען ווייטער שטרעקן.

ר' שמחה:
הייב-אויף אַביסל העכער דעם לאַמטערן.

פנחס (רעוועט אַרויס):
די אויערן צערייסט מיר דאָס געשריי.

ר' שמחה (רעדט געבראָכן, מיט צער):
ס'איז זיי.
אַן עדה ראַטעווען, פון פיינט אַנטרינען,
האָסט מיך געשיקט אַ הייל געפינען,
געפונען האָב איך, אָבער וואָס און ווען?
דער טערק האָט אויסגעהאַקט די הייל אין שטיין,
באַגראָבן מענטשן לעבעדיקערהייט,
ס'האָט קיינער דאָ קיין שיין דאָך נישט געזען,
אפילו נישט געהערט קיין רייד,
און איך —געזען אַ בלענד, ס'איז דאָ אַ מיין,
נאָר, גאָטעניו, איך קען זיך נישט דערקלערן.

פנחס (צעטומלט):
אַן עדה ראַטעווען, פון פיינט אַנטרינען,
סע שפּאַלט זיך מיר דער קאָפּ, איך גיי אַראָפּ פון זינען.

ר' שמחה:
פאַרוואָס האָט ער געשטעלט מיר אַזאַ פּרואוו אַ שווערן?
דו ווייסט דאָך, פנחס, אַז איך בין נישט ווערט,
צו-גרוים פאַר מיינע פּלייצעס דאָס אחריות.
וואָס האָב איך אויף מיין לעבן אָנגעזאַמלט?
מסכתות עטלעכע, אי דאָס געשטאַמלט,
דעם סוד זייערן קיינמאָל נישט געהערט.
און מצוות עשה'ס? אָט, אָפּגעשמייעט,
מיט דינים אָפּגעקומען ,מיט הלכה,
און ס'איז דער ייִד געווען דערנידעריקט, צעבראָכן.

א מצוה'לע, די גריים א שפילקע־קעפל,
א טובה'לע אין שטורעמדיקן ים פון נויט.
מישטיינס געזאָגט, די מעשים מיינע.
ס'איז טריף דאָס פּופּיקל און כשר איז דאָס טעפּל,
א טפח'ל ביים שכן צוגענומען מיטן פּלויט,
אריינגעפאַלן אין דער יויך א חלב'נער קנויט, —
מישטיינס געזאָגט, די מעשים מיינע.
גע'פּלפּול'ט זיך מיט אידך־גיסא און דהיינו,
מיט ווידעראַנאַנדן, פּשט'לעך, דרש,
און איצט, אז יידיש לעבן ווערט צו שטויב און אש,
דאַרף איך די עדה פירן, מיט אמונה נערן.

(צו פּנחס'ן מיט ווייטיק)

הייב־אויף אביסל העכער דעם לאָמטערן.

פּנחס (דערשראָקן):

אזוינע רייד, דער שונא, רבי, לאָקערט.

ר' שמחה (פאַרצווייפלונג אין זיין קול):

דיין האַנט האָט ער געשטרעקט, נאָר מיין געדאַנק
איז אַלץ פאַרוויקלט אין א נעפּל.
א בלענד האָב איך געזען דאָך אָקערשט,
און באַלד איז ער צערונען, גאָרנישט מיר אַנטפּלעקט.
איך שפּיר, אז דאָ דאַרף זיין דער גאַנג,
ווי ביי א טיר דאָס איינע טרעפּל.
איך דאַרף זיך עפּעס נאָר דערמאָנען,
א חלום, וואָס פון שלאָף האָט מיך געוועקט.

(זעצט זיך אויף א שטיין, פּנחס האַלט דעם לאָמטערן פון דער זייט)

וואָס זאָגסטו, הא, אַן עדה ווייקט אין טרערן?
הייב־אויף מיר פאַר די אויגן דעם לאָמטערן.
אזוי, א קריינדל שיין, צינדט און לעשט.
אמאָל איז אין א הייל אריין דער בעש"ט,

נאָר ער האָט אַלץ געזען, אייגן ליכט געהאַט,
און איך האָב קוים פאַרשטאַנען פּשט.

(פאַרמאַכט די אויגן)

כ׳וועל זיצן דאָ מיט צוגעמאַכטע אויגן
און אויב ער וויל, זאָל ער זיי עפענען פאַר מיר.

(גיט אַ ציטער)

כ׳זע ווידער ליכט, אַ פעלד מיט סטויגן,
דאָס ברויט איז צייטיק, מיט אַ גאָלדיקן קאָליר,
אַ הימל זע איך, אָנגעזעצט מיט שטערן,
אַ קול אפילו טו איך הערן.
דו האַלטסט מיר פאַר די אויגן דעם לאַמטערן?

פּנחס:

איך האַלט אים, רבי, פאַר די אויגן.

ר׳ שמחה (צעשאָקלט זיך, רעדט מיט געזאַנג):

געדענקען נאָר. איך האָב עס שוין אַמאָל געזען.

פּנחס:

ווען?

ר׳ שמחה:

איך ווייס נישט, פּנחס, נאָך איידער
כ׳האָב אָנגעהויבן גיין אין חדר,
ווען כ׳האָב געדרימלט נאָך אין מולטער,
צי גאָר דעם ערשטן פאַל-געטאָן.

פּנחס:

כ׳האָב מורא, כ׳בין ווי אַ צעדולטער.

ר׳ שמחה:

די גאַנצע עדה שטייט אין קאָן.

פּנחס:

דער רבי האָט דאָך געזאָגט צו ברענגען זיי אַהער.

ר׳ שמחה:

אהער?
דערשטיקט צו ווערן, אויסגיין דאָ פון הונגער?
נישט דאָס געמיינט, האָסט נישט פאַרשטאַנען,
אין קאָפּ האָט מיר די גאַנצע צייט געקלונגען,
געפּיקט מיר: אַן ארויסגאַנג דאָ פונדאַנען.

פּנחס:

דאָס ליכט ווערט מיט אַ הויך פאַרצויגן,
איך וויים נישט, רבי, נאָר איך שפּיר...

ר׳ שמחה (רייסט אים איבער):

כ׳וועל זיצן דאָ מיט צוגעמאַכטע אויגן,
און אויב ער וויל זאָל ער זיי עפענען פאַר מיר.

(בלייבט זיצן מיט פאַרמאַכטע אויגן. פּנחס האַלט דעם לאַמטערן איבער אים.)

פּנחס (שאָקלט זיך מיטן לאַמטערן, הייבט־אָן צו מורמלען):

מה רבו צרי, רבים קמו עלי.

ר׳ שמחה:

וואָס זאָגסטו, פּנחס? מורמלסט עפּעס אינדערשטיל.

פּנחס:

אַ פּסוק תהלים גלאַט אַזוי,
נישט דאָס אָבער וואָס איך וויל.

ר׳ שמחה (רעדט ווי פון שלאָף):

די שטיינער, דאַכט זיך, וויינען.

פּנחס:

בקראי, עננני...

ר׳ שמחה (שרייט אויס):

אַן אויסגעשטרעקטע האַנט, אַ מעסער.

פּנחס (מיט געוויין):

כי הנה הרשעים ידרכו קשת, כננו חצם על יתר.

ר׳ שמחה:

מיט אַלע, אַלע פיינען טוט ער איצט מיך ברענען.

פנחס:

עד אנה תסתיר את פניך ממני.

ר' שמחה:

דער שונא יאָגט אויף וועגן צעפלאַמטע.

פנחס:

הרשעת ארץ, פצמתה.

ר' שמחה:

און ס'וואַלגערט זיך דער מענטש אין בלאָטע.

פנחס:

רפה שבריה, כי מטה.

ר' שמחה (מיט געזאַנג־געוויין):

דער הימל איבער אונדז פאַרצויגן, כמאַרנע.

פנחס:

חרבם תבוא בלבם, וקשתותם תשברנה.

ר' שמחה:

און קיינער, חוץ דעם שונא, איז נישטאָ.

פנחס:

גם כי אלך בגיא צלמות, לא אירא רע.

ר' שמחה (עפנט די אויגן, קוקט פאַרוואונדערט):

ס'איז פנחס, איך באַקוק אים,
ער שעפּטשעט עפּעס. וואָס זאָגסטו דאָרט?

פנחס:

נאָר אַפּגעריסענע פסוקים,
וואָס כ'האָב דערמאָנט זיך אויפן אָרט.

ר' שמחה:

נאָר פסוקים? און איך האָב אָנגעהויבן זען.
דער מופת, פנחס, איז געשען.

פנחס (מיט פרייד):

כ'וועל העכער אויפהייבן מיין האַנט.

ר׳ שמחה:

איך וועל דיר איצט דערציילן
דאָס מעשה׳לע פון היילן.

פנחס:

אַ ליכט גייט־אויף מיר אין פאַרשטאַנד.

ר׳ שמחה:

אַמאָל, ווען ס׳איז געווען דאָ טערקיש לאַנד,
האָט דאָ אַ ייד פאַרוואָגלט אין דער הייל, —
דו הערסט ווי איך דערצייל?

פנחס:

איך הער: אַ ייד פאַרוואָגלט אין דער הייל.

ר׳ שמחה:

אַ קעמערל פון שטיין, אַ טיש, אַ באַנק,
ס׳איז טרוקן ברויט זיין שפּייז, וואַסער זיין געטראַנק.
אַ טאָג, אַ וואָך, — דער טערק האָט צייט,
דער ייד צו גאָט פון טיפענישן שרייט.
אויף אויסנווייניק קען ער נאָר די שמונה־עשרה
און ווייסט, אַז יידן זענען דאָ פרימערע און בעסערע,
אַז שאול איז אַנטלאָפן אין אַ הייל, —
דו הערסט וואָס איך דערצייל?

פנחס:

איך הער: אַז שאול איז אַנטלאָפן אין אַ הייל.

ר׳ שמחה:

דער ייד האָט אָבער וועלטן איינגעריסן,
גע׳טענה׳ט רק, אַז ער וויל וויסן
פאַרוואָס דאַרף ער דאָ פינצטערן די יאָרן
ביים טערק, דעם אויסגעדרייטן האָרן.
אין פינצטערניש האָט ער אַזוי גערעדט:
אויב, גאָט, דו האָסט אויף מיר אַ חטא,
איז נעם מיך כאָטש אַרויס פונדאַנעט, פון דער טומאה,
צו קבר ישראל זאָל איך אַמאָל קומען.

רייס שטיקער פלייש פון מיר, די הויט פון מיר שייל, —
דו הערסט וואָס איך דערצייל?

פנחס:

איך הער: די הויט פון מיר שייל.

ר' שמחה:

ביז גאָט האָט אים דערהערט, פאַרנומען זיין געבעט
און אים פאַרגיבן אויף אַ העלפט דעם חטא,
און אויסגעוואַקסן זענען אים די נעגל,
ווי שאַרפע העק און שפּיציק ווי אַ זעגל.
געגראָבן האָט מיט זיי דער ייד, דעם שטיין געהאַקט,
און אין דער הייל זיך אויסגעהאַקט אַ טראַקט.
ס'האָט יאָרן אים געדויערט, איז געוואָרן אַלט,
ביז ליכט האָט ער דערזען דורך אַ שפּאַלט,
געבליבן איז אים נאָר די לעצטע טייל, —
דו הערסט וואָס איך דערצייל?

פנחס:

איך הער: נאָר די לעצטע טייל.

ר' שמחה:

נאָר דאָ האָט זיך דער כוח זיינער אויסגעשעפּט,
ער האָט זיך צום אַרויסגאַנג קוים דערשלעפּט,
דער הימל האָט מיט שטערן געטאָן זיפּן,
מיט שמע־ישראל אויף די פאַרמעטענע ליפּן
האָט ער זיין חיות אויסגעהויכט.
געטאָן האָט איבער אים אַ לויכט
דער לעצטער קלאַנג, דער אַל, —
דו הערסט וואָס איך דערצייל?

פנחס:

איך הער: דער לעצטער קלאַנג, דער אַל.

ר' שמחה:

ס'שטייט איצט נאָך די מצבה: פלוני בן אלמוני,
און ס'איז געבליבן דער אַרויסגאַנג. קום.

פנחס:

אָ, גאָט, ווייזט וואונדער אונדז אַזוינע,
און דיך צו לויבן בין איך שטום.

ר' שמחה:

דעם אייבערשטן צו לויבן, לערן, —
הייב־אויף אַביסל העכער דעם לאָמטערן
און קום די עדה דאָ אַריינצופירן.

פנחס:

אַזויפיל פינצטערניש, אַזויפיל קעמערלעך מיט טירן.

ר' שמחה:

באַשערט די עדה דאָ אהער צו פירן.

בילד צוויי

די הייל איז פינצטער. אין ווייטע ווינקלען הענגען עטלעכע לאַמטערנס, וואָס וואַרפן אַרום זיך געל־רויכיקן שיין. פון דאָרטן הערן זיך מורמלע־רייען, וואָס דערקייקלען זיך צום פאָדערגרונט מיט אַן אָפּגעהאַקטן שר־ו־ר. שאָטנס־קאָנטורן פון קעמערלעך אין די שטיינערנע ווענט קוקן אויס מורא׳דיק לאַנג און גראָטעסק.

אַ געבויגענע פיגור באַווייזט זיך אויף דער שוועל פון אַ קעמערל. דער מענטש האַלט אַ לאַמטערן און צום אָנהייב זעט מען נאָר די אונטערשטע העלפט — אַ האַלבע קאַפּאָטע, אַ פּאָר אויסגעקרימטע שטיוול, צוויי עקן פון אַ גאַרטל. דערנאָך הייבט דער מענטש אויף דעם לאַמטערן און איצט זעט מען שוין נאָר די אייבערשטע העלפט — אַ צעקנייטשט פּנים, אַ צע־שויבערטע געל־גרויע באָרד, ברעמען ווי צווייגן אַריבער די אויגן.

אַלטער (וואַרפט דעם לאַמטערן, ווי ער וואָלט מיט אים געוואָלט אַרומנעמען די גאַנצע הייל):

נישטאָ. קיין לעבעדיקער נפש דאָ נישטאָ.
אין קעמערל איז ענג, אַ תּפיסה,
אַ טאָג איז ווי אַ רגע, אַ רגע איז אַ שעה,
צונויפגעקאָרטשעט זיצט מען און מע טראַכט.

מאַמע (זינגט פון אַן אַנדער קעמערל):

אין לאַנד דאָרט וואַקסן טייטלען זיסע...

אַלטער (גיט אַ שטעל אַנידער מיט כעס דעם לאַמטערן אויף דער שוועל):

אַן אָנשיקעניש אויף אונדז, נישט־דאָ־געדאַכט.
וואו האָסטו לאַנד, וואו וואַקסט דיר טייטלען?

מאַמע (פון קעמערל):

און אויפניין וועל איך דיר אַ קליידעלע מיט קווייטלעך...

אַלטער (פאַרשטעלט זיך די אויערן):

הער־אויף, דאָס אַלטע האַרץ אויף שטיק צערייסטו...

(זעצט זיך אַנידער אויף דער שוועל און שאָקלט זיך)

צו־וואָס נאָך וויגן קינדער? פאַרן טויט?
איך ווייס, מע טאָר נישט, ניסים, גאָט, באַווייזסטו,
נאָר איך בין אַלט, אַ פּוס אויף יענער זייט פון פּלויט.

מאַמע (זינגט שטילער):
אָט אַזוי, מיין עופה׳לע,
אַ געזונט דיר אין דיין שלאָפעלע,
שטיל אַ חלום׳ל וועט קומעלען
און דיך נעמען צו דער מומעלען.

אַלטער (מורמלט):
שלאָפעלע, עופה׳לע,
ס׳נעמט גאָרנישט קיין סוף׳עלע.

(בלייבט זיצן געבויגן)

מאַמע (קומט אַרויס, קוקט זיך אַרום, דערזעט דעם אַלטן):
רעב הערש, די ליפּעלעך האָט איר געדאַרפט נאָר זען,
ווי רויטע קאַרשעלעך, זיי שמעקן.

הערש (הייבט אויף דעם קאָפּ און קוקט זיך איין אין איר):
נו, מילא, מסתמא ווייסטו, צירל, וואָס דו רעדסט.
איז שמעקן זיי, נו, בכן?

צירל (קוקט אים אָן פאַרוואונדערט):
איך האָב זיי אים מיט קידוש־ווייז באַנעצט,
אַז ס׳זאָל חלילה, אים דער שלאָף נישט שרעקן.

הערש:
וואָס רעדסטו, יידענע, וואו האָסטו קידוש־וויין פאַצאַפּעט?

צירל:
קיין העמד נישט מיטגענומען, נאָר אַביסל וויין,
וואָס האָט פון לעצטן קידוש־בעכערל אַרויסגעקאַפּעט,
אַז וואַקסן זאָל ער מיר אַ ייד אַ פרומער.

הערש (כאַפּט דעם לאַמטערן, ווי צו אַנטלויפן):
פון בעכער זשליאָקעט איצט דער כאַם,
דאָס הייליקע געטראַנק איז נסך, פול מיט טומאה,

אונ זי גיסט טראָפּנס ײדישקײט אַרײַן,
דעם גורל אונדזערן, דעם סם.

צירל (בעט זיך בײַ איִם):

רעב הערש, אַ יתום איז ער, זײַן טאַטע...

הערש (שלאָגט איִר איבער):

אַ יתום... און מיר וואָס זענען?
נאָך ערגער ווי רעסטאַנטן הינטער גראַטעס.
אַ גאַנצע עדה ווערט אין גרוב פֿאַרמאָרעט
און ער אין הימל פּראָוועט אַלץ נאָך דין.

צירל (דערשראָקן):

אַז ווײ צו מיר, וואָס רעדט איר?

הערש:

שוין בעסער זיך צו לאָזן אויפֿן שײַטער ברענען.
ווי אַלט און אויסגעמאַרכעוועט איך בין,
וויל איך אַלץ נאָך זען אַביסל שײַן און הימלען קלאָרע,
אַ ווײַנשטאָק מיט צעפּלאַמטע בלעטער.

צירל (מיט תחנונים):

רעב הערש, איר ווײסט דאָך מער פֿון מיר,
אַז ס'איז אויף אונדז אַן עונש פֿון זײַן ליבן נאָמען.

הערש (דאָס קול ווערט איִם שוואַכער):

ס'איז קאַלט, ס'איז נאַס, איך פֿריר,
אַרײַנגײן וועל איך אין באַגרעבעניש צוריק.

(גײט גיך, לאָזט איבער דעם לאַמטערן)

צירל (נעמט דעם לאַמטערן און זוכט אויף דער ערד):

איך ווײס, מע זאָגט אין היילן וואַקסן שוואָמען,
געקעכץ פֿאַר איִם אַביסל... גאָט, זײַן בליק!
גע'שרפֿ'עט ווי צעברענטע קוילן...

(האַלט דעם לאַמטערן צוגעטוליעט צו זיך. פֿון אַ קעמערל קומט אַרויס אַ פֿרוי, גײט פּאַוואָליע צו צו איִר)

פֿרוי:

וואָס האָסטו, צירל, דאָרט פֿאַרהוילן?

צירל (דערשרעקט זיך):

ס'איז דו גאָר, מלכה? גאָרנישט, אַ לאַמטערן.

מלכה (שטרעקט אויס די האַנט):

אַביסל ליכט וויל איך, פאַרוואָס קומט דיר אי דאָ, אי דאָרט?

צירל (טוליעט שטאַרקער דעם לאַמטערן):

נישט מיינער. מעגסט אומיסטן הערן...

מלכה (רייסט דעם לאַמטערן):

איך וויל נישט הערן, איך וויל אַביסל ליכט.

צירל (מיט געבעט):

קענסט לעבן מיר דאָ שטיין.

מלכה:

און נאַשן, וואָס פון דיר איז אָפּגעשפּאָרט?
פאַר מיר אַליין, איך וויל פאַר מיר אַליין,
אין קעמערל דער חושך, ווי אַ חיה קריכט,
ער וואָרגט מיך, זייגט דאָס חיות פון די ביינער.

(רייסט ביי צירלען דעם לאַמטערן)

אַביסל שיין פאַר מיר, פאַר אייגן ווינקל.

צירל (וויינט):

איך בעט דיך, מלכה, הער מיך אויס, פאַרשטיי נאָר.

מלכה (שרייט):

אַ גאַנצע נאַכט האָט ליכט געפינקלט
אין קעמערל ביי דיר, כ'פאַרשטיי, כ'פאַרשטיי.

צירל (פאַרצווייפלט):

וועסט אויפוועקן דאָס קינד מיט דיין געשריי.

מלכה (שרייט העכער):

דאָס קינד, דער ממזר, דיר קומט אַלץ...
מיין שטיינערן געלעגער איז אַ קאַלטס
און דיינס דערוואַרעמט קינדער געביין.
איך וויל אַביסל ליכט פאַר מיר אַליין.

(גיט אַן אימפּעטיקן ריס)

צירל (יאָמערט):
אַז ווינד־און־ווײ איז מיר, וואָס הער איך?
פון קינדוויים אויף געלעבט אין שכנות ביידע...

מלכה (טופּעט מיט די פיס):
אביסל ליכט... נאָר דיר קומט ,און דעם אַלטן תרח?
משוגע ווער איך אין דער פינצטער.

(רייסט אויס דעם לאַמטערן ביי צירלען, ער פאַלט אַרונטער מיט אַ בריאַזג, דאָס ליכט לעשט זיך אויס)

צירל (נאָר איר קול הערט מען, פינצטערניש האָט זי פאַרשלונגען):
צעבראָכן. פינצטער. ס׳טאַנצן אַרום מיר שדים.

מלכה (מיט געוויין, וואָס גייט איבער אין כאַאָטיש געזאַנג):
כ׳האָב ליכט געוואָלט און ליכט האָב איך פאַרלאָשן,
אָ, גאָט, וואָס זון און שטערן צינדסטו,
פאַרוואָס איז טאָג־און־נאַכט מיר פינצטער?
אַ טראָפּן שיין געווען און איצט נישטאָ שוין,
צערינען, איינגעשלונגען אים די ערד,
און ווידער איז דאָס פינצטערניש געדיכט.
וואָס האָב איך דען געוואָלט, וואָס האָב איך דען באַגערט?
אַ טראָפּן ליכט, אַ טראָפּן אייגן ליכט,
כ׳האָב ליכט געוואָלט און ליכט האָב איך פאַרלאָשן...

(איר יאָמער־געזאַנג דערווייטערט זיך ביז ס׳ווערט אָפּגעהאַקט אויפן וואָרט „פאַרלאָשן")

צירל (איר קול הערט זיך איצט פון קעמערל):
אַ טראָפּן ווײַן אויף דיינע ליפּן,
געהייליקט־שבת׳דיקער ווײַן,
און אייביק וועט פאַר דיר זיך זיפּן
דעם אייבערשטנס געבענטשטע שיין,
שלאָף־איין, מיין קדיש׳ל, צוקאָפּנס
דיר שטייט אַ מלאך און דיך היט,
ער נעמט צונויף די קידוש־טראָפּנס,
אַז וואַקסן זאָלסטו מיר אַ ייד,

ער קומט צו דיר גוט־יום־טוב ביטן,
פון אלדעם בייז דיך אפצוהיטן.

פון דער טיפעניש הייבט זיך אן שניידן א שיין. קיין מענטשן זעט מען נישט, נאר דאס צעוויגטע ליכט, וואס דערנעטערט זיך צום פאדערגרונט. דער שאטן פונעם געשטאלט ווערט אלץ גרעסער, ביז סע באווייזט זיך דער מענטש. ער הייבט־אויף דעם לאמטערן און דאס פנים זיינס, מיט דער צעשפאלטענער באָרד, ווערט באלויכטן. ס'איז פנחס, דערשראקן איז ער, דער לאמטערן ציטערט אים.

פנחס (שרייט אין דער טיפקייט פון דער הייל):

רבותי, יידן, קומט אהער, א־הע־הע־הע־ר!

(דאס קול זיינס ווערט דערשטיקט אין דער טיפקייט)

רבותי, איך, פנחס, דעם רבינ'ס שמש, רוף אייך, קומט!

(קיינער, דאכט זיך, הערט אים נישט)

וואו זיינען זיי? געווארן איז די הייל פארשטומט,
איך וויים, איך טאר אזוי נישט רעדן, נאר איך קען נישט מער.

(שרייט ווידער)

רבותי, יידן, גרוים איז די סכנה,
געשטעלט האט אונדז דער בורא נאך פאר א נסיון.

(קיינער רופט זיך נישט אפ)

איך דארף נאך עפעס טאן און קען זיך נישט דערמאנען,
אין קאפ איז פינצטער און דאס הארץ טוט מלאיען,
רבותי, יידן, ברידער...

(שטעלט אוועק דעם לאמטערן, זוכט אין בוזעם־קעשענע און ציט ארויס א שופר)

ס'איז גאט מיין עדות, אז א צעבראכענער בין איך, א מידער,
און וועקן דארף איך, מונטערן און שרייען,
און איך אליין, ווי זיי, אין שלאף וויל זיך פארטאיען.

(נעמט דעם שופר צום מויל און רייסט אים באלד אוועק)

איך וויים נישט, גאטעניו, צי מעג איך בלאזן שופר,
צי וועל איך נישט דערמיט דיין הייליקייט פארשוועכן,

דו פּרואווסט מיך אויס די גאַנצע צייט אָן אויפהער,
אַ שטאַרקערן, ווי איך, וואָלט דאָס געקענט צעברעכן.
(טוט זיך אָן כּוח און בלאָזט דעם שופר)
מיט שופר רופט מען יידן, מיט תקיעה און מיט תרועה,
דער שופר וועט נישט לאָזן אונדזער עדה רוען.
(פון דער טיפעניש הייבן זיך אָן באַווייזן געשטאַלטן, וואָס וואַקסן העכער וואָס נענטער זיי קומען צו. דער ערשטער קומט צו, אַ הויכער, דאַרער ייד, ער שרייט אין חלל אַריין)

הויכער ייד:

אָן אומגליק, יידן, געבלאָזן שופר אין אַ פּראָסטן טאָג.

פּנחס (לייכט אים צו מיטן לאַמטערן):

אַז קיינער הערט נישט, ווי אויסגעשטאָרבן זענען זיי, חלילה.

הויכער ייד:

ס'איז איר, ר' פּנחס? איך ליג אַזוי, פאַר זיך אַליין איך זאָג די סדרה פון דער וואָך און מיטאַמאָל אַ תקיעה.

פּנחס:

איר האָט אים נישט געזען?

הויכער ייד:

געזען? אַז וועמען זעט מען, אַז דאָס חושך טוט פאַרהילן?

פּנחס:

די ווענט אפילו הייבן אָן צו בריען,
איך שפּיר, ווי אויבן איז אַ ברען
און ער — וואו איז ער? אויף הפקר אונדז געלאָזט.

הויכער ייד:

כ'פאַרשטיי נישט, איר דאַרפט רעדן צו מיר פּראָסט.

ר' שמחה:

איך זאָג אייך, ס'איז אַ שטראָף.

הויכער ייד:

איר זאָגט און זאָגט און ס'איז נישטאָ קיין סוף.

אַנדערע קומען צו, מענער און פרויען. טעלערכע ברענגען לאַמ-טערנס און אַרום ווערט ליכטיקער. צווישן עולם טראָגט

זיך אַ געמורמל. יידן שפּאַרן זיך צום פּאָרנט, ברומען: „וואָס
האָט מען אונדז גערופן?"

באַלעגאַלע (שטופּט זיך דורך):

וואָס טוט זיך דאָ? געבלאָזן שופר אינמיטן דרינען.

הויכער ייד (רעדט ווי ער ווייסט שוין):

ער איז נישטאָ, מע קען אים נישט געפינען.

פּנחס (ברעכט די הענט):

געווען מיט אים, כ'האָב אָנגעשפּאַרט זיך צו דער וואַנט
און איינגעדרימלט, דאַכט זיך, אויף אַ רגע,
איך כאַפּ זיך אויף, שטרעק אויס צו אים די האַנט,
דאָס אָרט איז ליידיק, מורא'דיק און פּוסט.

באַלעגאָלע (שרייט):

וואָס וויל ער, יידן, פון אונדז האָבן?

פרוי (שרייט אַריבער):

נאָך ווייניק וואָס מיר זענען לעבעדיק באַגראָבן?

עלטערער ייד:

וואָס בלאָזסטו שופר? ווייסטו וואָס דו טוסט?

פּנחס (מיט געוויין):

כ'האָב איינגעדרימלט, יידן, אויף אַ רגע
און נישט געוואוסט, אַז ער וועט גאָר אַוועקגיין.

עלטערער ייד:

דיבורים, פּנחס, רעד נישט מיט רמזים.

באַלעגאָלע (אין כעס):

מע דאַרף אים דורס זיין דערפאַר.

(וויל זיך וואַרפן אויף פּנחס'ן)

הויכער ייד (שטעלט זיך איין פאַר פּנחס'ן):

האַלט איין די פערדלעך דיינע, באַלעגאָלע.

פרוי (קוויטשעט):

סע קומט אים, לאָז אים.

פּנחס (הייבט אויף זיין קול העכער מיט געוויין):

אַן אומגליק, זאָג איך אייך, אַ גזרה.

באַלעגאָלע:

אַז קומען זאָל אויף אים אַ באַלע.

דער עולם שרייט, סע הערן זיך געוויינען, פּנחס שטייט מיט פאַר־בראָכענע הענט. פון דער זייט, וואו ס'איז דער אַריינגאַנג אין דער הייל, קומט אַרונטער אַ יונגערמאַן. ער וואַקלט זיך און, אַז ער קומט צו צום עולם, פאַלט ער אַנידער. דער עולם ווערט מיטאַמאָל אַנשוויגן, אַלע קוקן מיט שרעק אויפן יונגנמאַן, וואָס ליגט ביי פּנחס'עס פיס. ער איז האַלב נאַקעט, דאָס לייב איז אים צעבלוטיקט.

פּנחס (בייגט זיך אָן צו אים):

ווער איז ער און פונוואַנען?

הויכער ייד (קוקט אַריין דעם יונגנמאַן אין פּנים):

איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען.

פּנחס:

וואָס שטייט איר, יידן? פאַר'חלש'ט איז ער.

פרוי:

זיי האָבן אים צע'ממית'ט, ווי איז מיר, צע'דמ'ט.

הויכער ייד:

מע דאַרף מיט פרעמדע דאָ זיין נזהר,
ווער ווייסט ווער ס'האָט אים דאָ געשיקט?

פּנחס (אין כעס):

וואָס רעדט איר, ייד? דאָס גאַנצע לייב זיינס פלאַמט,
ווי ר' עקיבא'ן אים דאָס פלייש געפליקט.

הויכער ייד:

אַן אָנשטעל קען עס זיין, ווער קאָן אים?

רויטער ייד (רייסט זיך אַרויס פונפאָרנט):

אומיסטן האָבן אים געשיקט די שונאים.

פּנחס (שטייט אַ צעמישטער, רעדט ווי צו אייגעם וואָס ער זעט אים נישט):

ר' שמחה, וואו זענט איר איצט? געלאָזט אַליין אין שעה
פון פרואוו,
מיט ציטער פול דאָס האַרץ, אָפּגעשוואַכט דער גוף,
און דאָ אַזאַ נסיון.

רויטער ייד (שרייט צום עולם):

מיר זענען אין סכנה, יידן, דער שונא האָט אונדז אויסגעפונען.

הויכער ייד:

דאָס זאָג איך דאָך, ווער קען אַ פרעמדן דאָ געטרויען?

פרוי (היסטעריש):

נאָך ווייניק אונדזער בלוט גערונען?

פאַרפאָרפלען אים, פאַרשיטן אין דער ערד...

(פון אַלע זייטן הערן זיך געשרייען: „פאַרפאָרפלען אים, פאַר־פאָרפלען")

פנחס (ווען דער עולם לאָזט זיך צום יונגנמאַן, שטעלט ער זיך אַנידער מיט אויפגעהויבענע הענט, ווי ער וואָלט תפילה געטאָן):

פון רוצחים האָט ר' שמחה אייך געראַטעוועט

און רוצחים ווערט איר גאָר אַליין.

איר זעט דאָך, קעגן שונא האָט ער זיך געווערט,

דאָס לייב איז אים צעשניטן און צעקאַטעוועט.

באַלעגאָלע:

און איך מיין...

פנחס (שרייט אויס מיט פרייד):

די אויגן עפנט ער, אַ נס געשעט.

רויטער ייד:

וואָס הערט איר וואָס ער רעדט?

אַ סכנה אויף אונדז לויערט, און ער זעט ניסים.

(דער עולם ברומט צאָרנדיק, אָבער אַ באַהאַלטענער כוח האַלט אים צוריק)

פנחס (אָנגעבויגן איבערן יונגנמאַן):

ער קוקט און עפּעס גיט אַ רים אים,

אַ טראָפּן וואַסער כאַטש אין זיין פאַרבלוטיקט מויל,

אַ טראָפּן וואַסער, יידן, דערהאַלטן אים דאָס חיות.

צירל (שטופּט זיך דורך, האַלט אַ קאַראַפין אין דער האַנט):

נאָר טראָפּנס עטלעכע געבליבן פונעם קידוש־ווין...

פנחס (קוקט זי אָן פאַרוואונדערט):

נאָר איינע פונעם גאַנצן קנויל.

ווער ביסטו, אשה? דאַכט זיך דאָ א נייע.

צירל:

אביסל ווייַן געגומען, ס'קינד מיינס זאָל אַ יידישס זיין,

נאָר ראַטעווען אַ מענטשן... אַ לעק געבליבן...

פנחס (גיסט אַריין עטלעכע טראָפּנס אין יונגערמאַנס פאַרטריקנטן מויל. דער עולם האָט אויפגעהערט צו ברומען און קוקט, ווי די טראָפּנס טריפּן און אין קאַראַפין איז נאָך אַלץ דאָ וויין):

דער אייבערשטער וועט דיך נאָך שטאַרקן, פרעמדער,

ער וועט דיר נייעם כוח גיבן,

דעם לעצטן טראָפּן נעם דיר...

(זעט, אַז דער וויין אין פלעשל איז נישט געמינערט געוואָרן אויף אַ טראָפּן, בלייבט שטיין פאַרגליווערט. אַלע קוקן דער־שראָקן)

יונגערמאַן (זעצט זיך אויף, רעדט מיט אַ שוואַך קול):

אַ דאַנק דעם בורא, צווישן אייגענע געבראַכט.

פנחס (מיט אַ ציטערדיק קול):

ווער ביסטו? כ'מיין, ווער זענט איר?

יונגערמאַן (דאָס קול איז אים איצט שטאַרקער):

אַ ייד, פון דאָרטן קום איך, נישט פאַר אייך געדאַכט,

דער גאַנצער ישוב איז שוין אַ פאַרברענטער.

רויטער ייד (ציטערט פון שרעק):

דאָס פלעשל, קיין טראָפּן נישט געמינערט.

הויכער ייד:

געגאָסן און געגאָסן און... וואָס טוט זיך, יידן?

פנחס (רעדט צו זיך אַליין):

אַ, גאָט, געווען ערשט בין איך אַ פאַרלירער

און איצטער בין איך אַ געפינער.

געפונען, אַ צעשלאָגענעם, אַ מידן,

נאָר ליכט פון זיינע וואונדן שפּיר איך.

(דער אויפגערודערטער עולם שושקעט זיך, מ'האָט מורא אַרויס־
צורעדן אַ הויך וואָרט. פּנחס איז איבערגעבויגן איבערן
יונגנמאַן)

צירל (נעמט דעם קאַראַפין, קוקט זיך איין אין אים און שרייט אויס):
ס'איז צוגעקומען נאָך, דער ווין האָט זיך געמערט,
איר זעט, איך וועל אייך ווייזן, געוועזן דאָ ביזן קאַרב,
וואָס שווייגט איר, יידן? איר זעט, איר הערט?
נאָר ביזן קאַרב, און איצט... כ'האָב מורא, איך שטאַרב.

יונגערמאַן (שטעלט זיך פּלוצלונג אויף):
דעם לעצטן טראָפּן האָט דער טויט שוין אויסגעטרונקען
און איצטער קוואַלט דאָס לעבן פונדאַסניי.

פּנחס (קוקט אויף אים אַ געפּלעפּטער, קוים וואָס ער רעדט):
דאָס גאַנצע לייב אין בלוט איז איינגעטונקען
און לעבן שפּראָצט פון אים... יונגערמאַן, פּאַרציי,
ווער ביסטו? קיינמאָל נישט געזען דיך דאָרטן אויבן.

יונגערמאַן (רעדט פּשוט, דאָס קול קרעפּטיק):
אַריינגעפאַלן פונעם וועג, פאַרנאַכט געוועזן, שוין פינצטער,
געזען — פאַרלאָשן אַלע שויבן,
נישטאָ קיין שטוב דעם קאָפּ אָוועקצולייגן...

פּנחס (שלאָגט איבער):
וואָס זאָגסטו, האַ? פון וועג? פונוויט?

יונגערמאַן (דערציילט ווייטער):
איז זאָג איך: גאָט, די שטערן אין די הימלען צינדסטו
און שויבן יידישע פאַרלעשסטו, וואו איז רעכט?
דערווייל קומט־אָן אַ מחנה הונגעריקע פייגל
און דרייט זיך איבער מיר, און פּאַטשט און שרייט,
גאָט'ס האַלב־לבנה שפּיציק איז און שטעכט,
פון מערב קום איך, צו דעם מזרח גיי איך
און כ'שפּיר אַרום פון טויט דעם פוילן ריח,
נאָר כ'ווייס, אַז לעבן האָט זיך דאָ פאַרהוילן...

פנחס:

דו ווייסט, פונוואַנעט ווייסטו?

יונגערמאַן:

געזען דאָס לעבן אין די וואַלקן־קנוילן,

אין פייגלשען געשריי געהערט דאָס טרייסטן.

פנחס:

נאָר ס׳לייב דיינס, צעפּאַסעוועט מיט וואונדן.

יונגערמאַן:

צעפּאַסעוועט, ווי שטייט אין שיר השירים —

(מיט געזאַנג)

געפונען האָבן מיך די וועכטער פון דער נאַכט

און בייז פון מיר געלאַכט.

פנחס:

און קיינער האָט דיר נאָך די וואונדן נישט פאַרבונדן,

אָ, גאָט, באַהיט אים און באַשירעם.

צירל (רייסט זיך צו):

וואָס שטייט איר טאַקע? ס׳בלוט זיינס רינט...

רויטער ייד (קווענקלט זיך):

איך וויים, אַביסל וואַסער האָב איך אָפּגעשפּאָרט...

צירל:

און איך האָב וויקעלעך, דעם קינדס...

הויכער ייד:

פאַרוואַלגערט זיך ביי מיר אַ קוואָרט...

(צווישן עולם אַ געמורמל: „אַרומוואַשן אים די וואונדן, פאַרבינדן")

פנחס (רעדמאַנט זיך פּלוצלינג):

און וואו איז ער? ר׳ שמחה אונדזערער וואו איז?

יונגערמאַן (ווי ער וואָלט געהאַלטן אינמיטן דערציילן):

מיט נאַסע ריטער האָבן זיי מיין לייב געבייטשט,

נאָר ס׳האָט אַ האַנט געגעבן מיך אַ ריס

און דאָ געבראַכט, צו יידן אין דער הייל.

פנחס (פארלוירן):

ר' שמחה, איר האט מיר דעם מיין פארטייטשט
און איצטער ווייס איך ווידער נישט דעם מיין,
געלאזט מיך דא מיט זיי, מיט אים, אליין.

רויטער ייד (קומט צולויפן מיט א קאן):

אט האב איך, וואסער, זאל דאס זיין מיין טייל.

הויכער ייד (ברענגט א קופערנע קווארט):

פון ריינעם קופער, אן א שטשערבל.

צירל (ווייזט די וויקעלעך):

זאל זיין אים צו רפואה, נייע זאנע,
באצאלט פאר איר א קערבל.

פנחס (שעפט אן מיט דער קווארט וואסער פון דער קאן, גיסט אויפן יונגנמאנס לייב און וואשט אים):

באוויליקט זאל דיר זיין, די הייליקע מתנה...

צירל (מיט שרעק):

פאוואליע, איר'ט אים נאך ווייטאן.

רויטער ייד (וויל צונעמען ביי פנחס'ן די קווארט):

פארוואס נאר איר? לאזט א צווייטן...

הויכער ייד:

א מצוה וויל איך אויך פארדינען...

צירל (מיט מאמעשער גוטסקייט):

וואסווארפט איר זיך אויף אים ווי בינען?
אזוי, ר' פנחס, וואשט אביסל העכער, ביי דעם נאקן,
דאס בלוט איז דארט פארטריקנט.

פנחס (וואשט די וואונדן און רעדט צו זיך):

איך ווייס נישט, גאט, צי בין איך דא א מתקן,
צי אפשר דארף איך גאר אליין א תיקון...

(נעמט ביי צירלען די זאנע און וויקלט ארום מיט איר דעם יונגנמאנס לייב)

רויטער ייד (קוקט אריין אין דער קאן און שרייט אויס מיט פחד):

די קאן איז פול...

פנחס (קוקט אויף אריין):

רבונא דעלמא כולא, איך ווער דול...

(צווישן עולם הערן זיך געשרייען, געוויינען, געזאנגען)

ר׳ שמחה, וואס האט איר אונדז פארלאזט!

געבליבן זענען מיר כצאן בלא רועה.

באלעגאלע (טרעט ארויס פונפארנט):

א באלעגאלע בין איך, איך בין פראסט,

נאר ס׳טוט דאס הארץ מיר עפעס נאיען...

הויכער ייד:

איך זאג אייך, יידן, אז ס׳איז נישט פשוט.

רויטער ייד:

הלואי זאל עס נאר אויסגיין דא צום גוטן.

(פון עולם טראגן זיך געשרייען):

וואס טוט׳ן? וואס טוט׳ן?

באלעגאלע:

ס׳איז אקוראט ווי א פערד האט זיך ספּאלאשעט...

יונגערמאן (הייבט אויף דאס קול דינס):

מע דארף דאווענען, הגיע זמן של שחרית.

פנחס (מיט ציטער):

איך קוק אויף אים, ווי וואך ער איז,

ווי פול מיט הייליקייט, מיט רו...

יונגערמאן (מיט א פריידיק קול):

ברוך שאמר והיה העולם, ברוך הוא.

אלע דאווענען. אינמיטן רוקט זיך אריין א פויער און שטעלט זיך דאווענען מיט אלע. קיינער קוקט זיך אויף אים נישט אום.

ראה בענינו, וריבה ריבנו, וגאלנו מהרה למען שמך...

פנחס (קוקט אויפן פויער און קוועטשט מיט די פּלייצעס):

רופא חולי עמו ישראל...

פויער (צעזינגט זיך אויף יידיש):

רבונו-של-עולם, דיין פאָלק דאַרפסטו היילן,
אַז ס'זאָל דיינע וואונדער קענען דערציילן,
דערווייטערן אונדז פון אַלעם בייזן
און פונעם גלות אונדז דערלייזן.

(אַלע בלייבן שטיל, געפּלעפט, קוקן אויפן פויער פאַרוואונדערט)

פויער (זינגט ווייטער):

די עדה דיינע, בורא, איז אַ ריינע,
תקע בשופר גדול לחרותינו.
קיין לוי-יצחק בין איך נישט, קיין פנחס'ל פון קאָרעץ,
נאָר כ'בעט דיך: וקבצנו מארבע כנפות האָרץ.

פנחס (שרייט אויס מיט שרעק):

ר' שמחה, אין פויערישע קליידער.

ר' שמחה (הערט נישט):

און שטראָפן שטראָפסטו אונדז כסדר,
גענומען האָסטו שוין ביי אונדז אי מעשר, אי תרומה,
און ווער סע זינדיקט, דאַרפן מיר אָפּקומען.

פנחס (שרייט צום עולם):

ר' שמחה, פאַרשטעלט זיך פאַר אַ פויער.

ר' שמחה:

ווי ס'שטייט געשריבן אין הייליקן זוהר.

(דערזעט דעם עולם)

געלויבט השם-יתברך, צו שחרית קריכגעקומען.

פנחס:

ר' שמחה, די הלבשה, ווי אַ גוי רחמנא לצלן.

ר' שמחה:

וואָסי, דער בעש"ט האָט יאָ געמעגט?

פנחס:

כ'האָב נאָר געפרעגט.

ר׳ שמחה:

געפירט אַ פערד־און־וואָגן אין געשפּאַן,

געגאַנגען זען וואָס ס׳טוט זיך אויבן.

פּנחס:

דאָס לעבן איינגעשטעלט, געגאַנגען גלייך אין פייער.

ר׳ שמחה:

אַז איינגעשטעלט, איז וואָס? שטות.

יונגערמאַן (מיט יראת הכבוד):

איר ברענגט אונדז, רבי, כאָטש אַ גוטן גרוס?

ר׳ שמחה:

געגאַנגען איבער גאַס, אויף פעלד און שייער,

דער שונא טוט אַלץ מאָרדן, רויבן,

דאָס גאַנצע לעבן וועט ער נאָך צעשטויבן, —

ס׳איז חורבן אויבן.

מאַמע:

דאָס קינד מיינס הערט נישט אויף צו וויינען,

איילי־ליו־ליו, אַהאַ, אַ...

ר׳ שמחה:

די שול פאַרברענט, כ׳האָב קוים פון אַש

געראַטעוועט צעריסענע יריעות.

(נעמט אַרויס פון אונטער דער סערמענגע צעריסענע שטיקער פאַרמעט)

איר זעט, בראשית ברא (וויינט) ווער קען ווייטער לייענען?

זקנה (ווי זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף):

וואָס טוט זיך דאָ? וואָס איז דאָ אַזאַ רעש?

מאַמע:

ביים קינד פאַרמאַכן זיך די וויעס.

פּנחס (צום עולם):

דער רבי וויינט, דער בראָך איז גרויס.

צו קבורה ברענגען דאַרף מען זיי.

דער עולם קוקט אויף די צעריסענע פאַרמעטן, קרעכצן הערן זיך, געוויינען.

יונגערמאַן (נעמט די שטיקלעך פּאַרמעט):

צו קבורה ברענגען דאַרף מען זיי.

(קושט פרום דעם פּאַרמעט)

באַלעגאָלע:

איר דאַרפט דאָך פאַרשטיין, אַז היות
דער רבי וויינט, איז אָך־און־ווי,
און מיר דרייט אויך אין גאָרגל זיך אַ שטריק.

(צעכליפּעט זיך)

פנחס:

הייבט־אויף דאָס קול און קלאָגט.

(צווישן עולם ווערט אַ געיאָמער, יידן פּאַלן־צו מיט די ליפּן צום פּאַרמעט.)

ר' שמחה (גיט אַ מאַך מיט דער האַנט):

געגוג געוויינט. וואָס האָט דער יונגערמאַן געזאָגט?
דער ערד זיי אָפּגיבן צוריק?
גערעכט, נעמט גראָבאייזנס און גראָבט.

(די עדה צעלויפט זיך, ברענגט גראָבאייזנס, העק, נעמט זיך גראָבן די ערד.)

באַלעגאָלע (צום יונגנמאַן):

לאָז מיך, דיינער גראָבט נישט, נאָר ער שאָבט.

יונגערמאַן:

מיר וועלן גראָבן, איך און איר.

באַלעגאָלע:

דו זעסט, איך טו די הענט נאָר אַ צעפיר.

(די עדה גראָבט, די בערגלעך ערד וואַקסן, ר' שמחה שטייט אָנגעשפּאַרט ביי דער וואַנט.)

מאַמע (הייבט־אויף דאָס קינד אין דער הייך):

די אויגן דיינע עפן, עופה׳לע דו מיין,
און זע, ווי ס׳גראָבן מענערישע הענט,
דאָס לייגט מען אונדזער הייליקייט אַריין,
דאָס הייליקייט, וואָס ס׳האָט דער פיינט געשענדט.

זקן (שטעלט זיך אויף, דער קאָפּ ציטערט אים):

אַז גראָבן קען איך נישט, וועל איך כאָטש קדיש זאָגן.

ר' שמחה (לייגט אַריין די יריעות):

כ'האָב געפירט אייך אויף אַ פערד־און־וואָגן,
פון טומאה האָב איך אייך אַרויסגעצויגן,
איצט וועט איר רוען אין דער וואַרעמקייט פון ערד,
ווי ס'איז די קדושים אונדזערע באַשערט.

מאַמע (שרייט אויס מיט פרייד):

געעפנט האָט מיין עופה'לע די אויגן.

זקן (שטייט אויף וואַקלדיקע פיס, דאָס קול ברעכט זיך אים):

יתגדל ויתקדש שמיה רבא...

די עדה הייבט־אָן צו פאַרשיטן דעם גרוב, אַ בערגל ערד וואַקסט אויס. דערנאָך צעגייט זיך דער עולם איבער די הייל־ווינקלען, ביים קבר בלייבן נאָר ר' שמחה און פנחס.

ר' שמחה (נעמט אַ שטיקל ערד פונעם קבר און דריבלט עס):

ס'איז ערד, דאָס צווייטע פונעם אייבערשטנס באַשאַף,
דעם הימל פריער און דערנאָך די ערד.

פנחס:

איר גייט נאָך, רבי, אַנגעטאָן אין דער סערמענגע.

ר' שמחה (לייגט־צו אַ שטיקל ערד צום שטערן):

געגעבן אונדז די ערד, דעם הימל אונדז פאַרווערט,
כ'האָב ליב די ערד, נאָר ס'הארץ מיינס ווערט מיר שלאַף,
ווען כ'זע דעם הימל אַזאַ ווייטן הענגען.

פנחס:

השמים שמים לאַדוישעם.

ר' שמחה:

דאָס זאָג איך דאָך, די מחיצה וואָס ער האָט געשטעלט.
דו זעסט, דאָס שטיקל ערד וואָס איך נעם,
איז מיינס, איז דיינס, צו בויען פאַרן לעבן אַ געצעלט
און ווידער — פאַר דער רו לעולמי עד.

פּנחס (מיט שרעק):

איך ווייס נישט, רבי, איר האָט קיינמאָל נישט געהאַט
אַזעלכע געדאַנקען, ס׳ווערט מיר פריקרע.

ר׳ שמחה:

דו מיין נישט, ס׳איז אַזוי זיך, על־פּי מקרה.
איך האָב געזען וואָס אויבן טוט זיך, ערד פאַרוויסט,
די שטוב, וואָס ס׳האָט דער מענטש געבויט,
איז פול אַצינד מיט טויט.
דאָס פייער פונעם חורבן צו דעם הימל שיסט,
נאָר אויבן אין דער הימל לויטער.

פּנחס:

אַזוי האָט גאָט געוואָלט, געווען זיין רצון.

ר׳ שמחה:

איך ווייס עס דען נישט, שוטה?
נאָר כ׳פרעג: פאַרוואָס האָט ער אַזוי געוואָלט?
איך ווייס אפילו, אַז ס׳וועט ווידער שפּראָצן
פון דער פאַרוויסטער ערד, און זאַנגען־גאָלד
אויף פעלדער וועלן זיך צעוויגן.
נאָר כ׳פרעג: האָט ער אַזוי געוואָלט?
פאַרוויסטן פריער, צוריק דערנאָך צו בויען,
סע מוז אין דעם אַ מיין דאָך ליגן.

פּנחס:

זאָל איך אייך לערנען, רבי? סע דרייט זיך נאָך דאָס ראָד
פון סדום, עמורה, בבל, אברהמ׳ס ערשטן נסיון.

ר׳ שמחה:

איז, הייסט עס, אַז סע פּרואווט אונדז אַלץ נאָך אויס גאָט?
(צעזינגט זיך)
נאָר איך, שמחה בן חיה־שרה, זאָג: גענוג.

מיט ביטערקייט איז פול דער קרוג,
דאָס אומגליק איז אַרוים פון אַלע ברעגן,
כ׳בין מיד אפילו שוין צו פרעגן.
אַביסל רו — צו קענען, גאָט, דיך לויבן,
צו קוקן אינעם ליכט פון דיינע שויבן,
בלב ונפש זיך מיט דיר פאַרבינדן.

פּנחס (פאַרמאַכט די אויגן, פאַרשטאָפּט זיך די אויערן):
אַז ווויי צו מיינע אויערן, וואָס זיי הערן .

ר׳ שמחה (פאַלט־צו מיטן פּנים צו דער ווייכער ערד פונעם קבר):
וועסט אויפדערנאָכט היינט, בורא, ווידער צינדן
אין הימל דיינעם די מיליאָנען שטערן,
און איך גראָב־איין מיין פּנים אין דער ערד,
צו קומען נעענטער צו דיר, צו דיין באַשאַף.
מסתמא בין איך ביי דיר מער נישט ווערט,
אַ לעבן האָב איך אָפּגעלעבט אויף טראַף,
דיין פירונג האָב איך קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען.
דער וואַסערטרעגער טראָגט די פולע קאַנען,
דער מילנער טראָגט די פולע זעק מיט מעל,
און איך וואָס טראָג? אַ ליידיקן געשטעל.
נאָר דו האָסט מיר אַ שליחות איצט פאַרטרויט,
פאַרפאַלן, מוזסט מיך שטאַרקן.

פּנחס (ווי ער וואָלט אויפגערופן צו דער תורה):
ר׳ שמחה בר׳ עזריה, יעמוד...

ר׳ שמחה (הערט דעם רוף, שטעלט זיך אויף, נאָר גראָבט איין די פיס אין דער ערד):
איך זע, צעוואָרפסט פאַר מיר דעם פאַרקן,
אַ וועג אַ ברייטן עפנסטו פאַר מיר,
נאָר כ׳גיב זיך נישט קיין ריר,
ביז ס׳וועט די גאַנצע עדה אויך נישט גיין.

פונעם קבר גראָבט זיך אַרויס אַ שטיק פּאַרמעט און בלייבט אויסגעשטרעקט אין דער הייך.

ר׳ שמחה:

דער פּאַרמעט דיינער מיט דיין וואָרט איז ריין
און אומריינקייט האָט אים פאַרשוועכט,
איך פרעג דיך, גאָטעניו, ביסטו גערעכט?

נאָך שטיקער פּאַרמעט גראָבן זיך אויס, סע ווערט פון זיי אַ ריי. ר׳ שמחה שטייט פאַרטייעט, פּנחס האַלט אַ פּאַר־גליווערטער צוגעמאַכט די אויגן. די פּאַרמעטן רירן זיך און ס׳טראָגט זיך פון צווישן זיי אַ געזאַנג:

דאָס געזאַנג פון פּאַרמעט

פּאַרוואָס האָט אונדז די האַנט צעפּליקט,
די גראָבע האַנט, וואָס רויבט און טייט?
דערפאַר וואָס גאָט האָט אונדז געשיקט
אַריינצוקריצן זיינע רייד,
דעם אָנזאָג: רויב ניט, מאָרד ניט, נאַר ניט, —
דערפאַר צערייסט די האַנט דעם פּאַרמעט.

געוואָרעמט האָט אונדז מיט זיין הויט
דער שטילער הערש, דער רך כצבי,
ביז גאָט האָט אונדז זיין וואָרט פאַרטרויט,
און ווייסט איר וואָס, און ווייסט איר ווי?
מיט אָנזאָג: רויב ניט, מאָרד ניט, נאַר ניט, —
דערפאַר צערייסט די האַנט דעם פּאַרמעט.

בראשית ברא, — אות נאָך אות
דער סופר אונדז אין ריינקייט טינקט,
און ווייסט איר ווי, און ווייסט איר וואָס
פון אונדזער איינוויקל סע זינגט?

דער אָנזאָג: רויב ניט, מאָרד ניט, נאַר ניט, —
דערפאַר צערייסט די האַנט דעם פאַרמעט.

אין מדבר האָט דאָס וואָרט געברענט,
ביים סיני האָט עס אופגעשיינט,
גענומען האָט עס אויף די הענט
דער ייד — צו טראָגן עס ביז היינט,
דעם אָנזאָג: רויב ניט, מאָרד ניט, נאַר ניט, —
דערפאַר צערייסט די האַנט דעם פאַרמעט.

די אותיות אין זייער פלי
פאַרזאַמלען זיך ביים באַרג צוריק,
און ווייסט איר וואָס, און ווייסט איר ווי
סע גיט זיי גאָט צוריק אַ שיק?
מיט אָנזאָג: רויב ניט, מאָרד ניט, נאַר ניט, —
נאַר ווידער רייסט די האַנט דעם פאַרמעט.

און ווידער נעמט דער ייד דאָס וואָרט
און ווידער מיט זיין בלוט ער קריצט,
ביז אויפהערן וועט רויב און מאָרד
ביז שעפּעלע וועט זיין געשיצט,
ביז מקוים ווערן: האָב קיין האַר ניט,
וועט פליקן גראָבע האַנט דעם פאַרמעט.

דאָס געזאַנג הערט אויף, די פאַרמעטן ווערן צוריק פאַרדעקט מיט ערד.

ר' שמחה (ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, הייבט־אָן טרייסלען פנחס'ן):

וואָס שטייסטו, פנחס? ס'איז שוין שפּעט.

פּנחס (גיט זיך אַ וואָרף):

איר האָט עפּעס גערעדט?

ר' שמחה:

איך זאָג: ס'איז שפּעט, די עדה נעם צונויף,
מיר גייען ווייטער, צום אַרויסגאַנג פון דער הייל.

פּנחס (קומט ערשט איצטער צו זיך, הייבט־אָן צו פאַרשטיין):

ר' שמחה, אוי, איך לויף.

פּנחס ווערט פאַרשוואונדן, ס'הערט זיך זיין קול: „שטייט אויף,
יידן, מיר גייען ווייטער".

ר' שמחה (מיט געזאַנג):

השמים מספרים כבוד אל.

בילד דריי

ה י י נ ו כ ח ו ל מ י ם

ביים אַרויסגאַנג פון דער הייל. אַ ווייטע שטרעקע, — ווייַנגערטנער, מאַנדלגערטענער, תבואה־פעלדער. פונווייטנס הערט זיך אַ געזאַנג:

ווי אין אַ חלום זענען מיר געווען,
ווען גאָט האָט אונדז אין לאַנד צוריקגעקערט,
דעם הימלס אויסשפרייט איבער זיך געזען,
געטראָטן אויף דער היימישער דער ערד,
דער מאַנדלשטאָק האָט זיך מיט שניי צעבליט,
דער ווייַנשטאָק האָט זיך אָנגעפילט מיט זאָפט, —
ווער קומט צוריק? דער אויסגעפּראוווטער ייד.
דער בורא, וואָס מאַכט חרוב און באַשאַפט,
האָט פונעם ווינט־געראויש צו אונדז גערעדט,
די טרייסט זייַנע פאַרנעמט, דער נס געשעט,
ס'איז חלום אונדזערער געוואָרן וואָר,
קומט, פעלקער פון דער וועלט, און זעט ווי קלאָר
ס'האָט גאָט דעם הימל איבער אונדז פאַרשפּרייט,
ווי זון איז וואָרט און שטערן זענען רייד,
ווי ס'פליצט גערעכטיקייט פון אַלטן קוואַל,
ווי כלל איז מיטן איינעם און איינער מיטן כלל, —
קומט, פעלקער פון דער וועלט, מיט דאָרשט אויף אייער צונג,
ס'איז אָנגעגרייט ביי אונדז אַ לויטערער דער טרונק.

פון דער הייל קומט אַרויס דער יונגער, בלייבט שטיין מיטן וואונדיקן לייב און קוקט אין דער ווייטקייט. ער בייגט זיך אָן, נעמט אַ צווייגל אין דער האַנט, בייגט עס, גלייכט עס אויס, קושט עס.

יונגער:

איך הער געזאַנג און קיינער איז נישטאָ דאָ,
נאָך אַלע אין דער הייל, דעם חושך טאַפּן,
ס'איז, דאַכט זיך, דאָ אַזאַ אַגדה,
אַז ס'וועט די ערד געזאַנג אין זיך איינזאַפּן,

גענזאנג, וואָס וועט ערשט קומען מיט גאולה,
און זינגען פריער דאָס געזאַנג פון כלל.
די פינצטערניש אין הייל איז נאָך אַ פולע,
נאָר ס'רייסט זיך דורך שוין אַ פּאַסיקל, אַ שטראַל,
דער הויך פון דרויסן אָטעמט שוין אויף זיי,
און איך, — ביים אַפּשייד צווישן בײדע שטיי,
מיט האַרץ צעריסענעם, מיט גלויבן און מיט אימה,
פון הינטן הייל, פונפאַרנט ליכט און פעלד, אוןביימער,
פאַר זיי האָט די השגחה אויסלייז צוגעגרייט,
נאָר וואָס איז אויסלייז? גאָט, איך ווער צעריסן,
געפייניקט האָט מיך זייער טרויער און איצט, ווי קען איך וויסן,
צי וועט נישט פייניקן דער איבערגאַנג צו פרייד?

(מעסט די שטרעקע מיטן קוק, הייבט אויף אַ שניידמעסער פון דער ערד)

דאָס שניידמעסער האָט שוין אַמאָל געשניטן תבואה,
דער מענטש האָט שוין געאַקערט און געזייט,
אין שאָטן פונעם פייגנבוים געטאָן שוין רוען,
הייבט איצט זיך אָן צו קייטלען פונדאָסניי די קייט?
איך בעט דיך, זיי מיר מוחל, גאָט, פאַר מיינע רייד,
נאָר אויב ס'איז ווידער אָנהייב, ווייס איך נישט צו וואָס.
אויב ווידער וועט פון הויכקייט גיין צו נידער,
פאַרשטיי איך נישט צו וואָס דער ווידער?
איז אפשר שוין גענוג, געהאַט די פולע מאָס.
אָ, גאָט, איך ווער צעריסן, ספק און אמונה...

פון דער הייל רייסט זיך אַרויס אַ געשריי, ביים אַרויסגאַנג שטייט ר' שמחה.

ר' שמחה (קוקט פאַרוואונדערט און רעדט מיט געזאַנג):

ביסט דאָ? נאָך איידער איך, האָסטו געפונען.

יונגער (בייגט אָן דעם קאָפּ):

פאַרבלאָנדזשעט... כ'האָב געוואָלט באַלד
אייך אָנזאָגן די בשורה, נאָר...

ר' שמחה (שלאָגט אים איבער).

כ׳האָב אויך געבלאָנדזשעט, געשפּירט ווי ס׳שטראַלט,
נאָר דיר די זכיה איז געווען באַשערט.

יונגער (מיט שולדיקייט):

איר ווייסט דאָך, אַז ס׳איז יונג מיין דור,
ער גייט און טראַכט נישט וואָס סע ווערט,
אַמאָל צום טויט און אַמאָל דערגייט ער,
ווי איך אַצינד, צום אָנהייב פון דער לייטער.

ר׳ שמחה (קוקט אים אָן שאַרף):

איך ווייס, איך ווייס... נאָר איצט וואָס זאָגסטו?

יונגער:

נישט איך, נאָר איר, געפּירט האָט איר...

ר׳ שמחה (נעמט אָן זיין האַנט און ווייזט אין דער ווייטקייט):

איך ווייס, איך האָב געפירט, נאָר אויף דיין אַקסל טראָגסטו
דאָס ליכט, דאָס ערשטע אין באַריר.
ווער ס׳בלאָנדזשעט און דערבלאָנדזשעט, דער איז זוכה...

יונגער:

צו פירן, — די מדרגה איז אַ הויכע.

ר׳ שמחה:

געפירט, געשפּירט און נישט דערפירט.
(כאַפּט זיך מיטאַמאָל)
פאַרגעסן אָפּצוגעבן דעם אייבערשטן אַ שבח.
(צעזינגט זיך)
האָסט אויסגעשפּרייט אויף אונדז דיין בלויען דאַך,
אַז וויפל, גאָט, איך זאָל דיך נישט באַגערן,
טוט אַלץ דאָס האַרץ מיינס נאָך דיר לעכצן,
אין פינצטערניש האָב איך געזען די זון דיינע, די שטערן,
געוואוסט, אַז וועסט אונדז נישט קיין שלעכטס טאָן,
און איצטער, אַז דו האָסט אונדז אויסגעלייזט,
זאָג איך, ווי אַלעמאָל, אַז זיין זאָלסטו געגרייסט.

יונגער (קוקט אויף אים און רעדט שטיל):

ביי אים איז גאַנץ דער גלויבן, פעלזיק פעסט,
און מיינער איז צעשפּאַלטן, גאָט מיינער, צעריסן.

ר' שמחה (הערט נישט דעם יונגן און זינגט ווייטער):

צוריקגעבראַכט האָסטו דעם פויגל אין זיין נעסט,
וועסט ווידער איבער אים דאָס ליכט דיינס גיסן,
אַ דאַנק דיין ליבן נאָמען...

פנחס (לויפט אַרויס מיטן לאָמטערן אין דער האַנט):

אוי, רבי, אַזויפיל ליכטיקייט טוט שטראָמען.

ר' שמחה (קערט זיך אום צו אים):

און דו, דעם לאָמטערן האַלטסטו נאָך אין האַנט?

פנחס (קוקט פאַרשעמט):

אַז וואָס האָב איך געוואוסט? אַרויסגעקומען...

(גיט אַ בלאָז אויפן ליכט)

פאַרלאָשן, פיו, פאַרלאָשן...
כ'וויל זאָגן עפּעס, נאָר צוגעקלעפּט די צונג צום גומען,
אוי, רבי, כ'האָב שיר נישט אָנגעוואוירן דאָס לשון...

שמחה (קערט זיך אום צום יונגן):

דו הערסט? דאָס לשון אָנגעוואוירן.

יונגער:

איך הער, נאָר, רבי, מיר אַליין איז נאָך נישט קלאָר...

ר' שמחה (רייסט אים איבער):

ס'איז קלאָר, איך זאָג דיר אַז ס'איז קלאָר.

פנחס (אַ פאַרלוירענער):

איך ווייס נישט, רבי, צי איך טאָר,
נאָר דאָרט, די עדה, שטייט ביים סאַמע טויער.

יונגער (שפּאַרט זיך אָן אויף ר' שמחה'ן):

דאָס האַרץ מיינס, רבי, איז מיר פול מיט טרויער.

ר' שמחה (האַלט אים אונטער, ווי אַ קינד, וואָס האַלט ביים פאַלן):

געבלאָנדזשעט און געבלאָנדזשעט, שטאַרק זיך איצט,
פאַר אונדז איז אָנגעצייכנט אָנצוהייבן פונדאָסניי,
נאָך אויפן סיני, אין די לוחות אויסגעקריצט, —
קער אום זיך, פנחס, צו דער הייל און שריי,
אַז קומען זאָלן זיי, מיט לויב אויף זייער מויל,
די עדה, וואָס איז אויסגעהונגערט, וואָס איז הויל,

ס׳איז אַנגעגרייט גאָטס ליכט, זיין אָנגעבענטשטע ערד,
דורך פיין האָט ער אַהיים אונדז אומגעקערט.
גיי, פנחס, זיי וואַרטן, דאָס הארץ ווערט זיי צעלעכצט.

פנחס (גייט צו דער הייל מיט אַ פריידיק געשריי):

פון הייל, אַרויס פון הייל, מיר זענען שוין דערגאַנגען.

יונגער (הייבט אויף די אויגן און רעדט אַ געשטאַרקטער):

דערגאַנגען זענען מיר, איר זענט גערעכט,
מיט גאַנצע הערצער, מיט גלויבן, מיט געזאַנגען.

(זעט פּנוויִיטנס אַן אַקעראייזן און ווייזט אויף אים מיט דער האַנט):

פון דאָרטן אָנהייבן, פון צווייטן גאָטס באַשאַף.

ר׳ שמחה:

פון ערד? דו זאָגסט דער אָנהייב איז פון ערד?

יונגער:

איך זאָג, אז איר דאַרפט זאָגן, מיינס איז טראַף,
פון אייך האָב איך די ווערטער, דאכט זיך מיר, געהערט.

ר׳ שמחה (נעמט אים ווידער אָן ביי דער האַנט):

געהערט האָב איך, וואָס דאָרטן איז געשען...

(ווייזט אויף דער הייל)

ווי ס׳האָט זיך וויין געמערט
און וואַסער האָט נישט אויפגעהערט,
און איך אַליין בין דאָרטן נישט געווען.

יונגער (צעטומלט):

איך וויים נישט, רבי, סע קומט מיר נישט דער נס.

ר׳ שמחה (ווי ער וואָלט אים נישט געהערט):

און מיין נישט, אַז אָט נעם איך און פאַרגעס,
ווי דו ביסט פון דער הייל אַרויס דער ערשטער.

יונגער (איינגעעקשנ׳ט):

ס׳איז נאָר אַ טרעפעניש געווען, אַ האַנט האָט מיך געפירט.

ר׳ שמחה:

זאָל זיין אַזוי, אויב אַזוי באַגערסטו,
נישט איך וועל ווידערשפעניקן די רייד דיינע,
נאָר זאָגן וויל איך דיר, אַז כ׳האָב געשפירט,

אַז נישט נאָר זון, נאָר אויך אַ מענטש טוט ערגעץ שיינען...

יונגער (דערשראָקן):

חלילה, רבי, איך לייגט אויף מיר אַרויף אַ יאָך.

ר' שמחה:

ס'דאַרף איינער זיין, דער היילער אינעם בראָך.

יונגער:

און איך האָב נאָר געבלאָנדזשעט, און אַליין
געזוכט און נישט געוואוסט וואוהין צו גיין.

ר' שמחה (אומגעדולדיק):

זיי הייבן אָן צו קומען, זעסט? זיי וועלן מאָנען.

יונגער:

איר האָט אַזויפיל גלויבן, רבי, גאַנצן גלויבן.

ר' שמחה (פעסט און באַפעלנדיק):

מ'האָט דיך געשיקט פון אויבן.

יונגער (בייגט אָן דעם קאָפּ):

מ'האָט מיך געשיקט, צי וועל איך קאָנען?

ר' שמחה:

און איך? ווער בין איך? אַן אַלטער ייד,
וואָס שטייט פאַר גאָט מיט אַ געבראָכענעם געמיט,
וואָס האָט מיט לעצטע כוחות זיינע קוים אַרויסגעריסן
דאָס ביסל זען, דאָס ביסל הערן און דאָס ביסל וויסן.

יונגער (גלייכט זיך אויס):

מיט אייער כוח, רבי, מיט אייער אמונה
וועל איך אַרומגאַרטלען מיין שוואַכן ווילן.

ר' שמחה (דאָס פּנים זיינס שיינט אויף):

דו הערסט, ווי זייער פרייד האָט זיך צעדונערט?
הייב אויף פאַר זיי דיין קול, באַפעל...

פון דער הייל הייבן אָן צו קומען אויסגעדאַרטע, מידע מענטשן, זיי שרייען, זינגען, אַ סך טאַנצן, אַנדערע פּאַטשן מיט די הענט. פּנחס גייט פאַר זיי און רופט: „די זענען דאָ, די זענען דאָ".

יונגער (הייבט אויף די האַנט):

ווי וועל איך זיי פאַרשטילן?

ר׳ שמחה (הינטער איס):

דו האָסט דעם כוח, גיב זיך נאָר אַ שטעל.

יונגער (שטייט אַ שטאָלטנער, דאָס קול זיינס קלינגט איבער איבער אַלע):

שטיל איין, מיין פאָלק, די פרייד,
דאָס גליק דיינס, פאָלק מיינס, צוים,
די רגע באַלד פארגייט
ווי אויפן וואַסער שוים,
נאָר וואָס דו שאַפסט און טוסט,
איז אייביק ווי די ערד,
נאָך איר איז אונדזער גלוסט,
צו איר האָט איר באַגערט.

פון דער עדה הערן זיך רופן: „ער פאַרגינט אונדז נישט די פרייד״. אַנדערע שרייען: „שווייגט, לאָזט אים רעדן״. פנחס ווייסט נישט וואָס דאָ געשעעט, לויפט ער צו צו ר׳ שמחה׳ן.

פנחס:

פאַר וואָס נישט איר? ער איז דאָך יונג...

ר׳ שמחה (האַקט אים אָפּ):

דער אייבערשטער האָט אים די ווערטער אויף דער צונג
אַרויפגעטאָן, פאַרשטייסט?

יונגער:

פון פינצטערניש האָט גאָט אונדז אויסגעלייזט,
געבראַכט אַהער, און וואָס איז דאָ זיין מיין?
מיר זאָלן אָנהייבן פונדאַסניי אַליין,
דער פויגל האָט דעם הימל פאַר זיין פלי,
מיט ליבשאַפט טוט די נאַכט די ערד פארהילן,
דעם וואַנדערער אין וועג טוט אַלעמאָל אַ צי
צום קוואַל, דעם דאָרשט זיינעם צו שטילן.
דער קוואַל איז דאָ, און דיינער איז ער, ייד,
די ערד, וואָס האָט דיך לאַנג אַזוי פאַרפרעמדט,
האָט אין דער טיפעניש אַ טרייסט דיר אויסגעבריט,
קומט, ברידער, צו דער ערד, דעם אַקעראייזן נעמט
און אייער חלום אין איר הארצן שניידט.

פנחס (נאָך אַלץ צעשראָקן):

איך ווייס נישט, רבי, זאָגט מיר דעם באַטייט.

ר׳ שמחה:

ס׳איז פּשוט, נישטאָ וואָס צו פאַרשטיין.

יונגער (נעמט אָן אַקעראייזן און הייבט אָן צו אַקערן):

דער אָנהייב איז פון זיך אַליין.

אַלע שטייען צום אָנהייב ווי געפּלעפט, ווייסן נישט וואָס צו טאָן, נאָר ר׳ שמחה שפּאַנט זיך אויך איין אין אַקעראייזן, נאָך אים פּנחס און בּיסלעכווייס קומען די אַנדערע.

איבער דער שטרעקע צעטראָגט זיך געזאַנג:

די ערד איז ערד, ווען ס׳שמעקט פון איר מיט הימל,
און הימל איז דער הימל, ווען איבער ערד געשפּרייט,
פון אָדם ביז אדמה ציט זיך איין געווימל,
פון זון ביז ערד אַרונטער איז אויסגעשמידט איין קייט, —
אַ געזאַנג צו הימל און ערד,
צום צונויפבונד פון זיי ביידע,
ס׳האָט אַ שניידמעסער פון דער שווערד
אויסגעשמידט די הייליקע עדה.

געהייליקט די ערד און דעם הימל איןליידן,
דורך פּיין האָט די עדה קדושה געשפּאַנט,
געבענטשט איז דאָס אַקערן, זייען און שניידן,
געבענטשט איז די צעקאַרבטע, פאַרערדיקטע האַנט, —
דעם פאַרזאָג פונעם אמת פאַרנעם
אויף צו דאַנקען פאַרן גענאָד אים,
השמים שמים לאדוישעם
והאָרץ לבני אָדם.

דער טאָג איז פול מיט דער ערד׳ס געזאַנגען,
די נאַכט זינגט די ערד פון איר איינגעווייד,
ווער ס׳וויל דעם הימלס הייך דערלאַנגען,
דער דאַרף אין זיך טראָגן די פּשוט׳ע פרייד, —

פון דערשפּירן די ערד אין זיין געביין,
דעם צונויפבונד צווישן הייך און נידער,
אין דעם בונד וועט ער צום סוף דערגיין
און דערנאָך צום אָנהייב ווידער.

אַ הויפן ערד האָב איך אָנגעגראָבן,
אַן עמער וואַסער האָב איך אָנגעשעפּט,
ווער ס'וויל איבער זיך דעם הימל האָבן,
דער דאַרף צו אים שטייגן אויף ערדיקע טרעפּ, —
שנייד די ערד אין דער טיף פאַר פאַרזיי
און נאָך טיפער — פאַר וואַקסן פאַרזיי זי,
אויסצוהיילן דיין פיינלעך געשריי
און דעם הימל פאַר דיר אויסצולייזן.

אינהאַלט

שיר השירים מיט עברי־טייטש

אַ געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען 5
קאַפּיטל א 7
" ב 9
" ג 12
" ד 14
" ה 16
" ו 19
" ז 21
" ח 22

גאָט דערבאַרעמדיקער

אל מלא רחמים 25
גאָרער באַשאַף אין געוויין 26
היים פון האַרצן שעפן 27
אַ טאַרבע ליכט 28
קול מבשר 30
אַ הילצערן בריקל 32
דער טרויער טרינקט זון 34
מאַי 1940 35
דאָס אַקאַציע־צווייגל 36
אויף די ברעגן פון דער ווייסל 38
אויף דער שוועל 40
ווידער אָנהייב 42
אָפּגעטאָן דיין טרויער 44
דער פאַרשטעלטער ייד 45
האָסט שוין פאַרברענט 48
אויף אייביק פאַר'קנס'ט 50
דער נאַר פונעם מזמור 53

טולטשין שנת ת״ח 58
נישט דערוואַקסן 61
זינגער מיט גאָט׳ס מן המצר 62
פאַר די שפּעטערע טעג 65

אין דער מדבר ברענט אַ האָרנבוים

לעצטער טרונק 69
דערקענטעניש 70
אפשר וואָלט זיך נישט געלוינט 71
אַ לעבן צו לעבן 72
זעער פון תקוע 73
גדעון 75
אברהם פלאַנצט אַן אישלבוים 76
שאול 78
דער שה 80
הבן יקיר לי אפרים 82
פּראַסטיקע ראָבן 84
טרויעריקער פויגל 85
אויף סיני׳ס רוקן 86
צו גאָט דערגאַנגען 87
אַזוי ווייניק בלייבט 88
אויף דער שטומער צונג 89
אין דער שטילקייט פון נאַכט 90
ס׳איז דערפאַר 91
חבר׳שאַפט געקעפּט 92
אַ שטוב ווי אַ מענטש 94
אייגענע נאַקעטעביימער 96
ס׳נידערן נעכט 97
ווינט 98
טרויעריקער בוים 99
צוריק פון דער זון 100
כחומר ביד היוצר 101
אָקטאָבער 102
הער צו, דו גרויס-בריטאַנער 103
חיים נחמן ביאַליק 106
ושמרו 107
יום השישי 108

דינסטער שאָרך 110
לעבן געקניפּט 111
ביי ניאַגראַ 112
מ'האָט נאָך אים געשיקט 114
אָדלערס אונדזערע 116
דרייסיק מאָן שטאַרק 118
איך בין אַן אַמעריקאַנער 120
מיין דור 122

די מעשה פונעם זיבעטן בעטלער

אַריינפיר 125
ר' נחמן דערציילט 127
זאָלן זיין באַוויליקט 142

צוריקוועגס

געקומען צופאָרן 145
יאָרן פאַלן 149
גרויער טאַטע 152
לעבן 154
אַ שנירל פּערל 156
קליינבן יאָרן 158
אַ משל צו אַ בן־מלך 160
פלעוונע 168
מיין ברודער 173
אַ יידיש קינד 178

די הייל

בילד איינס 183
בילד צוויי 197
בילד דריי 221